STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02185

KRITIK UN POLEMIK

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

קריטיק און פּאָלעמיק

א. אַלמיס ווערק:

די צווייטע עקזיסטענץ (וועגן ספּיריטיזם)
בײַ די ראַנדן (לידער)
אין עליאַשס קיניגרייך (לידער)
פאַר די ליכט (לידער)
די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע
יידישע פאָלקס־מעשיות פון 1863
די רייד פון בודאַ
מענטש און וועלט (עסייען)
פּאַראָדיעס
הומאָרעסקעס און שאַרזשן
ווען ס'גלוסט מיך צו לאַכן (פעליעטאָנען)
אויפן וועג פון די געטער (מצרים, אינדיע, יאַפּאַן, אַמעריקע)
ליטעראַרישע נסיעות (עסייען)
מיט זיך און מיט אַנדערע (עפּיזאָדן און דערציילונגען)
מענטשן און אידייען (עסייען)
געקליבענע לידער
פּאַן־אָריענטאַליזם (וועגן אַ נייער אָריענטאַציע אין דער יידישער פּאָליטיק)
קריטיק און פּאָלעמיק

אין פּויליש:

Legendy żydowskie o powstaniu 1863 r.
(przełożył S. Hirszhorn).

אין ענגליש:

Anti-Semitism — Why?
Men and Problems

,,צייטמעסיקיי און ,,אייביקיי זענען טערמינען, וואָס מיר אַליין האָבן געשאַפן. אָפט געפינען זיך אין דעם, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר ,,צייטמעסיקיי, די קערנער פון אייביקייט, בעת דאָס, וואָס מיר באַצייכענען פאַר ,,אייביקיי, ווערט טיילמאָל אָפגעווישט פון טאָג.

ד י י ו ו י ד ט אַ ר אָ

אינהאַלט:

זייט

פּערזענלעכס (אַנשטאָט א הקדמה) 9
דער אומבאַקאַנטער מענטש 15
דער טויט פון דער פילאָזאָפיע 25
דריי מענטשן אונטער א בוים 33
די פאַרגעסענע קונסט 39
קונסט און סענסאַציע 47
וועלס און קאָהען 55
קאַנאָנען קעגן פילאָזאָפיע 61
אייביקע פראַגן 69
א הימל פאַרן מאַרקסיזם 77
אביסל וועגן ליבע 87
מענדעלע דער פאַרענדיקער 93
דריי שוואַרצע פּעלערינעס (וועגן ראובן ברייני‏ן) 99
ווידערשפּרוך און האַרמאָניע (וועגן ד"ר א. קאַראַלניק) . . 107
פּשטות, פּשט און טייטש (וועגן אברהם רייזען) 113
דער עסטעט אין שטורעם (וועגן זישאַ לאַנדוי) 123
א בבא - מעשה 129
אַסקעט און עסטעט (וועגן יוסף באָוושאָווער) 139
פון כאַאָס צו געשטאַלטונג (וועגן לעאָן קאָברין) 145
אינטויציע און אָריענטאַציע (וועגן ברוך גלאַזמאַן) 151

	זייט
שלום־עליכם און י. ל. פרץ	159
מארקס און דרייזער	165
קריטיק — נוסח כעלם	171
איך זוך די פארלוירענע	179
שעקספירס משפט	187
די אייביקע טעמע: אנטיסעמיטיזם	197
אן אפענער בריוו צו ד״ר ח. זשיטלאווסקי	211
א מוסטער — פאר וועמען?	215
סטאלין און היטלער	221
מאסקווער פראצעסן על־פי לאגיק	229
ציטערדיקע הענט	235
כשר און טריפה	243
דער קאזאק הנגזל	249
פירער ־ קולט	257

פֿערזענלעכס

(אָנשטאָט אַ הקדמה)

דאָס פֿאָלקס־ווערטל, וואָס זאָגט אונז, אַז „דאָס עפּעלע פֿאַלט נישט ווייט פֿון ביימעלע“, קאָן אָנגעווענדט ווערן נישט נאָר לגבי קינדער און עלטערן, נאָר אויך לגבי שרייבער און זייערע ווערק: „דאָס ספר פֿאַלט נישט ווייט פֿון מחבר“... אמת, ס׳זענען דאָ קינ־דער, וואָס זענען גאָרנישט געראָטן אין טאַטע־מאַמע און ביכער, וואָס זענען נישט ענלעך אויף זייערע מחברים, אָבער דאָס איז בלויז אויסערלעך אַזוי. אינערלעך — פּסיכיש — מוזן זיין שייכותן. אויב נישט, מעגן מיר שטאַרק חושד זיין, אַז דאָס קינד, אָדער דאָס בוך, איז אַ ממזר...

אינם לעבן פֿון אַ בוך דאַרף זיך פֿאַר אונז אַנטפּלעקן דאָס לעבן פֿונם מחבר, מעג זיין שאַפֿונג זיין ווי שטאַרק אָביעקטיוו, אומפּערזענלעך. אין לעצטן פֿאַל וועט אונז דאָס ספר געבן מער — און שווערערע — אַרכעאָלאָגישע אַרבעט. דער מחבר מוז אָבער דאָרט זיין.

אַ „צעוואָרפֿענעם“, אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן שריפֿטשטעלער איז — אַזוי מיינט מען — שווערער, אויב נישט אינגאַנצן אוממעגלעך — צו „כאַפּן“. דער קריטיקער, וואָס לייענט זיינע ווערק, פֿרעגט בסדר: ווו ביסטו? צי דאָרט, ווו דו וויינסט, אָדער דאָרט, ווו דו לאַכסט? צי דאָרט, ווו דו בענטשסט, אָדער דאָרט, ווו דו לעסטערסט? אָדער אפֿשר ביסטו אין ערגעץ נישט? אַז ער איז אומעטום, דאָס פֿאַלט אים נישט איין.

אָפּט — צו אָפּט — גיט דער קריטיקער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ דאָקטאָר איבער אַ חולה, וואָס ליידט פון אַ סך קאָמ־פּליקאַציעס. דאָס הייסט: אַ פאַרפאַלענער! דער קריטיקער, וואָס האָט, געוויינטלעך, ליב אַ גראָדע ליניע, וואָס לאָזט זיך לייכט נאָכפאָלגן, פאַרגעסט, אַז אַ שריפטשטעלער, פונקט ווי אַ שניידער, איז געגליכן צו אַ מענטש: אַ ער ווײנט אַמאָל, אַ ער לאַכט אַמאָל; אַ ער גלויבט, אַ ער צווייפלט; אמת, ס׳רוב שריפטשטעלער קאָנצענטרירט די שעפערישע ענערגיע אויף איין „אַטריבוט״, אָדער איינגעשאַפּט, לאָזנדיק די אַנדערע אַטראָפירן. אָבער ס׳זענען אַלעמאָל פאַראַן יוצאי־מן־הכלל.

און מיר דאַכט זיך, אַז דווקא דורך די ווערק פון „צעוואָר־פענעם״ שריפטשטעלער קאָן מען שנעלער און לייכטער דערגיין — אויב נישט צו אַ באַשטימטער ליטעראַרישער כאַראַקטעריזאַציע, איז צו דער אַנטפּלעקונג פון דעם מחבּרס פול, שפּרודלדיק לעבן.

איך האָב דאָס גליק — אָדער אומגליק — צו געהערן צו דער קלענער מינאָריטעט פון „צעוואָרפענע״ שריפטשטעלער. צווישן מיינע ווערק זענען דאָ הומאָר און קריטישע עסייען, פּאַ־ראָדיעס און רעליגיעזע מעדיטאַציעס; שאַרזש און — עקסקורסיעס אין דער אָריענטאַלישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע; טיף־פאַרטראַכ־טע, פון פּעסימיזם־דורכגענומענע, לידער און — חוזק איבער זיך און אַנדערע.

דער ליטעראַרישער אָנהייב גראָד אַ פּעסימיסטישער, וואָס שטימט מיט דער מוראַדיקער אָרעמקייט און פאַרצווייפלונג אין דער סביבה — און דער עיקר אין דער סאַמע שטוב — אָן זונשיין און אָן האָפענונג, ווו כ׳בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, אַזוי אַז פרץ פרעגט אַזש ביים צוועלף־דרייצן־יאָריקן אָנפאַנגער: „וואָס קלאָגסטו אַזוי? זענען דיינע שיפן אונטערגעגאַנגען?...״ אָבער דאָס ערשטע בוך מיינס — „אין עליאַשס קיניגרייך״ — איז אַ זאַמ־לונג פון הומאָריסטישע, שטיפערישע, ווילדיונגערישע ליבעס־לי־דער. די זעלביקע דחקותדיקע, מיט קללות־באַדעקטע סביבה אויף־געענשע, מיט די שטענדיקע לוויה־פּראָצעסיעס, וואָס האָט מיך אָנ־געפילט מיט טרויער און געוויין, האָט אויך אַרויסגערופן די

רעאַקציע פון — געלעכטער, פון זען דאָס לעכערלעכע אין זיך און אין דער וועלט. דער הומאָר, וואָס האָט זיך אין מיר פרי אויפגע־וועקט, האָט מיך געראַטעוועט, איז געוואָרן די בריק פון גענשער בית־עולם צו ליכטיקע האָריזאָנטן.

מיין צווייט בוך — גלייך נאָך דעם שטיפעריש, וווּליונ־גערישן „אין עליאַשס קיניגרייך" — איז „די צווייטע עקזי־סטענץ", אַ שטודיע אין ספּיריטואַליזם, השארת־הנפש, אָקולטיזם... וואָס פאַרא שפּרונג! ווי ווייט איינע פון די אַנדערע! דאָך זענען ביידע גלייך בלוט פון מיין בלוט. און אויב איר ווילט, איז קיין סתירה צווישן זיי נישטאָ, ווי ס'איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דעם בורלעסק־טעאַטער און דער מצבה־קריצעריי (געזען אַזעלכע שכנים אין אַ ניו־יאָרקער גאַס). זיי זענען די צוויי פּאָליוסן פון לעבן. דערביי נאָך עפּעס, וואָס ווייזט, ווי די קריטיק טרעפט אָפט מיטן פינגער אין הימל: די, וואָס האָבן געשריבן וועגן „די צווייטע עקזיסטענץ", האָבן געדרונגען, אַז דער מחבר איז מסתמא אַזוי מוראדיק פאַרליבט אין לעבן, אַז ער זוכט אויך דאָס לעבן אויף יענער זייט „ראָגאַטקע". איז אַזאַ אויספיר זייער ווייט פון אמת. פון דער פּריסטער יוגנט אָן האָט, נישט געקוקט אויף אַלע שווערע ספקות, אָדער אפשר ווידער ווי אַ רעאַקציע צו זיי, געלעבט אין מיר — ג ל ו י ב ן, אמת, נישט באַהאַפטן מיט פאָרמאַליסטישער, דאָגמאַטישער אמונה, נאָר אַן אַבסטראַקטער (זאָל איך זאָגן: פי־לאָזאָפישער?) אָבער פאָרט אמונה, דערין אויך גלויבן אין השארת־הנפש. אָבער אַן אַנדער שטים אין מיין בלוט — די פּע־סימיסטישע — האָט כּסדר געשריגן, אַז איין עקזיסטענץ איז די־והותר, אפשר אויך איבעריק...

נו, האָב איך זיך אַ וואָרף געטון אויף דער וויסנשאַפט, כּדי צו געפינען אַ באַפרייונג פון דעם השארת־הנפשדיקן גלויבן; אָבער, ווי אויף להכעיס, געפונען דעם היפוך — באַשטע־טיקונג (ווי איך בין זיכער געווען), וויסנשאַפטלעכע עדות, ווי לאָדזש, פלאַמאַריאָן, אַרטור היל, דאָיל, מעטערלינק און אַ סך, אַ סך אַנדערע. און עפּעס האָט מיך געשטויסן אַרויס־צוזאָגן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעקליבן

ווענן דעם אָקולטיסטישן ענין. אפשר טאַקע, כּדי זיך צו באַפרייען פון אים? סוף־כּל־סוף ווייסן מיר נאָך זייער קנאַפּ די ווענן און אומוועגן פון אונטערבאַוווּסטזיין און זיינע ציִלן... נאָר, ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט דאָס בוך טאַקע געהאָלפן — זינט דער פאַרעפנטלעכונג פון „די צווייטע עקזיסטענץ" זיך מער נישט אומגעקערט צום ענין...

אָבער דאָס רעליגיעז־גלויביקע איז טיף אין מיר פאַרבליבן, ווי ס'זענען פאַרבליבן אין מיר דאָס סקעפּטישע און פאַטאַליסטישע; דאָס רעוואָלוציאָנערע און דאָס דעפּיטיסטישע; דאָס פריידיקע, דאָס הומאָריסטישע, און דאָס טרויעריקע און אַפילו — דאָס צינישע. זיי „הויזן" אַלע צוזאַמען, שוין צוגעוויינט איינע צו די אַנדערע. ווידערשפּרוכן? אפשר. אָבער אַזוי איז וועלט, אַזוי איז מענטש. אָן ווידערשפּרוכן איז קיין האַרמאָניע נישטאָ. האַרמאָניע איז נישט איינס, נאָר פ אַ ר א י י נ ס ו נ ג פון אַ סך מאָטיוון, פון אָן אַ שיעור ניואַנסן.

דערפאַר, ווען איך קוק אויף מיינע ווערק — צווישן זיי פּאַראָדיעס און „די רייד פון בודאַ"; „ווען ס'גלוסט זיך מיר צו לאַכן" און „אויפן וועג פון די געטער"; „הומאָרעסקעס און שאַרזשן" און די „כינעזישע פילאָזאָפיע"; פעליעטאָנען און „געקליבענע לידער" — זע איך אין זיי נישט קיין ווידערשפּרוכן, נאָר אַ האַרמאָנישן סך־הכּל, אָן איינס פון אַ סך, אַ פאַרשיידנאַרטיקן אויסדרוק פון איין מענטשלעכן אמת — פון מ י י ן אמת.

דאָ וואָלט איך שוין געענדיקט, ווען נישט דאָס וואָרט „רעוואָלוציאָנער", וואָס כ'האָב אָקאָרשט דערמאָנט. אויך דאָס? וועט עמעצער סאַרקאַסטיש פרעגן. און נישט ווייל ער מיינט, אַז דאָס איז מיר קיינמאָל נישט איינגן געווען, נאָר ווייל ער איז זיכער, אַז איך האָב זיך שוין לאַנג דערווייטערט דערפון. דער און יענער קאָלעגע זאָגט מיר טאַקע, אַז אין די לעצטע יאָרן בין איך געוואָרן קאָנסערוואַטיוו, ממש רעאַקציאָנער, יעדנפאַלס אין מיין שרייבן (אָבער איך לעב זיך דאָך פולשטענדיק אויס אין מיין שרייבן, וואָרן קיין כּלל־טוער בין איך נישט). פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? פון מיין באַציִונג צום קאָמוניזם, וואָס כ'האָב מיט

אים קיינמאָל קיין שותּפות און קיין שלום נישט געוואָלט מאַכן. אויב אַזוי, איז איינס פון די ביידע: אָדער איך בין אַלעמאָל געווען רעאַקציאָנער, אָדער איך בין נאָך איצט רעוואָלוציאָנער. איך האָב זיך אַלעמאָל פּאָרגעשטעלט די מענטשלעכע באַפרייונג ווי די באַפרייונג פון דעם מענטש, פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. דעריבער קאָן איך נישט אָננעמען קיין שום דיקטאַטור און נישט די קאָלעקטיוויסטישע שיטה, וואָס דערשטיקט דעם יחיד.

אויך קאָן איך בשום־אופן נישט אַקצעפּטירן דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם, וואָס איז, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, נישט נאָר להיפּוך דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און דעם גאַנג פון דער געשיכטע, נאָר אויך דורכויס אומוויסנשאַפטלעך — אין ליכט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. אַזוי האָב איך געגלויבט מיט דרייסיק יאָר צוריק. אַזוי גלויב איך היינט. מיין אידייע פון דער מענטשלעכער דערלייזונג האָט זיך נישט געביטן אין לויף פון די יאָרן. זי שפּיגלט זיך קלאָר אָפּ אין מיין בוך „מענטש און וועלט" און אין מיין פיל־שפּעטערדיק בוך „מענטשן און אידייען", ווי אין מיינע לעצטע עסייען און אַרטיקלען, וואָס אַ טייל פון זיי גייען אַריין אין דעם פּאָרליגנדיקן בוך. איך האָב אפילו די „חוצפּה" צו זאָגן, אַז רעאַקציאָנער זענען יענע, וואָס פאַרצאַמען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, וואָס פאַרלייקענען אַלע גייסטיקע כּוחות אין מענטש און וועלט און קוועטשן אַריין דעם „האָמאָ סאַפּיענס" אין דעם סדום־בעטל פון אַן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל צוגעשניטענער שיטה.

און אַ רעזומע פון מיין פיל־זייטיק שאַפן אין משך פון דרייסיק יאָר וועט אַרויסקומען אַזוי: דער פיל־זייטיקער אויסדרוק (און דערמיט אויך באַפרייונג) פון דעם מחבּרס פּערזענלעכקייט; סימפאָניע פון אַ סך קלאַנגען און אַ האַרמאָניע פון אַלערליי „ווידערשפּרוכן".

א. אַלמי (א. ח. שעפּס)

דער אומבאַקאַנטער מענטש

אין אַ וועלט פון ווידערשפּרוכן, צעטומלונג, בלוטיקע אַר־גיעס, האַס, קריזיס און האָפענונגלאָזיקייט שטייט דער מענטש אַ צע־שראָקענער און — זוכט שולדיקע. און אַז עמעצער, אָדער עפּעס, מוז זיין שולדיק אין דער אומזיכערקייט פון דער סאָציאַלער, פּאָ־ליטישער און עקאָנאָמישער סטרוקטור — אין דעם איז ער אַזוי איבערציינט, ווי זיין אורזיידע, וואָס האָט אין אַלע פּאָרפאַלן און אומגליקן געזען די אַרבעט פון גייסטער, פון אַלערליי רוחות. כ'מאַכט פאַר שולדיקע יחידים און גאַנצע פעלקער, אידייען און אידעאַלן; און דער פּאָטאָלאָגישער אַנטיסעמיט, דאָס הייסט, דער, וואָס איז נישט קיין באַוווסטזיניקער דעמאַגאָג, נאָר גלויבט באמת אין דעם, וואָס ער זאָגט, טייטלט פון שטענדיק אָן מיטן פינגער אויפן ייִד: ער איז שולדיק; אָבער זעלטן זעט ווער די שולד אין דעם פאַקט, וואָס דער מענטש געפינט זיך נאָך אין דער איבער־גאַנג־שטופע פון חיהשקייט צו מענטשלעכקייט. די חיה־דעה בו־שעוועט נאָך שטאַרק אין מענטשנס בלוטן. אַמאָל איז דאָס מענטש־לעך־עטישע אין אים גובר און ער באַרויִקט זיך אויף אַ צייט; און אַמאָל צעיאַכמערט זיך די חיה, דער פינסטערער אור־וואַלד, ווי וואַטאַן און טאָד שאַלטעווען נאָך, ווי דער רויער אינסטינקט איז דער איינציקער מושל. אין אַזאַ מאָמענט פאַלן־אַראָפּ אַלע מאַס־קעס פון קולטור און ציוויליזאַציע און ס'באַווייזט זיך דער העס־לעכער פנים פון אַ מאָנסטער, אויסגעשמירט אין בלוט.

דער מענטש איז אויסגעפורעמט „אין געשטאַלט פון גאָט" בלויז פיזיש, בלויז אויסערלעך, אָט־אַזוי ווי די וועלט, אין וועל־

כער ער לעבט, ווי די ערד, וואָס פון איר ציט ער זיין לעבנס־זאַפט און וואָס צו איר קערט זיך זיין גוף אום. פון דרויסן — אַ פעטע, זיכערע ערד, אַ האַרטע קאָרע, מעכטיקע פעלזן, גיגאַנטישע בערג. אָבער אינעווייניק, אינם אינגעווייד פון דער ערד — פליסיקע מאַסע, אומרו, קאָך, שׂרפה און שטורעם. פּלוצים רייסט זיך די אומרו אינדרויסן אַרויס. אַן אויפטרייסל. די שאָלעכץ פּלאַצט. שטעט פאַלן־פונאַנדער ווי קאָרטנשטיבלעך. בערג צעשיטן זיך, טייכן און ימען גיסן זיך אויס, בערג שפּייען מיט גליִענדיקער לאַווע. חורבן, טויט און אומגליק פאַרשפּרייטן זיך אויף מיילן און מיילן. אַט אַזוי דער מענטש. ביידע זענען נאָך אינעווייניק נישט פאַרפעסטיקט; מענטש און ערד — ביידע נאָך אָרגאַניש רוי, ביידע נאָך נישט פאַרטיק. די קולטור אויפן מענטש איז ווי שאָלעכץ איבער דער ערד; זי פאַרדעקט אומהדיקע תהומות, מוראדיקע לאַבירינטן פון שטורעם, פון כאָאָס, פון צעשטערערישע כוחות.

אָבער דער מענטש האָט מורא פאַר זיך אַליין, שרעקט זיך אַריינצוקוקן אין דעם תהום פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט, פון זיין נשמה. און ער זוכט שדים און רוחות, סיי פּרימיטיווע מיט הערנער, סיי — אין אונזער צייט — באַפּראַקטע, ציוויליזירטע טייוולאָנים, אָדער גאָר וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיעס, וואָס אויף זיי זאָל ער קאָנען וואַרפן די גאַנצע שולד. דאָס מאַכט אים לייכטער און באַקוועמער. דאָס נעמט אַראָפּ די אחריות פון זיינע אייגענע פּליִיצעס. אפילו די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט — און אויך די פּסיכאָ־אַנאַליטישע שיטה אין איר, וואָס האָט מער פון אַנדערע פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס געהאַט דעם קוראַזש אַראָפּצולאָזן זיך אין די לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט — אויך זי האָט מורא געהאַט צו גיין צו ווייט: סעקס, פּחד, קאָמפּלעקסן, רעפלעקסן און נאָך אַזעלכע טערמינען, וואָס זאָגן אַ סך און זאָגן, ענדלעך, גאָרנישט, וואָרום אויב אפילו זיי זאָלן טאַקע דערקלערן דעם „ווי אַזוי" פון געוויסע פּסיכישע דעפעקטן, דערקלערן זיי אָבער נישט דעם „פאַרוואָס", און דאָס איז דערפאַר, וואָס די פּסיכאָלאָגישע שיטות נעמען דעם מענטש *באַזונדער*, פירן אים אַרויס פון דעם וועלט־בילד, אָדער וועלט־ראַם. אָבער, אויב

ס'איז אמת, אז דער איינציקער און בעסטער וועג, דורך וועלכן דער מענטש קאָן — און מוז — דערגיין צו דער וועלט, איז דורך זיך אליין, ווייל קיין אנדער וועג איז פּאַקטיש נישטאָ. איז עס נישט וויניקער אמת, אז דער איינציקער וועג צו דערגיין צום מענטש, איז — דורך דער וועלט. פּונקט ווי אין אַ הויז קומט מען אריין פון דרויסן, אזוי מוז מען אויך פון דרויסן אריינגיין אין מענטש אריין. פון דעם פּלאַנעט־סיסטעם און פון די ווולקאַנען און אונטער־ערדישע שיכטן אויף אונזער אייגענעם פּלאַנעט קאָנען מיר מער לערנען מכּוח דעם מהות פון דעם מענטש, ווי פון די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וואָס רינגלען אים ארום, נישט בלויז דערפאַר, וואָס אָט־די באַדינגונגען זענען דאָך טאָקע פון מענטש אליין געשאַפן און זענען דערפאַר נישט קיין סיבות, נאָר פּועל־יוצאס; אויך נישט בלויז דערפאַר, וואָס דער מענטש איז אַ קאָמפּאָזיציע פון די זעלביקע עלעקטראָ־נען, אטאָמען און מאָלעקולן, וואָס דער גאַנצער באַשאַף, נאָר, דער עיקר, ווייל ביידע, דער מענטש און די וועלט, זענען באַהערשט פון די זעלביקע כּוחות און גייען־דורך די זעלביקע עוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, סיי פיזיש, סיי גייסטיק.

אויף דער גרונטיק־טיפער פראַגע, וואָס האָט זיך ארויסגע־ריסן פון דעם אימפּעטיקן יידישן דיכטער, מאָרים ראָזענפעלד: „קראַנק איז איינער פון אונז ביידן, זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?״ — איז דאָ איין ענטפער: ביידע. יאָ, ביידע ליידן פון די אייגענע חולאתן, נישט מער, וואָס דער מענטש נעמט ארום אַן אומגעהייער־קלענערן שטח, אָט ווי דאָס קליינע פּויערישע שטיבל קרייזט ארום און נעמט אין זיך אריין וויניקער וועלט — שטח, לופט און די פאַרשיידענע נאַטור־כּוחות — ווי די 102־שטאָ־קיקע עמפּייר־סטייט־געביידע אין ניו־יאָרק, אָבער ביידע אַנט־האַלטן אין זיך די זעלביקע וועלט, ז ע נ ע ן בתּוך די זעלביקע וועלט. אזוי קאָן מען אויך גיין צו מדרגות, וואָל זענען אַ סך ני־דעריקער פון מענטש, צו די קליינע ברואימלעך, וואָס ווימלען זיך אומעטום, ווי דאָס טוט ד״ר ה אַ נ ס ז י נ ס ע ר, אַ ביאָלאָגיע־פּראָ־פעסאָר אין האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, אין זיין בוך „שטשורעס,

ליין און געשיכטע‟*), ווי ער ציט פּאַראַלעלן צווישן שטשורעס, ליין און דעם שטאַלצן האָמאָ־סאַפּיענס, קומענדיק צום אויספיר, אַז די ערשטע צוויי זענען פאַרגינפּטיקער, מילדער; אַז דער מענטש איז בטבע גרויזאַם. איז דאָ גאַרנישט וויכטיק, וועד ס'איז גרויזאַמער, אויב מ'קאָן דאָס בכלל באַווייזן. דער עיקר איז, וואָס דער שטשור איז אַ קלענערע וועלט, אָבער וועלט — ווי דער מענטש, ווי די ערד, נאָך נישט פאַרענדיקט אין דעם לאַנגזאַמען פּראָצעס פון עוואָלוציע. דאָ איז אויך נישט אַזוי די פראַגע פון גרויזאַמקייט, ווי פון רויקייט, וואָרום פּראָפ. זינסער פאַרזעט אינגאַנצן די גוטע כּוחות, די שעפערישע דראַנגען אינם מענטשן, וואָס אַן זיי ווערט דער מענטש און די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע אַ האָפענונגסלאָז געביט און מ'מוז אַריינפאַלן אין שווערסטן פעסימיזם. זיי, די גוטע כּוחות, וועקן אין אונז די האָפנונג, אַז סוף־כּל־סוף וועלן זיי מנצח־זיין איבער דער ווילד־קייט, איבער דער רשעות, איבער דעם רויען געוואַלט, איבער דעם משוגענעם כאַאָס, און געשטאַלטיקן אויף דעם אינעווייניקסטן מענטש „בצלם אלוהים‟.

נאָך נענטער גייט־צו צום פּראָבלעם מענטש אַן אַנדער גע־לערנטער, ד״ר אַלעקסיס קאַרעל, איינער פון די גרעס־טע פיזיאָלאָגן און כירורגן פון דער היינטיקער צייט, אַ נאָבעל־פּרעמירטער, אין זיין בוך „דער אומבאַקאַנטער מענטש‟**). זיין בוך האָט אויפגעשטורעמט די וויסנשאַפטלעכע וועלט, איבער־הויפּט ביאָלאָגן, פיזיאָלאָגן און מעדיקער, וואָרום זיין אַרויסטריט איז אַן אמתע רעוואָלוציע אויף זייערע ספּעציפישע געביטן, אַ רע־וואָלוציע, וואָס וועט אפשר האָבן אַ גרעסערע באַדייטונג אינם פּראָצעס פון דערקענען דעם מענטש און אפשר אויך אין זיין רע־טונג, ווי אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וואָס ענדערן בלויז די פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, אָבער נישט דעם תּוך־מענטש, דעם מענטשלעכן מהות. ד״ר קאַרעל איז דער ערשטער

*) Dr. Hans Zinsser: Rats, Lice and History.

**) Dr. Alexis Carrel: Man, the Unkaown.

פילאָזאָף און כירורג, וואָס איז מודה, אַז דער מענטש האָט אַ נשמה (בעת וויכטיקע פאָרשטייער פון אַנדערע וויסנשאַפטן האָבן דאָס שוין לאַנג „דערזען"). ביים מעדיקער, איבערהויפּט ביים כירורג, ווי ביים מאַטעריאַליסט בכלל, איז דער מענטש נישט מער ווי אַ מאַשין. דער כירורג טענהט: „איך שנייד דעם מענטשלעכן קערפּער, צעגלידער אים מיטן מעסער, זע די מעכאַנישע פונקציעס פון גוף—קיין נשמה געפין איך נישט". ד"ר קאַרעל האָט יאָ געפונען. ער האָט זיך איבערצייגט אין דער אומגעהייערער קראַפט פון היפּנאָטיזם, ער איז געווען דער עדות פון קלעירוואָיאַנס (העלזעונג), פון אויטאָ־סוגעסטיע, פון טעלעפּאַטיע, פון נבואה; האָט זיך איבערצייגט אַפילו אין דעם געהיימניספולן כוח פון תפילה ביים היילן קראַנקהייטן, ווו די מעדיצין איז הילפלאָז, און ער האָט קיין מורא נישט פאַר די דאָגמאַטיקער פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט דאָס אַרויסצוזאָגן אָפן, מודה צו זיין, אַז דווקא זיין כירורגישע פּראַפּעסיע האָט אים דערפירט צו מיסטיציזם, ווי די לאַבאָראַטאָרישע פאָרשונגען האָבן דערפירט צום זעלביקן „איזם" די גרעסטע אַסטראָנאָמען, פיזיקער און מאַטעמאַטיקער פון אונזער צייט.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז ד"ר קאַרעלס בוך וועט מיט דער צייט מאַכן אַזאַ איבערקער אין דער מעדיצין, ווי פריער ניוטאָנס און דערנאָך איינשטיינס שיטות אין דער אַסטראָ־פיזיק, וואָרום דער ביזאַיצטיקער צוגאַנג פון דער מעדיצין צום מענטש איז געווען אַן איינזייטיקער, אָנערקענענדיק בלויז איין טייל פון דעם מענטש, דעם פיזישן, בעת דעם גייסטיקן האָט זי להלוטין נישט דערזען און דערמיט געהינדערט איר אייגענע אַנטוויקלונג. אָבער ד"ר קאַרעל האָט נאָך אויך נישט דערזען די ג א נ צ ע מענטשלעכע וועלט. ער האָט בלויז דערבליקט די שעפערישע, די „גוטע" כוחות אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אויסגעלאָזן פון אויג די צעשטערערישע, די חיהשע אימפולסן, ווי ד"ר זינסער האָט אויפגענומען בלויז דאָס בייזע, דאָס פינסטערע און פאַרזען דאָס גוטע, דאָס ליכטיקע. אָבער ביידע האָבן זיך דערוועגט אַראָפּצולאָזן אין די תהומות פון אַ רוייער, נישט אויסגעפורעמטער, נישט אויס־

פאַרמירטער וועלט, אַנשטאָט זיך צו באַנוגענען מיט שפּרוכן, ווי דאָס טוען טעאָלאָגן, פסיכאָלאָגן, סאָציאָלאָגן און אַנדערע „לאָגן".

אמת, גישט ד"ר קאַרעל, נישט ד"ר זינסער בויען־אויף וועל־בער־ס׳איז טעאָריע אויף זייערע אויספירונגען, גריבלען זיך נישט אין די סיבות, אין די אומבאַוווסטזיניקע און אונטערבאַוווסטזי־ניקע מאָטיוון פון די מענטשלעכע כוחות און האַנדלונגען, ווי דאָס טוען אַנדערע פאָרשטייער פון די פסיכאָלאָגישע, ביאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע וויסנשאַפטן, — אָבער זיי גיבן אונז א קלאָרן באַ־ריכט פון זייערע באַאָבאַכטונגען. גאַנץ אַנדערש טרעט־צו צום פּראָבלעם מענטש גראַף אַלפרעד קאָרזשיבסקי, א פסיכיאַטער און מאַטעמאַטיקער, גרויס אויףביידע געביטן. ווי א פסיכיאַטער גראָבט ער זיך קודם (אין זיין ווערק „סייענס ענד סאַניטי", א בוך פון 798 זייטן*) אין דער פסיכיק פונם מענטש און קומט צום אויספיר, אַז גוטע ניינציק פּראָצענט פון דער מענטשהייט איז אומנאָרמאַל, צעדרייט, אָדער פּראָסט־פּשוט משוגע. דערפאַר אַזא אומגליקלעכע וועלט. און טאַקע: וואָס קאָן מען דער־וואַרטן פון א וועלט, וואָס איז באַזעצט און ווערט געפירט פון משוגעים?.... אָבער ד"ר קאַרזשיבסקי שטעלט זיך דערביי נישט אָפּ. ער זוכט א שולדיקן און — געפינט אים. דער שולדיקער, אָט־דער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער פסיכישער צע־רודערונג פונם בן־אדם, איז אונזער אַלט־באַקאַנטער אַריסטאָטל. אַזוי זיכער איז ער אין דעם, אַז ער האָט אויפגע־בויט א גאַנץ סיסטעם — א נישט־אַריסטאָטעליש סיסטעם — און ער איז נישט דער איינציקער אַנטי־אַריסטאָטעליאַנער, וואָרום זיין בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער נישט־אַריסטאָטעלישער ביבליאָטעק".

דער געלערנטער האַלט, אַז בעת ווי וויסנשאַפטלעך לעבן מיר אין א נייער ערא, שטעקן מיר נאָך אָבער סאָציאַל און ווערבאַל אין וויטן עבר — אינטערשטעליס אויף כאָטש צוויי טויזנט יאָר.

*) Alfred Korzybski: Science and Sanity.

דער גיוטאָנישער אוניווערס, די אַריסטאָטעלישע מעטאָדן פון דענ־קען און דער יוקלידישער רוים זענען פולשטענדיק צעטריסלט און אויף זייער אָרט האָבן מיר אַ רעלאַטיוויסטישן קאָסמאָס און אַ פיר־דימענזיאָנעלע רוים־צייט; די מייסטע פון אונזערע פונדאַמענטאַ־לע אידייען, ווי אידענטיטעט און קאַוזאַליטעט זענען אילוזיעס, וואָס זענען דער פועל־יוצא פון אומוויסנקייט און פעלערהאַפטע מענטאַלע פּראָצעסן; אונזער גאַנץ וויסן איז סוף־כל־סוף ווערבאַל. אָבער אַזוי ווי אונזער שפּראַך האָבן מיר געירשנט פון די אור־אַל־טע צייטן, איז זי צו פּרימיטיוו און אַנימאַליסטיש פאַר די נייע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. איר בוי איז נישט אין הסכם מיט דעם מענטשנס נערוון־סיסטעם און מיט דעם אוניווערס. און דער־פאַר... נישט נאָר דערלאָזט זי אונז נישט אַקצעפּטירן און אַסימי־לירן די נייע מעטאָדן און אַנטדעקונגען אין מאַטעמאַטיק, נאָר זי איז אַבסאָלוט שעדלעך און צעשטערנדיק פאַר אונזער מענטאַלן געזונט און סאָציאַלן פּראָגרעס.

דאָ גייט קאָרזשיבסקי איבער צו אַריסטאָטעלען. נישט נאָר קומט צו אונז די שפּראַך פון פרעהיסטאָרישע צייטן, נאָר אויך די גע־זעצן פון דער שפּראַך, די מיינונגען, וואָס מיר דריקן דורך איר אויס, די פאָרשטעלונגען און בילדער, וואָס מיר שטעלן פון די ווערטער צונויף — דאָס אַלץ איז פאָרמולירט געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אין דער אַריסטאָטעלישער לאָגיק. דער דאָזיקער ווידערשפּרוך צווישן דער שפּראַך (און די מעטאָדן פון דענקען) און די נייע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, דער „פאַקט", וואָס דאָס וואָרט שטייט ווי אַ מחיצה צווישן אונז און דעם אוניווערס— צעשמעטערט אונזער גייסטיק געזונט, אונזער נערוון־סיסטעם. אַזוי גלויבט דער נישט־אַריסטאָטלישער געלערנטער און ער באַנוגנט זיך נישט מיט דעם דיאַגנאָז, נאָר פאַרשרייבט אויך אַ רפואה: אַ נייע, נישט־עלעמענטאַליסטישע טערמינאָלאָגיע, וואָס זאָל אונז דערמעגלעכן אויפצונעמען די נייע וועלט, ווי די מאָדערנע וויסנ־שאַפט זעט זי — אַ שפּראַך פון מאַטעמאַטישע פאָרמולעס...

אין דער אייגענער צייט קומט פ. ע מ ע ר ס אָ ן אַ נ ד ר י ו ס,

אין זיין בוך „ניו נאָמבערס" (נייע נומערן*) און וויל אַ רעוואָלוציע אין דער מאַטעמאַטיק; וויל אויסראָטן דאָס פּרימיטיווע פון דער ציפערן־שפּראַך, ווי קאָרזשיבסקי פון דער ווערטער־שפּראַך. די גאַנצע ישועה וועט קומען, לויט אַנדריוסעס מיינונג, ווען מיר וועלן בייטן די אוניווערסאַלע נומעראַציע פון דעם באַזיס 10 אויף אַ באַזיס פון 12, וואָרום דער 10־יסוד איז איינגעפירט געוואָרן פון דעם פּרימיטיוון מענטש, דעם פּרא־אדם, וועלכער האָט געציילט אויף זיינע צען פינגער... מיט 12, אַנשטאָט 10, וועט דאָס גאַנצע מאַטעמאַטישע סיסטעם ווערן לייכטער, צוטריטלעכער, כמעט יעדער מענטש וועט קענען פאַרשטיין איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע — יעדנפאַלס וועט ער זיך אויסלערנען דענקען מאַטעמאַטיש. אזוי גלויבט אַנדריוס, אָבער נישט מיט אזא בייזקייט און שווערקייט, ווי דער נישט־אַריסטאָטלישער גראַף, נאָר, אדרבא, לייכט, שפּילעוודיק, מיט אַ שמייכל, און ער פאַרנעמט בלויז 168 זייטן, אַנשטאָט די קנאַפּע 800 געדיכטע זייטן ביי קאָרזשיבסקין.

זייער מעגלעך, אַז סיי די פאַרעלטערטע שפּראַך, סיי די אַריסטאָטלישע לאָגיק, סיי דער צען־פינגערדיקער מאַטעמאַטישער יסוד זענען שטערונגען אין דער אַנטוויקלונג און באַלאַנסירונג פון דער גייסטיקער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, ווי דאָס זענען, אָן ספק, די נישט־גלייכע סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איינשטעלונגען; אָבער דער סאַמע עיקר ליגט פאָרט אין דער נישט־פאַרטיקייט פון דער אינערלעכער מענטש־וועלט, אַ פאַקט, וואָס מיר מוזן אומבאַדינגט אין זינען האָבן, בעת מיר טרעטן צו צום מענטש, ווי דער געאָלאָג האָט דאָס אין זינען ביים פאָרשן די ערד — אַ פאַקט, וואָס אויף אים האָבן ריכטיק אָנגעוויזן די 339 פּסיכיאַטאָרן און מעדיקער, פאַרזאַמלט אויף אַ קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, אין זייער מאַניפעסט צו די רעגירער פון דער וועלט, אין פאַרבינדונג מיט דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה

*) F. Emerson Andrews: New Numbers.

און דער געפאַר פון אַ וועלט־קריג. אין אַט־דעם מאַניפעסט ווייזן זיי אָן אויף די רויע, צעשטערערישע כּוחות אינם מענטשן, וואָס זענען פון אויבנאויף פאַרדעקט מיט דער שאָלעכץ פון קולטור, אָבער וואָס רייסן זיך אַרויס בעת אַ מלחמה־פּסיכאָז און זענען קאַפּאַבל צו פאַרטיליקן די וועלט. אַט אַזוי דאַרף מען וואָרענען יעדן יחיד באַזונדער קעגן דער אינעווייניקסטער רויקייט, כּאַאָטישקייט און בעסטיאַליטעט אין זיין בלוט, וואָרענען דעם מענטש קעגן זיך אַליין, אים האַלטן באַוווסטזיניק מכּוח דער געפאַר, וואָס ער איז פאַר זיך אַליין און פאַר זיינע מיטמענטשן, אויב ער וועט זיך נישט אָנשטרענגען צו קאָנטראָלירן, גובר צו זיין די בלינדע סטיכיע אין זיך און געשטאַלטיקן זיין גייסטיקן עגאָ אין דעם פורעם פון גאָט...

איך וועל זיך צום סוף דערלויבן אַ פּשטל — אפשר אַ צו מגידיש — אויף דער גמרא, וואָס זאָגט, אַז משיח וועט קומען אין אַ צייט פון כּולו זכּאי אָדער כּולו חייב. דער משיחיסטישער, פרידלעכער צוזאַמענלעבן צווישן יחידים און פעלקער (ווילט זיך דערויף זאָגן) וועט רעאַליזירט ווערן, ווען אַלע וועלן זיך אָנערקענען גלייך שולדיק — און דאָס מיינט אויך: גלייך אומשולדיק. וואָרום אויב אַלע זענען שולדיק, איז ממילא קיינער נישט שולדיק. איין פאָלק קאָן נישט אָנווייזן אויף אַן אַנדער פאָלק, אָדער איין יחיד אויף אַן אַנדער יחיד, ווי אויף דעם שולדיקן אין אַלע צרות און דערמיט ווערט אַוועקגענומען דער באָדן פון אַלערליי העצעס, פון קעגנזייטיקן האַס, שאָוויניזם און דזשינגאָיזם. אָבער בכדי צו ברענגען צו אַזאַ אידעאַלער מדרגה, זענען נויטיק צוויי באַדינגונגען: פון איין זייט צוצוגיין צום מענטש פון אַן אוניווערסאַלן פונקט, ד. ה. זען אין אים אַן אומרייפן פּראָדוקט פון אַן אומרייפער וועלט, וואָס ביידע דאַרפן נאָך דורכגיין אַ לאַנגן, שווערן וועג צו שלמות; פון דער אַנדערער זייט דערציִען דעם מענטש **יחידיש**, ד. ה. אָפּגעבן זיך קודם מיט דעם יחידס אינעווייניקסטער וועלט, מיט זיינע פאַרבאָרגענע סטיכיעס, אינסטינקטן, אימפּולסן, כּסדר האַלטן וואַך זיין באַוווסטזיין צום

פּאַקט, אַז ער איז נאָך כאַאָטיש, און דערנאָך ערשט אריינברענגען סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן (די באַציִונגען צווישן יחיד און געזעלשאַפט, צווישן יחיד און נאַציע א. א. וו.) — דאָס דאַרף זיין די עובדה פון די סאָציאָלאָגן און פּעדאַגאָגן.

דער טויט פון דער פילאָזאָפיע

ה. ל. מענקען, דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס קאָנקורירט מיט בערנאַרד שאָו אין פּאַראַדאָקסאַלער ווערטל־זאָגעריי, האָט זיך פּלוצים ארומגעקוקט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך. ווי פילאָזאָפיע און ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש אריין: „מ'דאַרף נישט!" אַן איבעריקע זאַך, אַ נאַרישע זאַך, די פילאָזאָפיע, אַ וויסט איבערבלייבעניש פון אַלטערטום, און ער פּאָדערט, אַז אָט שוין, תיכף־ומיד זאָל מען די פילאָזאָפיע אָננעמען ביי דער טשופּרינע און זי ארויסוואַרפן פון די אוניווערזיטעטן. אוים פילאָזאָפיע! דאָס איז, חלילה, נישט געזאָגט געוואָרן אויף קאַטאָוועס, נאָר טאַקע אין פולן ערנסט, מיט גרויס זעלבסט־זיכערקייט. אָט לייענט, אדרבא, זיינע אייגענע ווערטער („אַמעריקאַן", 20 אויגוסט, 1934): „איינס פון די קוריאָזע איבערבלייבענישן פונם אַלטערטום אין די אוניווערזיטעטן, — שרייבט מענקען, — איז דאָס לערנען די אַזוי־גערופענע פילאָזאָפיע. זי קומט צו אונז פון אַ צייט, ווען ס'איז נאָך נישט געווען קיין וויסנשאַפטלעכער מעטאָד, אָדער עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפט און מענטשן האָבן נאַיִוו געגלויבט, אַז אַלע פּראָבלעמען קאָנען געלייזט ווערן פּשוט דורך דענקען".

נאָכדעם, ווי מענקען פּסקנט אָפּ, אַז דער פילאָזאָפיעס „ווערט פאַר דער וועלט איז געווען און איז אַזוי גוט, ווי גאָרנישט" און אַז „קיין איין איינציקע אידייע, וואָס זאָל פאַר ווען ס'איז האָבן עפּעס אַ ווערט, איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די פּראָ־

פעסיאָנעלע פילאָזאָפן זינט דעם גריכישן פעריאָד'' — שרייט ער אויס: ,,מיר זענען פטור געוואָרן פון אַסטראָלאָגיע, אַלכעמיע און כּישוף, אָבער מיר זענען נאָך העפלעך צו אַ סאָרט אומזין (נאָנסענס), וואָס איז אַ סך ערגער, שוין דערפאַר אַליין, וואָס דערמיט פאַרנעמען זיך קליגערע מענטשן און ס'האָט דערפאַר אַ בכּבודיקערן אויסזען''. אמת, מ'קאָן דאָ פרעגן דעם באַלטימאָרער חכם אַ קשיא: אויב די גריכישע פילאָזאָפיע האָט יאָ געהאַט אַ ווערט, פאַרוואָס זאָל מען זי נישט טאָרן לערנען אין אוניווערזיטעטן? אָבער אַזאַ פראַגע וואָלט געווען לאָגיש פאַר איינעם, וואָס געדענקט כאָטש, אַז זינט דעם גריכישן פעריאָד האָבן מיר געהאַט אַ שפינאָזע, אַ קאַנט, און די אַלע גרויסע דענקער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, און אַז אויך אַצינד האָבן מיר אַ בערגסאָן, נישט צו דערמאָנען אַ סאַנטאַיאַנאַ, וואָס דעם ווערט פון זיינע אידייען קאָן קיין שום פאַרנינפטיקער מענטש בשום־אופן נישט אָפּלייקענען.

ווען מענקען זאָל זיין דער איינציקער, וואָס האַלט די פילאָזאָפיע פאַר אַן אומזיסט אָנשיקעניש, וואָלט אפשר נישט געלוינט קיין וואָרט צו פאַרלירן. אָבער אַזוינע שטימען הערן זיך אין די לעצטע יאָרן אַלץ אָפטער סיי אין אַמעריקע, סיי אין איראָפּע, און אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז דאָס ,,אַבסטראַקטע'', שפּעקולאַטיווע דענקען מחוץ דעם גבול פון די איינמאָל פאַר אַלעמאָל ,,פעסטגעשטעלטע'' אמתן פון מאַרקסיזם, — סתם קאָנטער־רעוואָלוציע און טאָר נישט געדאַכט ווערן. אמת, עס הערן זיך אויך פאַראיינצלטע שטימען, וואָס רופן צו אַן אויפלעבונג פון דער פילאָזאָפיע, ווי, למשל, דאָס אַרטיקל, וואָס ד''ר בענדזשאַמין גינזבורג האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אין דער ,,ניישאָן'', אָבער בכלל איז די באַציִונג צו דער פילאָזאָפיע אין דער איצטיקער צייט אַ נעגאַטיווע, אָדער גלאַט אַ גלייכגילטיקע, בעת אַנדערע זיפצן מיט באַדויערן אויפן ,,טויט פון דער פילאָזאָפיע'' און קוקן אויף בערגסאָנס לעצט ווערק, ווי ער רעזומירט זיין פילאָזאָפיש סיסטעם, ווי אויף דעם לעצטן פילאָזאָפישן קול. בערגסאָן האָט, הייסט עס, אין פאַריז פאַרענדיקט דאָס וווּנדערלעכע, פאַרבנרייכע געוועב פון

מענטשלעכן געדאַנק, וואָס דער האַלב־לעגענדאַרישער טהאַלעס האָט אַמאָל אָנגעהויבן אין גריכנלאַנד.

פונוואַנען נעמט זיך די דאָזיקע באַציִונג צו דער פילאָזאָפיע, צום פילאָזאָפישן געדאַנק? פון אַ פונדאַמענטאַלן טעות. עס זאָל הייסן אַזוי: מילא, איידער ס׳איז אויפגעקומען די וויסנשאַפט, האָט דער מענטש זיך געמוזט פאַרלאָזן אויפן אַבסטראַקטן דענקען, אָבער אַצינד, אַז מיר האָבן אַ וויסנשאַפט, וואָס עקספּערימענטירט אין אַזעלכע רייכע לאַבאָראַטאָריעס — צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען די פילאָזאָפיע? אָט די אַלע קענגער פון דער פילאָזאָפיע בויען זייער אַרגומענטאַציע אויף דעם פּשוטן שׂכל, אַז בשעת עס זענען דאָ ניי־מאַשינען, איז עס אומזיניק פאַר אַ שניידער אויפּצונייען אַ מלבוש — מיט די הוילע הענט... זיי פאַרגעסן דערביי, אַז אויך דאָס מלבוש מוז פריִער געשניטן ווערן לויט אַ באַשטימטער מאָס, געפּאַסט ווערן, געפאָרמט ווערן, איידער דאָס געוואַנט ווערט איבערגעגעבן דער מאַשין, אַ פּשיטא שוין, דער מענטשלעכער שׂכל, וואָס הערט נישט אויף צו טראַכטן, צו שפּעקולירן, צו וווּנדערן זיך, כאָטש ס׳איז דאָ אַ וויסנשאַפט, וואָס עקספּערימענטירט... און איצט — אין ליכט פון די וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען — נאָך אפשר מער, ווי אַמאָל.

נאָכמער: די וויסנשאַפט איז אַן ענטפער אויף דער פילאָזאָפיע. אָן דער פילאָזאָפיע וואָלט קיין וויסנשאַפט נישט מעגלעך געווען. דער וויסנשאַפטסמאַן זוכט אַ באַשטעטיקונג אויף די פראַגן, באַהויפּטונגען און אַקסיאָמען, וואָס דער פילאָזאָף האָט אויפגעשטעלט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן. און ס׳איז באמת צו באַוווּנדערן די גרויסקייט פון דעם מענטשלעכן שׂכל — און אינטויציע — ווען מיר געפינען אויס, אַז דאָס, צו וואָס מיר האָבן זיך דערטראַכט אויף אַ ריין־אַבסטראַקטן אופן, ווערט איצט באַשטעטיקט דורך וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטאַציעס. און דאָרט, ווו די פילאָזאָפיע איז געווען הילפלאָז, איז אויך די וויסנשאַפט הילפלאָז. נעמט בלויז איין פאַל: קאַנטס „דינג אַן זיך״. וואָס איז דאָס אַזוינס? קאַנט האָט, נאָך זיינע לאַנגע געדאַנקלעכע וואַנדערונגען דורך די רעטענישן און סודות פון דער יצירה, איינגעזען, אַז

עפּעס איז נאָך דאָ אַזוינס, וואָס דער שכל קאָן נישט משיג זיין, אָבער על־פּי שכל מוז עס זיין — אַ יש, אַן עפּעס, וואָס דאָמינירט דאָס וועלט־בילד, וואָס איז אין אַלץ און אויסער אַלץ און וואָס אָן דעם האָט דער גאַנצער אוניווערסאַלער בנין קיין האַפט נישט — אַזוי וועט אויך אָן דעם דאָזיקן „עפּעס" קיין האַפט נישט האָבן זיין פילאָזאָפישער בנין. האָט ער דעם „עפּעס" אַ נאָמען געגעבן „דאָס דינג אַן זיך". נעמט־זשע איצט און לייענט פּראָפ. מיליקאַן, זאָגט ער אייך, נאָך אַלע זיינע וויסנשאַפטלעכע, לאַבאָראַטאָרישע פאָרשונגען, אַז אין דעם אוניווערס, אין דעם באַשאַף, איז שולט אַ „געטלעכע קראַפט". דזשיימס דזשינס, דער בריטישער פיזיקער און אַסטראָנאָם, רופט די זעלביקע קראַפט: „אוניווערסאַלער מאַטעמאַטישער פאַרשטאַנד". פּראָפ. אַרטור קאָמפּטאָן און פּראָפ. עדווין ב. פּראָסט און אַנדערע גרויסע וויסנשאַפטסלייט קומען צו ענלעכע אויספירן.

ווייטער: העסאָיד און פּלאַטאָ האָבן גערעדט פון כאָאָס אין אוניווערס — בעסער געזאָגט: כאָאָס אין אונזער אויפפאַסונג פון אוניווערס. און די מאָדערנע אַסטראָנאָמען האַרלאָן שייפּלי („פליט פראָם קאָאָס") און האַרלאָן ט. סטעטסאָן („מען ענד דהי סטאַרס") באַשעפטיקן זיך מיט דעם אייגענעם כאָאָס... פּראָפ. איינשטיין, דער גרעסטער וויסנשאַפטסמאַן פון אונזער צייט, איז אַ הייסער חסיד פון דעם פילאָזאָף שפּינאָזאַ — און זענען דען נישט איינשטיינס „רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע" און „איינהייטלעכע פעלד־טעאָריע" אַ באַשטעטיקונג פון שפּינאָזאַס פּאַנטעיִסטישער פילאָזאָפיע? אין די לעצטע יאָרן האָבן אייניקע פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט זיך דערשלאָגן צום רעיון, אַז סוף־כל־סוף איז גאָרנישט זיכער און דאָס גרעסטע וויסן איז, אַז מיר ווייסן נישט. איז וואָס איז אָט־דער פּעסימיסטישער באַשלוס פון די גרויסע וויסנשאַפטסמענער, אויב נישט די פילאָזאָפיע פון די אַלטע אַגנאָסטיקער?

אָט אין פאַרבינדונג מיטן מאָדערנעם אַגנאָסטיציזם וועל איך ברענגען בלויז דריי קשיות פון אַ גאַנצער מענגע, וואָס די וויסנשאַפט האָט אָנגעוואָרפן. מיר אַלע ווייסן פון אונזער טעגלע־

כער דערפאַרונג, אַז ווען מען שטעלט אַוועק אַ טשייניק וואַסער אויף אַן אָנגעהייצטן אויוון, ווערט דאָס וואַסער הייס און נעמט זידן. קומט צו גיין בערטראַנד ראָסעל, איינער פון די אָנגעזעענסטע מאַטעמאַטיקער פון דער איצטיקער צייט, מיט אַזאַ קלאָץ־קשיא: „אויב איך שטעל אַוועק אַ טשייניק וואַסער אויפן הייסן אויוון, וועט דאָס וואַסער פּאַרפּרוירן ווערן?" און ער ענטפערט זיך אַליין: מעגלעך, אַז יאָ און מעגלעך, אַז נישט. מיר ווייסן נישט. און ראָסעל פרעגט אויך: „וועט די זון מאָרגן אויפגיין?" און ווידער דער אייגענער ענטפער: „מיר קאָנען נישט זיכער זיין. אפשר יאָ און אפשר נישט". און עדינגטאָן פרעגט: „ווען אַ מחנה מאַלפּעס זאָל פויל קלאַפּן איבער די אותיות פון שרייב־מאַשינען — וואָלטן די מאַלפּעס מיט דער צייט, לאָמיר זאָגן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, פּראָדוצירט די אַלע ביכער אין בריטישן מוזיי?" — אפשר יאָ און אפשר נישט, גיכער נישט, ווי יאָ, אָבער זיכער קאָנען מיר בשום־אופן נישט זיין. וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז דערפאַרונג איז נישט אַלץ און אויב מיר ווייסן פון אונזער דערפאַרונג, אַז אַ געוויסע דערשיינונג האָט זיך רעגלמעסיק איבערגעחזרט טאָג־איין טאָג־אויס, אין משך פון טויזנטער, אָדער מיליאָנען יאָרן, גיט עס אונז נאָך פאָרט נישט די זיכערקייט, אַז מאָרגן וועט זי זיך ווידער איבערחזרן; אָדער אַז דאָס, וואָס איז ביז היינט נישט געשען, קאָן מאָרגן נישט ווערן אַ „גע־זעץ". דאָס מיינט אויך, אַז די וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונג איז נישט קיין גרעסערער יחסן אין אונזער פינף־חושימדיקער, דריי־דימענסיעלער וועלט, ווי דאָס אַבסטראַקטע דענקען, ווי די פילאָ־זאָפישע שפּעקולאַציע. אדרבא, דער אַבסטראַקטער געדאַנק, נישט באַשווערט פון לאַבאָראַטאָרישן געצייג, קאָן זיך אָפט לייכטער דערטראָגן, דערפליען צו אַזעלכע ווייטע ספערן, צו אַזוינע מורא־דיקע הויכקייטן און טיפקייטן, ווו די שווער־באַלאָדענע וויסנשאַפט האָט נאָך דערווייל נישט — און וועט נאָך לאַנגע יאָרן נישט האָבן — קיין דריסת־הרגל.

די קעגנער פון דער פילאָזאָפיע האָבן נאָך אַ שטאַרקן אַר־גומענט קעגן דעם אַבסטראַקטן דענקען. זיי ווייזן אָן אויף די ווי־

דערשפּרוכן אין דער פילאָזאָפיע, אויף די אומגעהויערע חלוקי־דעות צווישן די פילאָזאָפן, און ווערליק זיי קומט אויס, אַז דאָס באַווייזט, ווי ווייניק מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אויפן אַבסטראַקטן געדאַנק, וואָס איז נישט באַוואָפנט מיט לאַבאָראַטאָרישע מכשירים. זעען מיר אָבער, אַז די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן די וויסנשאַפטסלייט זענען נישט זעלטענער און נישט קלענער. זאָגט מיליקאַן, אַז דער אוניווערס שאַפט זיך און שאַפט זיך בסדר איבער, באַנייט זיך. זאָגט דזשינס, אַז דער אוניווערס שטראַלט זיך אויס, דערנענטערט זיך צום סוף. דערקלערט איין אַסטראָנאָם, אַז לעבן איז מעגלעך אויף אַנדערע פּלאַנעטן. טענהט אַן אַנדער אַסטראָנאָם, אַז ס׳איז בשום־אופן נישט מעגלעך. ס׳זענען דאָ צענדליקער סתירותדיקע טעאָריעס וועגן די קאָסמישע שטראַלן און וועגן די אַטאָמען, און צענדליקער טעאָריעס, וואָס טייל פון זיי זאָגן אַזוי און אַנדערע פאַרקערט אין דער ביאָלאָגיע, אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע און אין אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן.

ווי ס׳איז צו זען, איז דער וויסנשאַפטסמאַן אויף קיין פאַל און אין קיין זין נישט פעסטער, נישט זיכערער ביי זיך און איז נישט ווייטער אַוועק אין דערוויסן זיך די סודות פון וועלט און מענטש, ווי דער פילאָזאָף. אמת, דער מאָדערנער פילאָזאָף קאָן נישט איגנאָרירן, אָדער פאַרלייקענען, די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט; אָבער יעדער עכטער וויסנשאַפטסמאַן מוז אָנקומען צו דער פילאָזאָפיע, זוכן ביי איר אינספּיראַציע און אָנרעגונג. דער פאַקט איז, אַז איטלעכער וויסנשאַפטסמאַן מוז אַליין זיין, אָדער ווערן אַ פילאָזאָף, פילאָזאָפירן אויפן יסוד פון זיינע וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען. די ווערק פון מאַקס פּלאַנק, עדינגטאָן, קאָמפּטאָן, דזשינס, שיפּלי, שרעדינגער, בראָגלי און פון די אַנדערע וויסנשאַפטלעכע ריזן, זענען דער עיקר — פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע ווערק. די וויסנשאַפטלעכע מחברים שפּעקולירן און גייען ווייט אַריבער די גרענעצן פון זייער לאַבאָראַטאָרישער דערפאַרונג. זאָל מען די דאָזיקע ווערק צורעכענען צו דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור און מיר וועלן איינזען, אַז די מאָדערנע פילאָזאָפיע איז גאָר נישט אַזוי אָרעם, ווי זי זעט אויס פון אויבנאויף. איינשטיין אַליין

האָט נאָך דערוויילּ נישט אויפגעשטעלט קיין פילאָזאָפיש געביי אויפן יסוד פון זיין ריזיקן וויסנשאַפטלעכן אויפטו — אפשר דערפאַר, וואָס מאַטעמאַטיק איז דאָך אין גרונט גענומען אויך פילאָזאָפיע — פילאָזאָפיע אין סימבאָלן, אין מאַטעמאַטישע פאָר־מולעס, אָנשטאָט ווערטער...

אָבער איינשטיין פילאָזאָפירט אויך פון צייט־צו־צייט מיטן וואָרט... נעמט, צום ביישפּיל, זיין באַרימטן שמועס מיט ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָרע, אָדער אייניקע פון זיינע קליינע עסייען — און איר געפינט אויס, ווי הילפלאָז דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן איז, ווי פאַרלוירן ער ווערט אין דער מיסטעריע פונם באַשאַף. כסדר הערט איר פון אים: איך ווייס נישט!... אַזוי גלויב איך!... מעג־לעך... אפשר... און איבער אַלץ: „מיין רעליגיע איז: דאָס וווּנ־דערן זיך"... וווּנדערן זיך — דאָס איז פילאָזאָפיע. מיר וווּנדערן זיך און מיר פרעגן און מיר זוכן ענטפערס. פילאָזאָפיע און וויסנ־שאַפט זענען דעריבער אַ צוגעפּאַסט פּאָרל, אַ זיווג מן השמים, נישט פונאַנדערצוטיילן. זיי דאַרפן איינע די אַנדערע, דערגאַנצן איינע די אַנדערע — און ביידע העלפן זיי אונז טאַפּן אין דער פינסטער און ווי־עס־איז געפינען אַ וועג אין אונזער וואַנדערונג דורך דער אייביקער מיסטעריע פון דער וועלט.

דריי מענטשן אונטער אַ בוים

צוויי ביימער, אוראַלטע שטאַמען, מיט זייערע וואָרצלען אין די מעשי־בראשית: דער עץ־החיים און דער עץ־הדעת.

דער אוראַלטער מחבר האָט אָנגעצייכנט די גרענעץ צווישן לעבן און וויסן, ווי צוויי באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע — אפילו זיך ווידערשפּרעכנדיקע כּוחות.

די ערשטע מענטשלעכע פּאָר ווערט פאַרטריבן פון גן־עדן, נאָכדעם ווי אדם פאַרזוכט דעם עץ־הדעת־עפּל, און דאַן קומט — דער טויט.

אַ וווּנדערלעכע פּרימיטיווע מעשה, סימבאָל און אַלעגאָריע, משל און נמשל צוזאַמען:

וויסן פאַרטרייבט דעם אוממיטלבאַרן גן־עדנישן געַנוס, וויסן איז אויך — טויט. וואָרום פאַקטיש איז דאָך קיין טויט נישטאָ.— ס'איז אַן אייביקער בייט פון פאָרמען, פון אינהאַלטן, פון פאַרבן, אַ וועקסל פון עלעמענטן.

בלויז דער מענטש שטאַרבט — ווייל דער טויט ל ע ב ט אין זיין באַוווּסטזיין און ער גראָבט זיך ג ע ד א נ ק ל ע ך אַלץ טיפער און טיפער אין טויט אַריין.

צער, טרויער, פּיין, טויט — דאָס זענען די פּירות פון וויסן, פון געדאַנק, פון אינטעלעקט, בעת הנאה און פרייד זענען אומ־מיטלבאַר.

דאָס האָט ב ו ד ה א געמיינט מיט נירוואַנאַ. נישט אויפ־הערן — „נישט־זיין" — ווי מ'טייטשט עס אויס, נאָר דער אומ־

קער צו דער ריינער, לויטערער אוממיטלבאַרקייט פון דער גאַנצער נאַטור, דאָס ווערן איינס מיט דער נאַטור, ווו ס'זענען קיין גרע־נעצן נישטאָ צווישן טויט און לעבן.

דאָס איז אויך געווען די כוונה פון חסידיזם. א רעוואָלט קעגן דעם אינטעלעקטואַליזם, דער באַוווּסטזיניקייט, וואָס פירט צו צער און עצבות — און אַ צוריקקער צום „הארץ", צום אוממיטלבאַרן גלויבן און אוממיטלבאַרער פרייד.

ש פּ י נ אָ ז אַ, פאַרקערט, האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן דעם אינטעלעקט, אָבער דאָס איז אַזאַ סובטילער, לויטערער אינ־טעלעקטואַליזם, אויסגעטון פון גשמיות, וואָס גייט אריין אין דער בחינה פון אוממיטלבאַרקייט; געדאַנק, וואָס לעזט זיך אויף אין דעם קאָסמישן גאָט־געדאַנק — אַן אינטעלעקטועלע נירוואַנאַ...

ד ע ק אַ ר ט האָט געשאַפן דעם סינטעז פון לעבן־וויסן, וויסן־לעבן, מיט זיין דעפיניציע: „איך דענק — הייסט עס, אַז איך עקזיסטיר".

און וואָס איז מיט דער נאַטור, — זענען דער בוים און דער שטיין און דאָס מילבעלע און דאָס גרעזעלע נישטאָ, ווייל זיי וויסן נישט, ווייל זיי דענקען נישט?

אמת, זיי לעבן אין א ו נ ז ע ר באַוווּסטזיין. אָבער לעבן זיי אויך ווי אַ יש פאַר זיך?

ד ז ש י י מ ס ד ז ש י נ ס האָט דעם דעקאַרטישן געדאַנק דערפירט נאָך ווייטער, צום עקסטרעם: אויסער אונזער באַוווּסטזיין איז בכלל קיין עקזיסטענץ נישטאָ. די וועלט עקזיסטירט בלויז אין אונזער געדאַנק.

דאָס מיינט שוין, אַז דער גאַנצער קיום — אין אוניווערסאַלן פאַרנעם — איז בלויז וויסן, באַוווּסטזיין, פאַרשטעלונג, אָדער אי־לוזיע, ווי בודהאַ און — אַזוי פיל דורות שפּעטער — שאָפּענהויער האָבן דאָס דעפינירט.

א י י נ ש ט י י ן איז נישט מסכים מיט דער דאָזיקער הנחה פון דזשינסן און אַנדערע געלערנטע פון זיין חדר. איינשטיין גלויבט אין אַ קיום אויך מחוץ פון אונזער באַוווּסטזיין.

אייגנטלעך איז עס אַ גרייז־אַלט פּראָבלעם, וואָס נאָך די

חכמים פון אַמאָל האָבן זיך דערמיט פאַרנומען, נאָר איצט ווערט עס באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, אַנשטאָט אויף אַבסטראַקטער פילאָזאָפישער שפּעקולאַציע.

אָבער פון וויסן ביז וויסנשאַפט איז אַ ווייטער מהלך. וויסן, אַז איך לעב, איז אַ פּרימיטיווע שפּירונג. דער געדאַנק שפּרייט זיך ווייטער און טיפער, וויל אויך באַגרייפן דעם „פאַרוואָס" און דעם „ווי־אַזוי", דעם „פונוואַנען" און דעם „וווּהין" — דאָס איז די עובדה פון יחידי־סגולה: פילאָזאָפן און וויסנשאַפטסלייט.

זיי נערן זיך פון עץ־הדעת, פון וויסנבוים. צו אָט־דעם בוים געהערט די וויסנשאַפט.

און די קונסט? זי נערט זיך פון עץ־החיים. די קונסט איז אַזוי אוממיטלבאַר, אַזוי טיף און אַזוי סודותדיק, אַזוי איינפאַך און צו דערזעלביקער צייט אַזוי קאָמפּליצירט ווי דאָס לעבן.

ווי דאָס לעבן, פּאַראַלעל פון לעבן, איז די קונסט דורכגע־גאַנגען אַלע סטאַדיעס פון עוואָלוציע, פון פּרימיטיוון ביז די שאַפונגען פון דאַ־ווינטשי, מיקל אַנדזשעלאָ, שעקספּיר, בעטהאָ־ווען, טאָלסטאָי.

די וואָרצלען פון עץ־החיים ציִען אָבער זייער זאַפט, האַפט און קראַפט פון דערזעלביקער ערד, וואָס דער עץ־הדעת און זיי זיינען דערפאַר אין זיך אַריין אַלץ מער וויסן, אַלץ מער געדאַנק־לעכקייט, ווי דער בוים פון וויסן ווערט אַלץ מער באַלעבט. די וויסנשאַפט ווערט מענטשלעכער, גוטער, שיער נישט קינסטלערי־שער, לייען־שטאָף. די ווערק פון פלאַמאַריאָן, שייפּלי, דזשינס, טיליקאַן, קאַרעל, עווערעט מאַרטין, ראַסעל, באַאַז, שענקלינג־פּריוואָ לייענען זיך — אַ מחיה.

און די ווערק פון די וואָרט־קינסטלער ווערן אַלץ ציל־באַ־וווּסטער, געדאַנקלעכער, פאַרטיפטער.

דערפאַר איז אין די לעצטע יאָרן אויפגעקומען דער פאַרלאַנג — אין געוויסע ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן—צו ברענגען צו אַ דערנענטערונג צווישן קונסט און וויסנשאַפט. אויך ביי אונז האָט זיך דערהערט אַ וואָרט וועגן דעם — פון לעאָ פינקלשטיין, אין זיין אַרטיקל „קונסט און וויסנשאַפט" („ליטעראַרישע בלע־

טער'', נומ. 24), וואָס איז געשיקט „אויפֿן אדרעס פֿון די עסטעטיזירנדיקע רעצענזענטן''.

אייגנטלעך איז שווער צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי און צוליב וואָס אַזאַ דערנענטערונג דאַרף דורכגעפֿירט ווערן. סוף־כּל־סוף גייט דאָך דאָ נישט אין אַ פּאַרייניקטן פֿראָנט פֿאַר דרינגענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן.

און וואָס וועט שוין זיין, אויב מיר וועלן אָנערקענען, אַז דער אינטעלעקטואַליסט, דער וויסנשאַפֿטלעכער מוח איז גאָרנישט אַזוי טרוקן און מיר וועלן זיך יאָ רעכענען מיט זיינע מיינונגען וועגן קינסטלערישן שאַפֿן, ווי לעאָ פֿינקלשטיין וויל ס', — וועמען וועט דערפֿון אַרויסקומען אַ טובֿה?

אמת, דער מאָדערנער וויסנשאַפֿטסמאַן קומט אויך אָן צו קונסט־פּולסאַציעס, צו עמאָציעס און פֿאַרלאָזט זיך אַפֿילו זייער שטאַרק — וועל איך מוסיף זיין — אויף אינסטינקט, אָדער אינטויציע און פֿאַנטאַזיע.

אמת אויך, אַז די קונסט מוז זיך אונטערוואַרפֿן געוויסע וויסנשאַפֿטלעכע רעגולאַמינגען, זיך האַלטן אין באַשטימטע שכלדיקע גרענעצן, איז באַשר בכן?

אויפֿן זינען קומט דאָ דער באַקאַנטער משל מיטן בוים און די דריי לייט, וואָס באַוווּנדערן אים:

אַ פּאָעט, אַ וויסנשאַפֿטסמאַן און אַ האָלץ־סוחר.

אַלע דריי שטייען אונטער דעם זעלביקן בוים און קאָנען זיך פֿון אים נישט אָפּרייסן. אָבער בעת דער פּאָעט באַזינגט זיין שיינקייט, די פֿאַרבנרייכקייט, די רחבֿות פֿון דעם בוים, לאָזט זיך דער וויסנשאַפֿטסמאַן אריין אין אַ טיף־וויסנשאַפֿטלעכער לעקציע וועגן די פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿון דעם בוים. און דער האָלץ־סוחר — ער מאַכט אַ חשבון וועגן דעם ווערט פֿון דעם בוים, וויפֿל ברעטער מ'קאָן פֿון אים אויסשניידן.

דער בוים האָט די אַלע דריי גלייך צוגעצויגן, אָבער אין יעדן פֿון זיי אַנדערע געדאַנקען און געפֿילן אַרויסגערופֿן.

יעדער פֿון זיי איז גוצלעך און באַהאַוונט אויף זיין געביט, כאָטש אויך דער האָלץ־סוחר און וויסנשאַפֿטסמאַן זענען נישט

בלינד צו דער שיינקייט פון בוים און כאָטש דער פּאָעט קאָן זי־
כער אָפּשאַצן דעם וויסנשאַפטלעכן און אפילו סוחרישן צוגאַנג
צום בוים.

אָבער נאָך פּאָעזיע — און מבינות אויף פּאָעזיע — וועל
איך גיין צום פּאָעט, נישט צום וויסנשאַפטלער און נישט צום
האָלץ־הענדלער, ווי איך וועל נישט גיין נאָך וויסנשאַפט צום
פּאָעט און סוחר...

די פאַרגעסענע קונסט...

וואָס דאַרפן מיר זוכן אין אַ דיכטערס ווערק — דיכטונג, קונסט, עסטעטישע הנאה, אָדער עפּעס אַ זייטיקן מיין, אַ טענדעניץ? אייגנטלעך איז עס נישט גענוי געפרעגט. נישט ז ו כ ן. אויב מיר זוכן שוין, איז עס דער בעסטער סימן, אַז אינם ווערק פעלט דאָס, וואָס איך און אַנדערע אַזוינע „משוגעים" האַלטן פאַר דעם סאַמע עיקר: קינסטלערישע דערגרייכונג. אמתע קונסט ווירקט אויף אונז אוממיטלבאַר. אַזוי אין דער ליטעראַטור, אַזוי אין דער מוזיק און אַזוי אין די פּלאַסטישע קונסטן. אויב אַ מוזיקאַלישע סימפּאָניע פאַרטראָגט מיך אין די עולמות־העליונים, איז מיר אַפילו קיין חילוק נישט, צי דער קאָמפּאָזיטאָר רופט זי אָן „אַ שטורעם אויפן ים", אָדער „די קראָקאָדילן פון נילוס", צי „די לבנות פון יופיטער". ס'קאָן גרייטלעך זיין, אַז ביי מיר זאָל די מוזיק אַרויסרופן גאַנץ אַנדערע וויזיעס, גאַנץ אַנדערע אימפּולסן און שטימונגען, ווי ביים קאָמפּאָזיטאָר, בעת ער האָט זיין מוזיק געשאַפן.

ערשט נאָכדעם, ווען דער רושם פון דער סימפּאָניע איז שוין אַריבער, קאָן איך זיך אַריינלאָזן אין אַ פילאָזאָפישער חקירה, אויב איך בין גענייגט צו אַזעלכע גריבלענישן, פאַרוואָס — און ווי אַזוי — מוזיק האָט אַזאַ השפעה אויפן מענטשלעכן געמיט. איך קאָן זיך שאַפן וועגן דעם אַלערליי טעאָריעס און מסתמא וועט קיין איינע פון זיי נישט זיין ריכטיק. אָט אַזוי אויך, ווען איך הער אַ געשמאַקן וויץ, לאַך איך זיך פונאַנדער, צי איך וויל יאָ, צי איך

ווייל נישט — ס'לאַכט זיך. נאָכדעם, ווי איך האָב זיך גוט אָנגע־לאַכט, וועל איך זיך אפשר פאַרטראַכטן וועגן דעם ענין געלעכ־טער: פאַרוואָס לאַכן מיר? וואָס פאַרא אימפּולס איז דאָס? און דער ליבער בערגסאָן וועט מיר דאָ היפּש אַרויסהעלפן, כאָטש קאַווירן פאַר דער ריכטיקייט פון זיינע אויספירן וועגן געלעכטער וועל איך נישט...

דאָס אייגענע אין דער ליטעראַטור, אין דער „שיינער ליטע־ראַטור”: דערציילונג, ראָמאַן, ליד — דאָס אַלץ, וואָס געהער צו דער ליטעראַרישער קונסט. און אויב ווידער קונסט, איז דאָך די נאַטירלעכסטע זאַך דאָ צו דערוואַרטן אוממיטלבאַרע קינסטלערי־שע הנאה. ערשט נאָכדעם, ווי מיר ווערן פאַרטיק מיטן בעלעטריס־טישן ווערק, קאָנען מיר זיך פאַרגינען צו אַנאַליזירן די שאַפונג, אויסגעפינען, אונטער וועלכע השפּעות דער מחבר געפינט זיך; וואָס פאַרא סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס האָבן געפירט זיין פען. דאָס איז די עובֿדה פון קריטישן שׂכל. קודם און דער עיקר איז די קינסטלערישע דערגרייכונג, דאָס, וואָס ווירקט אויף אונז אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן.

איז עס טאַקע זייער פּשוט, אַז קונסט דאַרף קודם־כּל און דער עיקר זיין אָט דאָס, וואָס איר נאָמען און איר גאַנצער מהות דריקן אויס — קונסט! אָט ווי אַ בוים איז דער עיקר און קודם אַ בוים, וואָס ווירקט אויף אונזער חוש פון שיינקייט, רופט אַרויס אונזער באַוווּנדערונג, און די פראַגע, וואָס פאַרא מעבל מ'קאָן מאַכן פון זיין געהילץ, אָדער וויפל אויוונס מ'קאָן מיט אים איינהייצן, האָט מיט דעם תּוך און תּוכן פון דעם בוים קיין דירעקט שייכות נישט. נאָר דאָס, וואָס איז אַזוי איינפאַך, איז אין אונזער צעדרייטער און צעטומלטער צייט געוואָרן אַ קאָמפּלעקס פון אַלערליי טיפזיניקע חקירות און האָר־שפּאַלטעניש. פאַרשיידענע פּאַרטייען, ריכטונגען און אידעאָלאָגן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער קונסט און פאָדערן פון איר אַלץ, וואָס זייער האַרץ גלוסט, אויסער דאָס, וואָס מ'דאַרף פון איר פאָדערן. זיי ווילן דווקא, אַז די קונסט זאָל זיין זייער דינסטמויד און דינען זייערע ספּעציעלע אידעאָלאָגיעס, אָדער

אַ קעכין, וואָס זאָל יעדן פון זיי צוגרייטן אַ געוויסע דיעטע, וואָס דער אָדער יענער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן.

קאָמוניסטן — און אויך אונזערע בונדיסטן — טומלען אַ וועלט מיט פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, כאָטש וואָס דאָס איז אַזוינס, איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט קלאָר; מעסיאַניסטן זוכן אין דער קונסט מעסיאַניזם, גישט אַנדערש ווי די קונסט זאָל זיי אַראָפּברענגען משיחן; איז איינער פאַרליבט אין דער פילאָזאָפיע, זוכט ער אין דעם דיכטערס ווערק לויטער פילאָזאָפישע געדאַנקען. ווער קאָן דען אויסרעכענען די אַלע שיטהס און פּיתהס, וואָס פאָדערן פון דער קונסט ספּעציעלע דיעטעס, פאַרגעסנדיק דערביי דעם סאַמע עיקר פון דער קונסט — טאַקע די קונסט אַליין און דעם עסטעטישן גענוס, וואָס זי פאַרשאַפט אונז.

אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן וו. נאַטאַנסאָנס בוך „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער" (זע מיין בוך „מענטשן און אידייען") האָב איך זיך באַריכות אָפּגעשטעלט אויף דעם פילאָזאָפישן צוגאַנג צו דער קונסט און איך וועל זיך דערלויבן דאָ צו ברענגען איין קליינעם ציטאַט פון יענער אָפּהאַנדלונג מיינער: „אויב איינער שטעלט דעם טראָפּ אויף פילאָזאָפישער חקירה אין דעם צוגאַנג צו קונסט, קאָן טרעפן — און עס טרעפט טאַקע — אַז דער דאָזיקער זאָל פאַרזען די הויפּט־איינגשאַפטן פון איר און די הויפּט־פאָדערונגען צו אַ קינסטלעריש ווערק, וואָרן פילאָזאָפישע געדאַנקען קאָן מען אַרויסציִען פון אומקינסטלערישע, אַפילו דורכויס טאַלאַנטלאָזע ווערק, פונקט ווי פון קינסטלעריש־עכטע, און אפשר נאָך מער, מחמת די טאַלאַנטלאָזיקייט פאַרדעקט זיך אָפט מיט וואַזשנער געדאַנקלעכקייט, מיט געפליגלטע פילאָזאָפישע רעיונות און מיט אינטעלעקטועלן מאַניעריזם. זעגט איר, ביים צוטריט צו אַ ווערק, פאַרנומען מיט דעם ציל צו פאָמפּען דערפון פילאָזאָפיע, שטערט עס אייער עמאָציאָנעלן, חושימדיקן אויפנעם פון דעם ווערק און נישט נאָר וואָס איר זענט דערמיט מבטל אייער אוממיטלבאַרע רעאַקציע, נאָר איר שטעלט זיך אויך אין דער לאַגע אָפּגענאַרט צו ווערן און דערנאָך אָפּצונאַרן אַנדערע, וואָרן עכטקייט אָדער אומעכטקייט פון אַ ווערק קאָן מען דערשפּירן בלויז בחוש

— דורך די עסטעטישע און שעפערישע, אָדער מיט־שעפערישע חושים״.

און דאָס, וואָס איך זאָג דאָרט וועגן דעם פילאָזאָפישן מע־טאָד, גייט אויך פאַר די, וואָס זוכן אין דער קונסט פּראָלעטאַריש־קייט, אָדער מעסיאַניזם אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין. געוויס, אויב דער דיכטער איז בטבע מעסיאַניסטיש, אָדער פּראָלעטאַריש, צי פילאָזאָפיש, וועט זיין „וועלט־אָנשויונג״ אָנגענומען קינסטלע־רישע געשטאַלטן, זיך אויפלעזן — און זיך אויסלעזן — אין דער קונסט; ו ו ע ר ן קונסט, ריינע, עכטע קונסט, און ס׳וועט אויפן לייענער ווירקן קינסטלעריש. נאַטירלעך ווענדט זיך דאָ שוין אָן דער מאָס קינסטלערישער פּאָטענץ. וואָס גרעסער די דאָזיקע פּאָ־טענץ איז, אַלץ גרעסער די קינסטלערישע מדרגה פון דעם ווערק און די קינסטלערישע השפּעה אויפן לייענער; וואָס קלענער דער קינסטלערישער כּוח איז, אַלץ שטאַרקער וועלן זיך ארויסזען די שטעפּ, די אידעאָלאָגיע...

דעריבער, אויב אַ לייענער — בפרט, ווען דער לייענער איז אַ קריטיקער — זוכט אין אַ ווערק אַ געוויסע טענדענץ, אַן אידעאָ־לאָגיע, אָדער „איזם״, וואָס איז אים צום הארצן, אַנשטאָט ארויסצוברענגען די קינסטלערישע דערגרייכונג, די אוממיטלבאַרע עסטעטישע הנאה, וואָס ער האָט געהאַט בעתן לייענען דאָס ווערק, דערוועקט זיך אַ חשד, אַז אָדער דאָס ווערק האָט נישט קיין קינ־סטלערישן ווערט, אָדער דער קריטיקער האָט נישט קיין קינ־סטלערישן חוש. און מיר דאַכט זיך, אַז די אַלע, וואָס פאָדערן פון דער קונסט אַלץ אין דער וועלט, אויסער קונסט, זענען אָרגאַניש פרעמד צום קינסטלערישן שאַפן, ווי די, וואָס האָבן ביי אַ שדוך אין זינען געלט, אָדער יחוס און פאַרגעסן דערביי דאָס ביסל ליבע, זענען ווייט פון ראָמאַנטיזם... איז מיר אויף אַזעלכע סתם אַ חידוש: וואָס ווילן זיי פון דער קונסט? זענען דאָך פאַראַן אַזוי פיל ביכער און בראָשורן וועגן סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, פילאָזאָ־פישע און מעסיאַניסטישע ענינים, וואָס וועלן זיי זיכער געבן די בעסטע און העכסטע באַפרידיקונג, טאָ זאָלן זיי די קינסטלערישע

ליטעראַטור געמאַך לאָזן, זי איבערלאָזן פאַר די, וואָס זוכן אין דער קונסט — קונסט.

אַזאַ קשיא האָב איך זיך אויך געפרעגט, בעת איך האָב אין „דאָס פריע וואָרט" (פון 8־טן יוני 1934) איבערגעלייענט אַן אי־בערבליק איבער לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע", געשריבן פון א. ש.— און אַט יענער איבערבליק האָט, אייגנטלעך, אַרויסגערופן דאָס דאָ־זיקע אַרטיקל מיינס. ווען איינער זאָל אַראָפּפאַלן פון מאַרס און אי־בערלייענען אַזאַ איבערבליק, נישט־ווייסנדיק, ווער לייוויק איז, וואָלט ער אפשר באַקומען דעם איינדרוק, אַז א. ש. שרייבט דאָס — נישט וועגן אַ בעלעטריסטיש ווערק, אַ דראַמאַטישער פּאָעמע, נייערט וועגן אַ פּובליציסטישער משיח־אָפּהאַנדלונג. וואָרן א. ש. פּאָלעמיזירט מיט לייוויקן, ווי מ'טוט עס מיט אַ סאָציאַל־פּאָליטישן טעאָרעטיקער, און ער שטעלט אים אַזוינע פראַגעס: „וואָס זאָל איצט טון דער לעצטער, דער בעסטער, דער הייליקער? מוחל זיין דעם רשע, וואָס האָט אָפּגעטון אַלע זיינע רשעות צוליב צדקות? אויסבעטן פאַר אים מחילה? און ווּ בלייבט יושר?" אָדער: כולו זכאי וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט זיין, ווייל מיר האָבן אַלע גע־נאָסן פון עץ־הדעת; איז עס אָבער — זאָל זיין פון רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישן שטאַנדפּונקט — אַזוי אויסטערליש צו גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן זיין כולו חייב", א. א. וו. „איז אפשר טאַקע דאָס דער ריכטיקער פשט פון דעם גמרא־וואָרט, וועלכן לייוויק האָט אויסגעקליבן פאַר אַן עפּיגראַם?".

אַזוי בסדר פרעגט א. ש. קשיות און דינגט זיך מיט לייוויקן, איז נישט מסכים מיט זיינע „אויספירן" וועגן משיחיזם און גאולה, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט, אויב נישט מכוח אַ פּאַמפלעט איבער מעסיאַניזם, איז כאַטש מכוח עפּעס אַ ספר פון אַ קאַבאַליסט. און מיט קיין איין וואָרט ווערט אין דעם גאַנצן מאמר נישט דערמאָנט דער קינסטלערישער מהות פון לייוויקס פּאָעמע, וואָס דאָס דאַרף דאָך זיין דער עיקר, מחמת סתם משיחיזם, גאולה און אַליִ, וואָס גייט דערמיט, קאָן מען דאָך געפינען איבערגענוג אין דער רייכער קאַבאַליסטישער ליטעראַטור און אפילו ביי די מאָדערנע טעאָזאָפן

— טאָ פאַרוואָס גייען צו דער „גאַנז נאָך האָבער‟, צו אַ דיכטער, אויב די דיכטונג שפּילט דאָ אַבסאָלוט קיין ראָל נישט?

אמת, א. ש. ווייס צו פאַרזיכערן, אַז דער „גולם‟ (דער ערשטער טייל) איז דאָס באַדייטנדיקסטע ווערק אין דער גאַנצער ייִדישער נאָך־מלחמה־ליטעראַטור. איז ווי ס'זאָל נישט זיין דערווידער אַזוינע מאָסן, פון גרויס, גרעסער, גרעסטע, בנוגע ליטעראַטור, ווילט זיך אָבער קודם וויסן: וואָס איז ביי א. ש. דאָס באַדייטנדיקסטע — די אידייע, דער משיחיסטישער געדאַנק, אָדער די קינסטלערישע דערגרייכונג? עס זעט אויס, אַז דאָס ערשטע, די אידייע, וואָרן, ווי געזאָגט, האָט די קינסטלערישע זייט פון אַ בעלעטרישטיש ווערק קיין שום אָנזען נישט ביי אונזער רעצענזענט; ס'ווערט ביי אים אַבסאָלוט נישט געדאַכט אין זיין איבערבליק איבער דער „גאולה־קאָמעדיע‟ און איר קאָנט בשום־אופן נישט אויסגעפינען, ווי די פאָעמע האָט אויף אים קינסטלעריש געווירקט, צי זי האָט אויף אים איבערהויפּט געווירקט, אויסער, וואָס זי האָט אים באַוויגן צו מחשבות וועגן משיח און גאולה.

די געפאַר פון אַזאַ סאָרט קריטיק באַשטייט אין דעם, וואָס זי פירט דעם לייענער אַוועק אויף זייטיקע וועגן. אָנשטאָט צו רעגן זיין קינסטלערישן חוש, אינספּירירן אים צו עסטעטישן, קינסטלערישן גענוס, אויפוועקן אין אים דעם אוממיטלבאַרן הונגער נאָך קינסטלערישע שאַפונגען, פאַררעדט זי אים דעם קאָפּ מיט אַלערליי אידעאָלאָגיעס, לאָזונגען און שיטהס, אויסמיידנדיק דעם סאַמע עיקר, דעם קינסטלערישן מהות, גלייך קונסט וואָלט געווען עפּעס אַ טרייף־פּסולע סחורה, וואָס מ'דאַרף זי פאַרטושן און פאַרדעקן. אַזאַ קריטיק איז אויך די בעסטע אינספּיראַציע פאַר גראַפאָמאַניע, וואָרן אויב דאָס קינסטלערישע איז מינדערוויכטיק, אָדער טאַקע לגמרי אומוויכטיק און די הויפּט־זאַך איז די אידייע, וועט דער ענין זייער לייכט. „אידעאָלאָגיעס‟ קאָן מען געפינען פאַרטיק אין אַלערליי פאַמפלעטן, בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס. און מיר זעען טאַקע, ווי, למשל, אין דער אַזוי־גערופענער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור האָבן זיך גראַפאָמאַנען צעלייגט ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן און זיי בראָזגען אין די גרויסע טאַצן פון רעוואָלוציאַ־

נערער אָריענטאַציע... דער סוף איז, אַז אין דעם ווירוואַר פון מיליאָנען טעאָריעס, אידעאָלאָגיעס, לאָזונגען, רופן און איזמען ווערט דער קינסטלערישער חוש אַטראָפירט. די קונסט ווערט אַרויסגעשטופּט פון לעבן און פון דער ליטעראַטור. די ריינע קונסט ווערט פון אַלע זייטן און אויף אַלע פראָנטן אַטאַקירט און „קונסט צוליב קונסט" און „עסטעטיק" זענען געוואָרן זידל־ווערטער. ס'ווערט באמת טרויעריק אויף דער נשמה און עס פרעגט זיך: דערנענטערן מיר זיך צו די מוטנע ברעגעס פון אַן אומקינסטלערישער וועלט?

קונסט און סענסאַציע...

ווען עס קומט צו אַ קאָנפליקט צווישן אַ קינסטלער און דער „עפנטלעכער מיינונג" — אַלצאיינס ווער די „עפנטלעכע מיינונג" זאָל נישט זיין: צי דאָס איז די רעליגיעזע אויטאָריטעט, אָדער דער שטאַט; אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער קלאַס, אָדער אַפילו די אָפיציעלע קריטיק — שטעלט זיך דער אומפּאַרטייאישער קונסט־געניסער תּיכּף אויפן צד פון דעם קינסטלער. אין דעם היכל פון קונסט איז דער קינסטלער דער כּהן־גדול, דער איינציקער פּוסק, — זאָגט צו זיך דער קונסט־פאַרערער. און דאָס איז אמת אויך. אָבער דאָס איז געזעדט מכּוח דעם קינסטלערישן מהות, קינסטלערישן תּוך, דער עיקר: אין קונסט לשם קונסט.

ווי איז אָבער, אַז דער קינסטלער דינט מיט זיין קונסט פרעמדע געטער, אַלערליי עבודה־זרות — פּאָליטישע פּאַרטייען, סאָציאַלע באַוועגונגען? דעמאָלט הייסט עס, אַז דער קינסטלער איז אַרויס פון זיין אייגענעם גבול און אַרויף אויף פרעמדער טעריטאָריע און אין אַזאַ פאַל האָבן די רעגירער און בירגער פון די דאָזיקע טעריטאָריעס אַ רעכט זיך אַריינצומישן אין דעם קינסטלערס שאַפונג, פּסקענען, אויף וויפל די באַטרעפנדיקע אַרבעט דינט ז י י ע ר ע אינטערעסן. נאָך מער: זיי זענען אַפילו באַרעכטיקט זיך אַרויסצוזאָגן מכּוח דער ריין־קינסטלערישער זייט פון דעם ווערק, דערהויבן און לויבן עס, אָדער מבטל זיין. דאָס איז פּשוטער יושר: דו, קינסטלער, דרינגסט אַריין אין מיינע גרענעצן, מעג איך אַריינדרינגען אין ד י י נ ע גרענעצן.

אָבער אַ חוץ קונסט לשם קונסט און קונסט לשם „איזם", איז פאַראַן נאָך אַ קונסט. עס ווערט, דאַכט זיך, נישט זיין אויסן

וועג צו באַצייכענען די דאָזיקע סאָרט קונסט אַלס קונסט — לשם סקאַנדאַל. דאָס מיינט בשום־אופן נישט, אַז דער קינסטלער, וואָס רופט מיט זיין שאַפן אַרויס סקאַנדאַלן, אַלצאיינס, צי ער צילט דערצו באַוווסטזיניק, אָדער נישט, מוז דווקא זיין אַ טאַלאַנטלאָזיקייט. ס'זענען טאַקע דאָ אַזעלכע קוואַזי־קינסטלער, וואָס זייער איינציקער „טאַלאַנט" איז — דער טאַלאַנט אַרויסצורופן סקאַנדאַלן. זיי זענען זיכער, אַז מיט די סקאַנדאַלן וועלן זיי פאַרטומלען און פאַרדעקן די פוסטקייט, די גאָרנישטיקייט פון זייערע, אומשטיינסגעזאָגטע, ווערק. זיי טראַכטן דעריבער צו אַזעלכע סקאַנדאַליעזע טעמעס, וואָס זאָלן שאָקירן די עפנטלעכע מיינונג און אַרויסרופן אַ טומל.

פאַראַן אָבער אויך באַדייטנדיקע קינסטלער, וואָס האָבן עפּעס אַ קרענקלעך פאַרגעניגן פון סקאַנדאַלן. צי דערין שטעקט עפּעס אַ מאַזאָכיזם־סאַדיזם, אָדער די לוסט צו „פּובליסיטי", אָדער ביידע צוזאַמען — דאָס איז דאָ נישט וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס זיי האָבן טאַלאַנט און אָפט אַ סך טאַלאַנט, נאָר זיי פאַרקריפּלען אים, שטעלן אים מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, פאַרקרימען אים אין מיאוסע גרימאַסן, דעם טאַלאַנט זייערן, אַבי צו דערצערנען די וועלט, מאַכן אַ געפּילדער אַרום זיך.

די נאַיווע, געצנדינערישע קונסט־פאַרערער ווילן דערפון נישט וויסן. דער קינסטלער איז פאַר זיי קודש־קדשים און אַלץ, וואָס ער טוט און ווי ער טוט, איז הייליק. אויב די „עפנטלעכע מיינונג" בייזערט זיך, איז זי אַ וויסטע מכשפה, וואָס טשעפּעט זיך צום אָרעמען קינסטלער אומזיסט און אומנישט. זאָגט אַזוינעם, אַז די „עפנטלעכע מיינונג", וואָס ווערט בכדר שאָקירט און אויפגעקאָכט פון יעקב עפּשטיינס סקולפּטור־ווערק, איז גערעכט, הונדערט פּראָצענט גערעכט — און ער וועט אייך פאַרמשפּטן פאַר אַ פּיליסטער, פאַר אַן אומקינסטלערישן פאַרשוין, וואָס ליידט פון פאָראורטיילן, וואָס איז דעגענערירט געוואָרן פון דער צבועקישער, פאַרפוילט־פּוריטאַנישער געזעלשאַפט.

און דאָך איז יעקב עפּשטיין, דער ייִדישער סקולפּטאָר פון

ענגלאַנד, אומגערעכט! איז דען נישט מאָדנע און פאַרדעכטיק, וואָס אָט־דער עפּשטיין איז בּסדר דער אָביעקט פון סקאַנדאַלן? יעדעסמאָל, וואָס ער שטעלט־אויס אַ נייע שאַפונג, ברעכט אויס אַ טומל, אַ טרעוואָגע. פאַרוואָס מוזן מיר אַלעמאָל אָננעמען, אַז די געזעלשאַפט איז אומגערעכט, אומקינסטלעריש, און אַז דער קינסטלער איז דער גערעכטער, דער צדיק? מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גענוג אַ קוק צו טון אויף זיין יעזוס־פיגור, כּדי איינצו־זען, אַז זיינע קריטיקער זענען צו מילד. זיי, די קריטיקער זיינע, מעגן אפילו דאָ בלויז רעדן פון ריין־קריסטלעכן שטאַנדפּונקט, זען אין אַזאַ יעזוס אַ חילול־השם, שוואַכט עס נישט אָפּ זייערע טענות, בּפרט, אַז צווישן די קריטיקער געפינען זיך אַ סך, וואָס זענען זייער וויט פון קריסטלעכער פרומקייט. זיי זען אין עפּ־שטיינס קריסטוס־סקולפּטורן אַ חילול־השם נישט פון רעליגיע, נאָר פון דער קונסט.

אָט דאָס, וואָס עס איז — אַ פאַרשוועכונג פון קינסטלע־רישן שאַפן. יעדער קינסטלער, — סקולפּטאָר, מאָלער און דיכ־טער, — האָט אַ רעכט אויפצופאַסן היסטאָרישע, אָדער לעגענ־דאַרישע פיגורן, ווי אים ווילט זיך, ווי זיין פאַנטאַזיע און קינסטלערישע אינטויציע דיקטירן אים. אָבער ווען איינער מאָלט אויס אַ קראָליק און שרייבט אונטער: „לייב"; אָדער ווען ער מאָלט אויס אַ קו מיט דעם עק אויף דער נאָז און די הערנער אויף די אייטערם — דאַן איז עס נישט קיין קונסט, נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין „אויפפאַסונג". אין אַנדערע ווערטער: ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. אויב ס'איז עפּעס, איז עס אַ סקאַנדאַל, אָדער אַ שפּיצל — אַרויסצורופן אַ סקאַנדאַל.

די געשטאַלטן פון דער בּיבל, פון אַלטן און נייעם טעסטאַ־מענט, זענען אין פאַרשיידענע פּעריאָדן און דורך פאַרשיידענע קינסטלער פאַרשיידן אויפגעפאַסט געוואָרן. קריסטוס איז אַלעמאָל געמאָלן געוואָרן ווי אַ גאָט־מענטש, אָדער מענטש־גאָט, די פאַר־קערפּערונג פון רוחניות, אַ בּעל־רחמים, מיט פרום־פאַרגלאָצטע אויגן. איז געקומען יעקב עפּשטיין מיט יאָרן צוריק און פאָרגע־שטעלט פּונקט דעם היפּוך: קריסטוס ווי דער אויסדרוק פון

ווינער מענטשלעכקייט, דערצו אַ גיבור, אַ ריז. איז דאָס געווען אַן אידייע און מ'האָט געקאָנט סימפּאַטיזירן מיט עפּשטיינען, ווען קריסטלעכע פּרומאַקעס זענען אים באַפאַלן.

אָבער, ווייזט אויס, אַז דאָס איז ווייניק געווען פאַר עפּ־שטיינען, קערט ער זיך ווידער און אָבער אום צו קריסטוסן. ס'איז ביי אים געוואָרן אַזאַ כראָנישע קראַנקהייט. און יעדע קריסטוס־פיגור, וואָס ער שטעלט פאַר אין די לעצטע יאָרן, איז אַלץ ער־גער און מיאוסער. יעזוס אַ קאַרליקל, שוין גאָרנישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ פאַרזעעניש, אַ מאַלפּע — און מיאוסער פון אַ מאַלפּע. אומגעלומפּערט ריזיקע פיס, צעהויקערט, צעדרייט. קיין סימן פון אַ מענטשלעכן גוף. און וואָס די קונסט באַשטייט דאָ, איז שווער צו זאָגן. נישט ווייל קונסט מוז דווקא זיין שיין. נישט אין דעם גייט עס. קונסט, אמתע קונסט, דערהויבט אפילו דאָס מיאוסטע צו איר אייגענער שיינקייט. אין עפּשטיינס יעזוס־געשטאַלטן איז נישטאָ קיין שום קינסטלערישע שיינקייט — און דאָס דערפאַר, וואָס עס איז אין זיי נישטאָ קיין קינסטלערישער אמת.

קיין ספק נישט ביי מיר, אַז עפּשטיין איז אויסן „פּובליסי־טי" און סקאַנדאַל, נישט קיין קונסט. דערביי לייגט ער נאָך אַרויף אויף זיין קאָפּ די מאַרטירער־קרוין פון דעם פאַרפאָלגטן קינסטלער. אַ סימן האָבן מיר, וואָס ער לאָזט נישט אָפּ קריסטוסן. נאָך איידער איין סקאַנדאַל ווערט פאַרשטילט, קומט ער אַרויס מיט אַן אַנדער קריסטוס־געשטאַלט, נאָך מער פאַרקריפּלט און מער פאַרמיאוסט — און ס'ווערט אַ נייער סקאַנדאַל. אמת, ער האָט עטלעכע מאָל אַרויסגערופן סקאַנדאַלן אויך מיט אַנדערע סקולפּטור־אַרבעטן, וואָס ער האָט אַזוי מיאוס פאַרקריפּלט, אַז עס האָט אָנגעכאַפּט אַ חלשות אַ קוק צו טון, אָבער זיין באַליבטע טעמע איז דער נוצרי. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פון רעקלאַמע־שטאַנדפּונקט, מחמת דאָ פאַרטשעפּעט ער אויך די קריסטלעכע פרומקייט, דעם קריסטלעכן פיעטעט פאַר דעם מאַן פון נצרת — און דער סקאַנדאַל איז אַ גרעסערער און אַ דויערנ־דיקער. דערביי ווערט אויך זיין, עפּשטיינס, מאַרטירערשאַפט גרעסער: ער אַליין, אָדער דער געצנדינערישער עולם פון דער קונסט

קאָן אויפהויבן אַ געשריי וועגן די רעליגיעזע היפּאָקריטן, די פרו־מע פּוריטאַנער...

די קונסט־פאַנאַטיקער זענען נישט בעסער און נישט קליגער, ווי די רעליגיעזע פאַנאַטיקער. ווי־באַלד זייער גאָט ווערט אָנגערירט, איז נישט שייך לאָגיק, פריער, אָביעקטיווער אורטייל. זייער גאָט איז שטענדיק גערעכט. און נישט נאָר גאָט — דער מינדסטער פּריסטער פון זייער גאָט איז גערעכט. ווי קאָן אַ יעקב עפּשטיין, אַזאַ באַרימטער קינסטלער, זיין אויסן וועג? און ווי קאָן ער האָבן זייטיקע, אומקינסטלערישע מאָטיוון? זיי פאַרגעסן אפילו, אַט־די קונסט־פאַנאַטיקער, אַז באַרימט איז עפּשטיין געוואָרן טאַ־קע איבערהויפּט צוליב די סקאַנדאַלן אַ ר ו ם זיינע ווערק, און נישט צוליב זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

נעמט אַן אַנדער פאַל: דיעגאָ ריווערא דער באמת־באַ־גאַבטער מעקסיקאַנער קינסטלער. מיט אַ צייט צוריק איז מיט אים פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל אין ניו־יאָרק צוליב די מוראַלן, וואָס מ'האָט ביי אים באַשטעלט פאַר דעם ראָקפעלער־צענטער. זיין אַר־בעט איז געווען אויסגעצייכנט, העכסט־קינסטלערישע דערגריי־כונג. אָבער פון צווישן זיינע פיגורן האָבן זיך ארויסגעהויבן לענין און טראָצקי, ווי די וועגווייזער פון דער מענטשהייט, און זיינע קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטים, די, וואָס האָבן אים אָנגע־שטעלט צו טון די אַרבעט, האָבן דאָס נישט געוואָלט ליידן. דאָ האָבן שוין נישט בלויז קונסט־פאַרערער, נאָר אויך אַלע פּראָ־גרעסיווע לייט זיך געשטעלט אויף ריווערא'ס זייט. ווען איך האָב זיך דעמאָלט אַרויסגערעדט פאַר פריינט, אַז ריווערא איז נ י ש ט גערעכט, האָבן זיי מיך תיכף־ומיד דערקלערט פאַר אַ רעאַקציאָ־נער, פאַר אַן אָנהענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און שיער נישט פאַר אַ פאַשיסט.

אָבער לאָמיר, אַדרבא, אַרומטראַכטן דעם גאַנצן ענין. ווי מיר אַלע ווייסן, לעבן מיר נאָך, ליידער, אונטער אַ קאַפּיטאַלי־סטישער אָרדענונג. די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן פון אונזער צייט — און אפשר פון אַלע צייטן — בויען אַ ריזיקן בנין און זיי ווילן אים אויספּוצן און אויסצירן מיט קינסטלערישע פיגורן. דינגען זיי

אַן אַנגעזעענעם קינסטלער און זיי קימערט לחלוטן נישט, וואָס דער דאָזיקער קינסטלער איז אַ ראַדיקאַל, אַ קאָמוניסט. דאָס אַליין איז, דאַכט זיך, זייער שיין פאַר אַ קאַפּיטאַליסט... נו, נעמט אָבער דער קינסטלער און וויל ראָקפּעלערן דווקא אַנהענגען לענינען מיט טראָצקין און ווען די „באַלעבאַטים" ווילן דאָס נישט דולדן, הויבט דער קינסטלער אויף אַ געשריי, אַ געטומל און אַלע ווילע, פּראָגרעסיווע מענטשן העלפן אים שרייען.

די ראָקפּעלערס האָבן אין זייער לעבן אָפּגעטון שענדלעכע סקאַנדאַלן, פאַרגאָסן טייכן אַרבעטער־בלוט. אַ ראַדיקאַל דאַרף אפשר ווייכן פון זייער שוועל, כאָטש זיי זענען געוואָרן בעלי־צדקה... אָבער דאָס מיינט נישט, אַז איך קאָן זיי צווינגען אַריינצונעמען אין זייער הויז פיגורן, וואָס זענען ביי זיי טריף, ווי ביי אַ פרומען ייִד חזיר. זעט איר, אויב די ראָקפּעלערס זאָלן אונז וועלן פאַרווערן אַריינצונעמען אין א ו נ ז ע ר הויז בילדער, אָדער ביכער, וואָס זענען זיי נישט צום האַרצן; אָדער זיי זאָלן וועלן שאַפן אַ געזעץ, וואָס זאָל „טריף־פּסולע" בילדער און ביכער פאַרבאָטן פון עפנטלעכן פאַרקויף — דעמאָלט וואָלטן מיר געמוזט קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן אַזאַ פאַרבאָט, וואָס איז בתּוך דיקטאַטור אויפן איטאַליענישן, נאַצישן און רוסיש־קאָמוניסטישן שטייגער.

נאָר דערביי האַלט עס דאָ נישט. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אַנטזאָגן זיך בלויז צו האָבן די „טריף־פּסולע" זאַכן אין ז י י ע ר שטוב, אין אַ געביידע, וואָס זיי בויען. דאָס איז אַבסאָלוט זייער רעכט — כל־זמן פּריוואַט־אייגנטום עקזיסטירט נאָך. און עס איז נישט נאָר נאַרישקייט, נאָר אויך חוצפּה פון אַ ריוועראַ, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין אַלס קינסטלער, צו מאַכן דערפון אַ טומל. ריווערא אַליין וואָלט זיכער נישט געוואָלט לײַדן, ווען אַ קאַפּיטאַליסט, אָדער אַ פאַשיסט, זאָל אַריינשטעלן צו אים אין הויז אַריין אַ פיגור פון ראָקפּעלערן אָדער גאָר פון מוסאָליני, מיט אַן אָרעאָל אַרום קאָפּ, ווי דעם העכסטן אויסדרוק פון דער מענטשהייט. פאַרוואָס־זשע זאָל ריווערא פאַר זיך יאָ פאָדערן אַזאַ רעכט?

אויב איך האָב דאָ אויפגעמישט די שוין כּמעט־פאַרגעסענע געשיכטע מיט ריוועראַן, איז עס בלויז, כּדי צו ברענגען נאָך אַ קאָנקרעטן פאַל פון „קונסט־לשם־סקאַנדאַל" — אַ פאַל, וואָס שיידט זיך אונטער פון עפּשטיין־סקאַנדאַל דערמיט, וואָס ריווערא האָט זיין קונסט נישט פאַרקריפּלט, אַבי צו מאַכן אַ טומל, נאָר, אדרבא, אַרויסגעבראַכט דאָס בעסטע פון זיין טאַלאַנט; אָבער ער האָט זיין הויך־קינסטלערישע „עבודה־זרה" אַריינגעשטעלט אין דעם הויך־קאַפּיטאַליסטישן „בית־המקדש"... און קיינער וועט דאָך נישט גלויבן, אַז ריווערא איז געווען אַזוי נאַיוו, צו דער־וואַרטן, אַז די ראָקפעלערס וועלן דאָס אַראָפּשלינגען. מוזן מיר, על־כּן, קומען צום אויספיר, אַז ער האָט באַוווּסטזיניק געפירט צו אַ סקאַנדאַל. איז דאָס נישט קיין פאַרשוועכונג פון דער קונסט?

נאָך עפּעס: ראַדיקאַלן זענען אין די לעצטע יאָרן אַוועק־געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע, וואָס מאַכט זיי פּשוט לעכער־לעך, בעת זיי פאָדערן אין נאָמען פון פּראָגרעס און ראַדיקאַ־ליזם פולע פרייהייט פאַר זייער וואָרט און פאַר זייערע שאַפונגען, נאָכדעם, ווי אין פּראָלעטאַרישן גן־עדן, אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וואָס גילט פאַר דער וועלט ווי דער ביישפּיל פון פּראָלעטאַרישן יושר, איז אָפּגעשאַפט יעדע פרייהייט, יעדעם רעכט נישט נאָר פאַר קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר אַפילו פאַר קאָמוניסטן, וואָס שטימען נישט מיטן סאַמע לעצטן אוקאַז פון חבר סטאַלין — פאַר אַזאַ אָפּנויג קריגט מען שווערע טורמע און אַפילו דעם טויט. אמת, ריווערא איז נישט קיין סטאַליניסט, נאָר אַ טראָצקיסט. אָבער אונטער טראָצקיס הערשאַפט איז נישט געווען מער פריי־הייט אין רוסלאַנד, ווי אונטער סטאַלינס.

נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדער ענין. דער עיקר האָב איך דאָ געוואָלט אָנווייזן אויף דעם מין קונסט, וואָס צילט צו סקאַנ־דאַלן, און דער מוסר־השכּל דערפון דאַרף, נאַטירלעך, זיין, אַז נישט אַלעמאָל איז דער קינסטלער גערעכט און די עפֿנטלעכע מיי־נונג, וואָס טרעט־אַרויס קעגן אים — אומגערעכט. ס'איז זיין פונקט קאַפּויער...

וועלס און קאָהען...

צוויי אינטערנאַציאָנאַל ־ באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן, ה. ג. וועלס און פּראָפ. מאָרים קאָהען, זענען אַרויסגעקומען מיט דער־קלערונגען, וואָס האָבן ביים רוב ייִדן אַרויסגערופן אַ ווידערווילן. בעת דער ערשטער האָט זיך געמיט צו פאַרמינערן דעם ווערט און באַדייט פון ארץ־ישראל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט דער צווייטער ממש אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון ייִדישן פאָלק.

מערקווירדיק, ווי דער עכטסטער געלערנטער און פילאָזאָף, ד״ר קאָהען, און דער וויסנשאַפטלעכער דילעטאַנט וועלס, האָבן אויפן „ייִדישן געביט" זיך אַזוי גוט צונויפגעטראָפן. דאָס באַווייזט אונז, אַז ווען עס קומט צו ייִדישע זאַכן זענען עכטער געלערנטער און פּסעוודאָ־געלערנטער, ענגלישער גוי און אַסימילירטער ייִד, אַלצ־איינס באַהאַוונט...

וועלס טענהט, אַז מ׳האָט דעם קליינינקן ארץ־ישראל אָפּגעגעבן צופיל אָרט אין דער געשיכטע, אין די טעקסט־ביכער, אין די שו־לעס. אין אמתן איז דאָס לאַנד פון די נביאים גאָרנישט אַזוי וויכ־טיק, אַז מ׳זאָל דערמיט שטאָפּן די קעפּ פון ענגלישע — און אַנדע־רע — קינדער. סיי דאָס קליינע לאַנד, סיי די ביבל זענען בלויז עפּי־זאָדן אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

ד״ר קאָהען ווידער טרעט־צו צום ייִדישן פאָלק מיט באַשטימ־טע — שיער־נישט ר׳ יהודהס — סימנים. און אויב ער געפינט נישט די דאָזיקע סימנים ביי ייִדן, איז עס אַ באַווייז, נישט, חלילה,

אז די סימנים טויגן נישט... נאָר אז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק, קיין נאַציע. גאָרנישט מיט גאָרנישט. נישט קיין באַשטימטע טע־ריטאָריע, נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך, נישט קיין אַלגעמיינע עקאָנאָמיק און אויך די רעליגיע פאַרבינדט מער נישט ייִד מיט ייִד — מיט וואָס־זשע איז דאָס ייִדישע פאָלק א פאָלק?

מ׳קאָן, נאַטירלעך,ביידן ענטפערן מיט דעם פאָלקסטימלעכן ענטפער: „און דאָך... זעט איר דאָך!״

דער פאַקט איז דאָך, אז ארץ־ישראל פאַרנעמט אַן אומגע־הויערן פּלאַץ אין דער מענטשלעכער געשיכטע; אַז די ייִדישע נביאים, די ייִדיש־רעליגיעזע פילאָזאָפיע, די ביבל און די אַנדערע קולטור־שאַפונגען פון דעם קליינעם פאָלק אין דעם קליינעם לאַנד האָבן געענדערט דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע. ס׳איז א וווּנ־דער טאַקע, א גרויס וווּנדער, אַן אומגעהויערער וווּנדער, וואָס גראָד צוויי קליינע לענדלעך, ארץ־ישראל און גריכנלאַנד, האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף דער וועלט, אויף דער געשטאַל־טונג פון די וועלט־קולטורן. און די השפּעה פון ארץ־ישראל איז נאָך גרעסער און טיפער ווי די פון גריכנלאַנד, ווייל דאָס ביבלישע האָט זיך שטאַרקער און ברייטער פאַרוואָרצלט אין די פעלקער, און ווייל דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויפגעהאַלטן זיין קיום. דער סיני האָט איבערגעשטיגן דעם אָלימפּ.

דער פאַקט איז דאָך אויך — און דאָס גייט שוין אויף ד״ר קאָהענס חשבון, — אַז עס איז דאָ א ייִדיש פאָלק, א נאַציאָנאַלע איינהייט, א נאַציאָנאַלער סענטימענט, א נאַציאָנאַל־ייִדישער ווילן, א קעגנזייטיקע אחריות. א פילאָזאָף דאַרף דאָך וויסן, אַז נישט אַלץ אין דער וועלט קאָן מען אָפּשטעמפּלען מיט א באַשטימטן שטאַמפּ; אַז אַפילו צום יחיד קאָן מען נישט צוגיין מיט פּאַרטיקע וואָגן און מאָסן. עס איז דאָ אין מענטשן און אין זאַכן און אין אוניווערס עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך בשום־אופן נישט אַריינ־קוועטשן אין סדום־בעטל פון ציפערן, טערמינאָלאָגיעס, נאָרמעס, אָדער אַפילו פון „פאַקטן״, מחמת פאַקטן אַליין זענען אויך אין א פליסיקן צושטאַנד. זיי ענדערן זיך.

דאַרף מען א פילאָזאָף פון אַזא פאַרנעם, ווי ד״ר קאָהען איז,

דערציילן, אַז אין דער וועלט זענען פאַראַן אַזעלכע כּוחות, וואָס כאָטש מיר ווייסן נישט וואָס זיי זענען און ווי אַזוי זיי זענען שפּירן מיר דאָך זייערע ווירקונגען, זענען זיי דאָ און זיי זענען פּונקט אַזעלכע פאַקטן ווי יענע, וואָס מיר קענען זיי „אָנטאַפּן‟, וועגן און מעסטן? זיכער איז דאָס נישט נייטיק צו דערציילן ד״ר מאָרים קאָהענען. אפילו וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע דילעטאַנטן ווייסן דאָס. אָבער אַז עס קומט צו יידן, פאַרגעסט מען, אפנים, דעם אלף־בית.

פון צייט־צו־צייט לייענען מיר אין דער פּרעסע אַ דערקלערונג פון אַ כעמיקער, אַז דער מענטש איז אַרום און ווערט איין דאָלער, אָדער צוויי דאָלער, אָדער דריי דאָלער. ווי אַזוי? זייער פּשוט. אַ מענטש באַשטייט פון אַזוי פיל און אַזוי פיל אייזן, אַזוי פיל סולפור, אַזוי פיל קאַלך און אַזוי פיל אַנדערע מאַטעריאַלן. צו־זאַמען איז עס ווערט — לויט דעם פּרייז אויפן מאַרק אין געגע־בענעם מאָמענט — ממש אַ שיבוש. נו, וואָס דאַרף דערפון דער אויספיר זיין? אַז דער מענטש איז טאַקע מער נישט ווערט?

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ׳זאָל דעם מענטש פונאַנדערנעמען אויף די באַזונדערע יסודות און זיי וועלן פאַרקויפן, וועלן זיי קיין סך נישט ווערט זיין... אָבער, אדרבא, נעמט די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס די כעמיקער רעכענען אונז אויס, און שטעלט זיי צוזאַמען. וואָס וועט פון זיי ווערן? קיין מענטש זיכער נישט... דער מענטש באַשטייט טאַקע פון די אַלע מאַטעריאַלן, אָבער פון די אַלע מאַטעריאַלן ווערט קיין מענטש נישט. דער מענטש איז עפּעס מער. וואָס איז ער? דאָס איז אַ סוד פאַר ד״ר מאָרים קאָהען, ווי עס איז פאַר מיר. און נישט ווייסן קאָן יעדער פון אונז זיך פאַרמעסטן מיטן גרעסטן פילאָזאָף, מיטן גרעסטן געלערנטן, אפילו מיט פּראָפ. איינשטיין. יעדער אמתער געלערנטער איז מודה, אַז מיר ווייסן נישט אומגעהייער־אומגעהייער מער, ווי מיר ווייסן. טאַ פונוואַנען נעמט זיך צו ד״ר קאָהען אַזאַ זיכערקייט, אַז ער ווייסט אַזוי גענוי, וואָס אַזוינס מאַכט אַ נאַציע פאַר אַ נאַציע?

טעריטאָריע, שפּראַך, עקאָנאָמיק, רעליגיע — דאָס אַלץ קלינגט שיין און וואָרהאַפטיק. אָבער עס איז דאָ נאָך עפּעס, וואָס מאַכט

א פאָלק פאַר א פאָלק. דאָס, וואָס מיר האָבן נישט קיין נאָמען פאַר דעם עפּעס, וואָס מיר קענען עס נישט אָפּשטעמפּלען, דאָס ענדערט נישט די פאַקטישע סיטואַציע. ספּעציעלע לאַגעס רופן אַרויס ספּע־ציעלע פּראָצעסן (און פּונקט אַזוי פאַרקערט), שאַפן זייערע ספּע־ציפישע געזעצן. דאָס איז אויך אַלף־בית און עס איז ממש א העזה צו דערמאָנען ד״ר קאָהענען אָן דעם פאַקטאָר פון „אַדאַפּטיי־שאָן״, פון צופּאַסונג, וואָס פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער טע־אָריע פון עוואָלוציע. ייִדן זענען אַדאַפּטן צו אַנדערשדיקע באַדינ־גונגען, צו ספּעציפישע אומשטענדן און אויב עס איז אמת דאַר־ווינס כּלל וועגן „סורווייוול אָוו דהי פיטעסט״, איז אָן אתה־בחרתנו־ייִד אפילו באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז מיר זענען די פּאַ־סיקסטע...

גראַד א נישט־ייִד, א רוס, דער גרויסער געלערנטער און מיס־טיקער, בערדיאַעוו, האָט פאַרשטאַנען, אַז די עקזיסטענץ פון ייִדישן פאָלק איז די שאַרפסטע אָפּלייקענונג פון מאַרקס׳ „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״. וואָרן אויב מאַרקס איז גערעכט געווען, וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק שוין לאַנג נישט געווען אויף דער ערד. אָבער אונזער זיין באַווייזט, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט אויך — און ביים ייִדישן פאָלק: דער עיקר — דאָמינירט פון גייסטיקע כּוחות. און עס איז א גייסטיקער כּוח, וואָס האַלט אונז צוזאַמען, וואָס מאַכט אונז פאַר א נאַציע.

אָבער בעת בערדיאַעוו געפינט, אַז אויב א געוויסע מאָס פּאַסט זיך נישט צו א מענטש, אָדער א פאָלק, באַווייזט עס, אַז די מאָס טויג נישט, וויל ד״ר קאָהען האָבן, אַז דאָס פאָלק טויג נישט, אַז דאָס פאָלק איז קיין פאָלק נישט. ד״ר קאָהען וועט זיך אין זיין פילאָזאָפישן דענקען איצט זיכער נישט באַנוצן מיט די פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע פּרינציפּן פון מיטלאַלטערלעכע דענקער, וועלכע האָבן נאָך נישט געוווּסט פון די איצטיקע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען; אָבער א לעבעדיק פאָלק וויל ער דווקא מעסטן מיט א מאָס, וואָס איז אַלט און אָפּגענוצט און וואָס האָט זיך איבער־הויפּט קיינמאָל נישט געפּאַסט צום ייִדישן פאָלק. ער קוקט אויף

אַ לעבעדיק וועזן און שרייט: „דו ביסט נישטאָ״. אָבער דאָס ייִדי־
שע פֿאָלק ווערט נישט נתפעל און עס איז — יאָ דאָ.

און דאָס, וואָס איז אמת וועגן אַ פֿאָלק, איז אויך אמת וועגן
אַ לאַנד. אויב לאַנד איז בלויז ערד, זאַמד, טייך, אָזיערע, דאַן האָט
אַ זין צו שאַצן און שעצן דאָס לאַנד לויט דער גרויס, לויט דער
געאָגראַפֿישער לאַגע. אָבער לאַנד איז עפּעס מער ווי זאַמד און
וואַסער, ווי אַ שופֿר איז מער ווי אַ האָרן... אָדער ווי דער אַמע־
ריקאַנער פּאָעט טשאַרלס האַנסאָן טאַון דריקט זיך אויס: „ס׳איז
דאָ מער ווי אַפּריל אין דער אַפּריל־בלום״. ארץ־ישראל פֿאַרנעמט
אין דער וועלט דאָס גרויסע אָרט, וואָס עס פֿאַרנעמט, נישט דער־
פֿאַר, וואָס עס האָט געהאַט אַ ספּעציעל פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער־
יום, צו רעקלאַמירן עס איבער דער וועלט, נאָר — ווייל עס האָט
באמת געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל. דאָס אייגענע קאָן געזאָגט
ווערן וועגן גריכנלאַנד, אָדער — אין אונזער אייגענער צייט —
וועגן נאָרוועגיע. אָט דאָס קליינינקע צפֿון־לענדל האָט פּראָפּאָרציאָ־
נעל ביגעטראָגן צו דער וועלט־ליטעראַטור מער ווי אַ סך גרויסע
און רייכע לענדער צוזאַמען.

פֿאַרוואָס איז עס אַזוי? דאָס ווייסן מיר נישט, פּונקט ווי מיר
ווייסן נישט, פֿאַרוואָס איינער פֿון צוויי מיליאַרד מענטשן איז אַל־
בערט איינשטיין. ווען מ׳זאָל איינשטיינען וויפֿל מאָל צעגלידערן,
איבערוועגן און איבערמעסטן, איז ער פֿיזיש מיט גאָרנישט אַנ־
דערש פֿון אַלע אַנדערע מענטשן. אַפֿילו זיין מאָרך איז נישט אַנ־
דערש. און דאָך — איז ער איינשטיין. וועט ד״ר מאָרים קאָהען,
אָדער ה. ג. וועלס, פֿאַרלייקענען זיין עקזיסטענץ, אָדער זיין גרויס־
קייט און באַדייט פֿאַר דער וועלט־קולטור, פֿאַר דער וויסנשאַפֿט?

אויב מיר קענען אַ דערשיינונג נישט דערקלערן לויט איינגע־
פֿונדעוועטע באַגריפֿן און כּללים, איז לעכערלעך דערפֿאַר די דער־
שיינונג מבטל צו זיין. אַלץ, וואָס מיר קאָנען אין אַזאַ פֿאַל טון,
איז — וווּנדערן זיך. און מ׳דאַרף זיך וווּנדערן, וואָס פּראָפֿ.
קאָהען און, להבדיל, וועלס, האָבן פֿאַרגעסן — צו וווּנדערן זיך...

קאַנאָנען קעגן פילאָזאָפיע

די כראָנישע אָנפאַלן פון יאַפּאַן אויף כינע רודערן שוין מער נישט אויף די דיפּלאָמאַטישע קאַנצעלאַריעס פון אייראָפּע און אַמעריקע און זיי שאַקירן שוין אפילו נישט יענע איידעלע גייַסטער, וואָס האָבן אויפגעוואַרט אין זייער באַוווסטזיין אַ פּיעטעט פאַר דער אוראַלטער כינעזישער קולטור און ציוויליזאַציע. מ'געוויינט זיך צו אַלץ צו און אַז „מאַכט איז רעכט", איז אין אונזער וועלט זיכער קיין נייעס נישט. פון איין זייט אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליין פאָלק (אין פאַרגלייך מיט כינע) און נאָך גאָר יונג אין איר דיפּלאָמאַטישער וועלט־ראָל, אָבער מיליטעריש־מעכטיק, דיסציפּלינירט, אָרגאַניזירט, ענערגיש, אַגרעסיוו און אַמביציעז; פון דער אַנדערער זייט — אַ ריז מיט 450 מיליאָן קעפּ, אָבער אומאָרגאַניזירט, אַפּאַטיש, פילאָזאָפיש־פאַרטראַכט, פאַרשלאָפן און פּאַסיוו. מוז דערפאַר דער געלער ריז אויסשטיין די קלעפּ פון זיין קליינעם, געלן ברודער און אָפּקומען מיט פּראָטעסטן, מיט שוואַכן ווידערשטאַנד און מיט האָפנונג אויף נקמה אין דער צוקונפט...

וואָס זוכט יאַפּאַן אין כינע? דער ענטפער איז אין פלוג אויבנאויפיק: עקספּאַנסיע, טעריטאָריאַלע און קאָמערציעלע. די יאַפּאַנישע אינזלען ווערן אַלץ ענגער און ענגער פאַר דער שנעל־וואַקסנדיקער באַפעלקערונג, וואָס לעבט אין גרויס אָרעמקייט, זייענדיק באַשרענקט אין אָפּזאַץ־מערק פאַר די היימישע פאַבריקן. יאַפּאַן, וועלכע איז הילפלאָז קעגן די מעכטיקע אייראָפּעישע מלוכות און דעם טיטאַן אין צפון־אַמעריקע, האָט זיך דעריבער

אַרויפגעוואָרפן אויף איר גיגאַנטישן שכן און רייסט פון אים שטיקער. די דאָזיקע דערקלערונג קלינגט זייער לאָגיש. מיר האָבן דאָ אַן איבערחזרונג פון ענלעכע אימפּעריאַליסטישע אונטערנעמונגען אין דער קעגנוואַרט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווו שוואַכערע ווערן פאַרצוקט פון די שטאַרקערע.

אָבער אַזאַ ענטפער איז בלויז אויבנאויפיק, איבערהויפּט, ווען מיר האָבן אין זינען די אומגעהייערע געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין כינע און די שרעקלעכע אָרעמקייט דאָרט, מיט די אָפטע הונגער־אויסברוכן, וואָס רויבן מיליאָנען לעבנס. מיר מוזן דערפאַר זוכן אויך אַנדערע סיבות, אויסער אימפּעריאַליסטישע, וואָס ווירקן מיט אַזאַ פאַרביסענער עקשנות אין יאַפּאַנס אומאויפהערלעכער מלחמה קעגן כינע. פאַר איינעם, וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די צוויי געלע פעלקער, איז עס גאָרנישט שווער צו געפינען יענעם טיפערן מאָטיוו, וואָס באַהאַלט זיך הינטער די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטישע שלייערן. פאַר אַזאַ איינעם ווערט קלאָר, אַז, אַדרבא, יענער פאַרבאָרגענער מאָטיוו איז דער סאַמע עיקר אין אָט־דעם קאַמף און אַז דער אויסערלעך־אימפּעריאַליסטישער קריג איז פּאַקטיש אַ המשך פון דעם גרויסן קולטורקאַמף, וואָס דער יאַפּאַנישער רעפאָרמאַטאָר און דיכטער, קיי־באַראַ אַטסונאָבי, בעסער באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים עקקען, האָט אין אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט אויפגעהויבן קעגן כינע.

דעמאָלט איז עס געווען אַ מלחמה קעגן דער איבערהערשאַפט פון דער כינעזישער שפּראַך און שריפט און קעגן דעם בודיזם, וואָס איז דורך כינע — און אין אַ כינעזישער פאָרם — אַריינגעדרונגען קיין יאַפּאַן; אַצינד איז עס אַ מלחמה קעגן דער כינעזישער פילאָזאָפיע, אָדער גענויער: קעגן דעם פּאַציפיסטישן און פּאַסיוויסטישן גייסט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער כינעזישער פילאָזאָפיע. נאַטירלעך וועט פאַר יענע, וואָס זענען נישט באַקאַנט מיט די געשיכטעס פון די צוויי געלע מזרח־פעלקער, אַזאַ באַהויפּטונג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אויב נישט אומזיניק, און זיי וועלן אפשר מיט אַ שמייכל פרעגן: ווי קומט אַהער

פילאָזאָפיע? וועט דעריבער דאָ זיין נויטיק — און אויך באַלערנ־דיק — צו באַקענען די לעזער מיט אייניקע דאַטעס און פאַקטן אין די געשיכטעס פון יאַפּאַן און כינע.

קודם דאַרף מען וויסן, אַז די סומעס פון גייסטיקע אוצרות, וואָס יאַפּאַן פאַרמאָגט און וואָס זענען באמת ווערטפול — אין רעליגיע, פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און אפילו שפּראַך — קומען פון כינע. דאָס מיינט בשום־אופן נישט, אַז כינע און יאַפּאַן זענען ראַ־סישע קרובים, ווי די פאַרשפּרייטע מיינונג איז. „דער ראַסן־שייכות צווישן אָט־די צוויי פעלקער, — שרייבט אַזאַ געלערנטער, ווי וו. ג. אַסטאָן, — איז נישט קיין נענטערער ווי דער, וואָס פאַרבינדט די ווייטסטע קרובים פון דער אינדאָ־איראָפּעי־שער פעלקער־פאַמיליע". וועגן דעם אָפּשטאַם פון די יאַפּאַנער זע־נען פאַראַן אַלערליי סברות און השערות, אָבער קיין איינע פון זיי איז נישט היסטאָריש פעסטגעשטעלט. די יאַפּאַנער אַליין האָבן נישט קיין געשריבענע געשיכטע מכּוח זייער אָפּשטאַם און אַנט־וויקלונג, אויסער עטלעכע לעגענדעס. זיכער איז נאָר, אַז ביזן אָנהויב פינפטן יאָרהונדערט פון אונזער ערא זענען זיי געווען אַ קליין, פּרימיטיוו פאָלק. דעמאָלט האָט קיין יאַפּאַן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען — דורך קאָרעאַ — די כינעזישע חכמה, צוזאַמען מיט דעם כינעזישן אַלפאַבעט. די ערשטע יאַפּאַנישע ביכער שטאַ־מען פון אָנהויב אַכטן יאָרהונדערט — און אַלע געשריבענע מיט די כינעזישע העראָגליפן־אותיות. דאָס וויכטיקסטע פון יענע בי־כער איז „קאָדזשי־קי" (דער פּנקס פון פאַרצייטישע זאַכן).

מיט אַרום 1,300 יאָר צוריק האָט פון כינע זיך גענומען פאַר־שפּרייטן איבער די יאַפּאַנישע אינזלען דער בודיזם און שפּעטער — דער קאָנפוציאַניזם, אָבער די ביידע רעליגיעז־פילאָזאָפישע לע־רעס זענען אין יאַפּאַן פאַגאַניזירט געוואָרן, צוגעפּאַסט זיך צו דער פּרימיטיווער יאַפּאַנישער שינטאָ־רעליגיע מיט אירע אומצייי־ליקע געטער און געטינס. פון קאָנפוציאַניזם האָבן באַזונדערס אַפּעלירט צו די יאַפּאַנער יענע דאָקטרינען, וואָס לערנען געטריי צו זיין — און אפילו פאַרגעטערן — די הערשער פון לאַנד, די על־טערן, די אבות, דאָקטרינען, וואָס זענען אויך אייגן דעם שינ־

טאָיזם. מיטן קאָנפוציאַניזם האָבן די העכערע קלאַסן פון יאַפּאַנישן פאָלק שטאַלצירט, אַזוי אויך מיט דעם כינעזישן כּתב, בעת אויף דער יאַפּאַנישער טראַנסקריפּציע האָבן זיי געקוקט פון אויבן־אַראָפּ, ווי אויף „ווייבערישע אותיות‟. אַלץ, וואָס איז געקומען פון כינע, איז פאַר זיי געווען חשוב און שיין און דאָס אייגענע האָב און גוטס, וואָס איז טאַקע געווען קליין און אָרעם, האָבן זיי באַטראַכט מיט איידעלער פאַראַכטונג.

אָבער אין אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט האָט דער דערמאָנטער יאַפּאַנישער רעפאָרמאַטאָר און פּאָעט קייבאַרא אַטסונאָבי (עקקען) אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה קעגן דער כינעזישער קולטור־העגעמאָניע. פאַר זיין גרעסטן אויפטו ווערט פאַררעכנט דער פאַקט, וואָס ער האָט פאַר זיינע ווערק באַנוצט דעם יאַפּאַנישן אַלף־בית און זיין ביישפּיל האָבן באַלד נאָכגעטון אַנדערע יאַפּאַנישע געלערנטע און דיכטער. די כינעזישע שריפט איז פון דעמאָלט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון יאַפּאַן. אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף יאַפּאַן האָט געהאַט עקקענס ספר „אָנאַ דאַגאַקו‟ (גרויסע לערעם פאַר ווייבער), אַ מין צאינה־וראינה, וואָס אַנטהאַלט יאַפּאַנישע פאָלקס־מעשהס, לעגענדעס און „קלוגע רייד‟ — און אָט דער חיבור ווערט ביזן היינטיקן טאָג געלייענט אין יאַפּאַן נישט נאָר פון ווייבער, נאָר אויך פון מאַנסבילן. עד־היום איז אויך פאַרבליבן אין יאַפּאַנישן בלוט דער רעוואָלט קעגן כינעזישן גייסט.

די פראַגע, ווי אַזוי די איצטיקע מלחמה פון די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן קעגן כינע איז אַ המשך פון יענעם אַנטי־כינעזישן קולטור־קאַמף און ווי אַזוי דאָס איז אַ שטריט קעגן דער כינעזישער פילאָזאָפיע, ווערט אונז פאַרענטפערט, ווען מיר שפּרייזן אַריבער פון יאַפּאַנס קולטור־געביט אין דעם קולטור־געביט פון כינע און מיר וואַרפן אַ בליק אויף די עיקרים פון דער כינעזישער לעבנס־פילאָזאָפיע און מאָראַל. ווען אַטסונאָבי־עקקען האָט אין 17־טן יאָרהונדערט „באַפרייט‟ יאַפּאַן פון כינעס קולטור־השפּעה, האָט ער גלייכצייטיק פאַרטריבן פון די יאַפּאַנישע אינזלען דעם פּאַציפיסטישן גייסט פון דער כינעזישער פילאָזאָפיע און דערמיט

אויפבּאַוואָרט אין די יאַפּאַנער זייער פּרימיטיווע, קריגערישע לוסט, זייער פאַרהייליקונג פון בויגן און שפּיז. דערמיט ווידער האָט ער פאַר זיין פאָלק פריי געמאַכט דעם וועג צו מיליטאַריזם — און טעכנישער ציוויליזאַציע, — כאָטש פאַר דער דאָזיקער פאַזע אין איר געשיכטע איז יאַפּאַן גרייט געווען ערשט מיט אַרום דריי הונדערט יאָר שפּעטער, אונטער דער השפּעה פון דער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנישער מאַשין ־ ציוויליזאַציע און אימפּעריאַליסטישער רויב־פּאָליטיק.

כינע, דאַקעגן, וואָס איז אין משך פון איר לאַנגער געשיכטע טיף־דורכגעדרונגען געוואָרן פון איר פילאָזאָפיע — אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז סיי רעליגיע, סיי מאָראַל, סיי לעבנס־שטייגער — איז פאַרבליבן פּאַציפיסטיש, סטאָיִש־גלייכגילטיק, פּאַסיוו, און דערפאַר אַ לייכטער און געשמאַקער ביסן פאַר די אַפּעטיטן פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן. יאַפּאַן האָט צוגעזען, ווי די אייראָפּעיִשע מלוכות רייסן שטיקער פון איר ריזיקן שכן, באַרויבן אים, צעלייגן זיך ביי אים, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן און — זי האָט זיך דערשראָקן, דערזען דערין די גרעסטע סכנה פאַר איר אייגענער עקזיסטענץ. אין טאָקיאָ ווייסט מען גאַנץ גוט, אַז מיטן געשריי וועגן דער „געלער געפאַר'', וואָס ווילהעלם דער צווייטער האָט אויפגעהויבן און וואָס אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט, מיינט מען נישט אַזוי דאָס שוואַכע כינע, ווי דאָס וואַקסנדיקע, מעכטיקע יאַפּאַן; זייענדיק אַרומגערינגלט מיט מעכטיקע שונאים פון אַלע זייטן, באַגרייפט זי, אַז מיט איר גאַנצער מאַכט וועט זי נישט אימשטאַנד זיין בייצושטיין אַ „פאַראייניקטן פראָנט'' פון די אייראָפּעיִשע גרויסמאַכטן (און אַמעריקע), וועלכע האָבן שוין פאַרשלונגען אַפריקע און דעם גרעסטן טייל פון נאָענטן מזרח. פאַר איר איז קלאָר, אַז וויטערדיקע „ווייסע'' געווינסן אין כינע מיינען סוף־כל־סוף אויך דעם סוף פון יאַפּאַן. זי וויל דעריבער ווייזן, אַז דער געלער אַזיאַט איז נישט דער שוואַרצער אַפריקאַנער און זי וויל די ווייסע פאַרלויפן דעם וועג אין כינע, באַצווינגען דאָס כינעזישע לאַנד און עס מיליטאַריזירן אונטער איר קאָנטראָל, כדי צו האָבן אַ מעכטיקן שותף אין דעם

ענדגילטיקן, אנטשיידענעם גוג־ומגוג־קאמף פון דער געלער ראסע קעגן דער ווייסער ראסע...

אָבער דאָ שטייען איר אין וועג די דריי גרעסטע כינעזישע חכמים: קאָנפוציוס, מענציוס און לאָא־טצע. זיי האָבן אין כינעזישן פאָלק פאַרפלאַנצט אַ פּאַציפיסטישן גייסט, אַ אומגעהויערע ליבע צו שלום און אַ פאַראַכטונג צו ברוטאַלער מאַכט. סאָ־מערסעט מאָהעם, דער באַוווּסטער ענגלישער שריפטשטעלער, באַשרייבט אין זיין בוך „און עי טשייניש סקרין" אַ שמועס מיט אַ כינעזישן זקן, אַ געלערנטן. „ווען איר האָט נאָך געלעבט אין גריבער און זיך געקליידט אין חיהשער פעל, — האָט דער כינעזער אים געזאָגט, — זענען מיר שוין געווען אַ קולטור־פאָלק. ווייסט איר, אַז מיר האָבן געמאַכט אַן עקספּערימענט, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך אין דער וועלט? מיר האָבן בסדר זיך געמיט צו רעגירן אונזער גרויסע מדינה נישט דורך מאַכט, נאָר דורך חכמה... פאַרוואָס פאַראַכט דער ווייסער מענטש דעם געלן? ווייל ער, דער ווייסער, האָט דערפונדן דעם מאַשין־קאַנאָן. דאָס איז אייער סופּעריאָריטעט! איר האָט צעשטערט דעם חלום פון אונזערע פילאָזאָפן, אַז די וועלט קאָן רעגירט ווערן דורך דער מאַכט פון געזעץ און אָרדענונג". דער מאָדערנער כינעזישער שריפטשטעלער לי־האָי־סאַנג, דער מחבר פון אַ ריי ענגלישע ווערק וועגן כינע, זאָגט, אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן קאָנפוציוסן, וועלכער האָט געלעבט מיט אַרום 550 יאָר פאַר קריסטוסן: „קאָנפוציוס און מענציוס, זיין גרעסטער תלמיד, זענען געווען רע־פאָרמער אין דעם אמתן זינען פון וואָרט. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די מאָראַלישע און גייסטיקע נאַטור זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון מאַכט".

בי קאָנפוציוסן, ווי בי אַלע אַנדערע גרויסע כינעזישע חכמים, איז גערעכטיקייט דער סאַמע עיקר. „אַ מענטש, וואָס באַזיצט קוראַזש און האָט דערביי נישט קיין געפיל פון גערעכטיקייט, איז אַ פּשוטער באַנדיט", האָט קאָנפוציוס אַמאָל געזאָגט צו זיין תלמיד טצע־לו. און אַזוי אויך לאָא־טצע, דער צווייטער גרויסער פילאָזאָף און לערער פון כינע, אַ מיסטיקער און דער שאַפער פון

דער „טאַאָ"־דיכטונג — עניוות, שלום, גערעכטיקייט זענען די ווichטיקסטע געבאָטן זיינע; מאַכט, רייכטום און קריג הייסט ער פאַראַכטן. „אַלע זאַכן אין דער נאַטור, — זאָגט לאַאָ־טצע, — אַרבעטן שטיל, זיי קומען שטיל צום לעבן און באַזיצן גאָרנישט. זיי דערפילן זייערע פונקציעס און האָבן נישט קיין טענות". און ער הייסט דעם מענטש זיך לערנען ביי דער נאַטור. ער הייסט אויך באַצאָלן מיט גוטס פאַר שלעכטס: „צו די גוטע, זאָגט ער, וועל איך זיין גוט; צו די שלעכטע וועל איך אויך זיין גוט, כּדי זיי צו מאַכן גוט".

דור נאָך דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט האָבן די כינעזישע חכמים געוואַנדערט צווישן די פאָלקס־מאַסן — אויף די מערק, יארידן, גאַסן און וועגן — און זיי געלערנט פאַראַכטונג צו מאַכט און ליבע צום אמת; צופרידנקייט, שטילקייט, באַשיידנקייט, שלום און פּאַסיוויטעט, ביז די דאָזיקע מאַקסימען (כּללים) זענען געוואָרן דעם כינעזערס צווייטע נאַטור. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם זאָל וואַרפן זיין אימפּעריאַליסטיש־הונגעריקן בליק אויף אָט־דעם פילאָזאָפיש־פאַרוויגטן, פּאַסיוון פאָלק. דאָס אויפגעוואַכטע, מיליטאַריזירטע און אימפּעריאַליסטיש־אַגרעסיווע יאַפּאַן האָט דערשמעקט די געפאַר און גענומען באַקעמפן די כינעזישע פילאָזאָפיע — מיט קאַנאָנען... זי מיינט אַזוי־אַרום, ווי געזאָגט, אויפצושטעלן אַ מעכטיקן גילן פראָנט קעגן דעם פאַראייניקטן ווייסן פראָנט. אָבער זי מאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס: „ווייסט איר, אַז מיר באַזיצן אַ געניוס פאַר מעכאַניק? — האָט דער פריִער־דערמאָנטער כינעזישער זקן געזאָגט סאָמערסעט מאָהעמען, — וואָס וועט ווערן פון אייער סופּעריאָריטעט, ווען דער געלער מענטש וועט קענען פאַבריצירן קאַנאָנען אַזוי גוט, ווי דער ווייסער?"... און ב ע ר ט ר אַ נ ד ר אָ ס ע ל, דער ענגלישער געלערנטער, האָט אַמאָל ריכטיק באַמערקט: „די מעטאָדן פון אייראָפּע און יאַפּאַן וועלן די כינעזער צווינגען צו ווערן ווי יאַפּאַן, מיליטאַריסטיש און אימפּעריאַליסטיש... דאַקעגן, ווען מ'זאָל זיי צו־רו לאָזן, קאָנען זיי געבן דער וועלט אַ נייע ציוויליזאַציע, אָנצוגיין מיט די קונסטן

און וויסנשאַפטן, נאָכדעם ווי אייראָפּע וועט פאַרטרונקען זיין אין ים פון בלוט".

אָבער מ'לאָזט כינע נישט צו־רו און זי מיליטאַריזירט זיך שוין. זי מוז זיך אָפּזאָגן פון אַן אַלטער פילאָזאָפיע, וואָס איז געוואָרן איר לעבנס־אינהאַלט און די וועלט וועט דערפאַר באַצאָלן — און אין דער ערשטער ריי: יאַפּאַן. די יאַפּאַנער, וואָס האָבן מיט זייערע גרויזאַמע אָנפאַלן אויף זייער גיגאַנטישן שכן זיך אומגעהויער פאַרהאַסט געמאַכט ביי די 450 מיליאָן כינעזער, וועלן נישט זיין קיין שותּף, נאָר דער ערשטער קרבן פון כינעזישן מיליטאַריזם. זיי וועלן די ערשטע פאַרזוכן די נקמה פון דעם ריז, וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט פון זיין דורות־לאַנגן פרידלעכן דרימל, און די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן וועלן אויסגעפינען, — צו־שפּעט, — אַז פילאָזאָפיע קאָן מען נישט באַזיגן מיט קאַנאָנען. אַטסונאָבי־עקקען האָט געקעמפט מיט וואָרט, מיט שריפט, מיט בוך און — מנצח געווען. די, וואָס קעמפן מיט פולווער קעגן קאָנפוציוסן און לאַאָ־טצען, וועלן מוזן פאַלן. „ווער עס שטאָלצירט מיט זיין גבורה און וויל באַהערשן דורך מאַכט, אָנשטאָט דורך גייסט, גראָבט זיין אייגענעם קבר", האָט לאַאָ־טצע געזאָגט, און זיין וואָרט וועט מקוים — מוז מקוים ווערן — לגבי יאַפּאַן.

איוביקע פראַגן*)

ה' שלמה באַגין האָט מיט אַ צייט צוריק מיר צוגעשיקט די קאָרעקטור־בויגנס פון זיין סעריע אַרטיקלען וועגן דער אַנטוויקלונג פונם רעליגיעזן געדאַנק און מיך געבעטן צו באַקענען זיך מיט זיין אַרבעט.

די אַרטיקלען, געשריבן אין אַ לייכט פליסיקן סטיל, האָבן מיך פאַראינטערעסירט באַלד, ווי כ'האָב זיי אָנגעהויבן צו לייענען. פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער שריפטשטעלער פון דער ריינסטער פּראָבע, און איך האָב ה' באַגינען געראָטן אַרויסצוגעבן זיין אַרבעט אין בוכפאָרם.

דער ענין — די געשיכטע פון דער עוואָלוציע און רעוואָלוציע פון רעליגיעזן געדאַנק — איז אַזאַ, וואָס פאָדערט סיי גרויסע באַהאַוונטקייט אין די מיטאָלאָגיעס פון די פאַרשיידענע פעלקער, אין אַלערליי פילאָזאָפיעס און סיסטעמען; סיי אַן אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכע אויפפאַסונג פון אָט־דעם איידעלן געביט, און דערצו אַ קלאָר־דערציילעריש לשון, כדי איבערצוגעבן דעם לייענער, איבערהויפּט יענעם לייענער, וואָס איז ווייניק, אָדער גאָרנישט, געניט אין אַזעלכע ענינים, אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן דאָס, וואָס דער מחבר ווייס. די אַלע מעלות באַזיצט שלמה באַגין אין אַ געהעריקער מאָס.

---

*) הקדמה צו שלמה באַגינס בוך „געשיכטע פון דער עוואָלוציע פון רעליגיעזן געדאַנק", פאַרלאַג „שטימע", ניו־יאָרק—גלובאָק, 1937.

אז אזא ווערק איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט אין דער יידישער ליטעראטור, איז גאר איבעריק צו זאגן. ס'איז וויכטיק פאר דעם ארטאדאקסישן ייד, וועלכער ווייס לחלוטין גארנישט פון אנדערע אמונות און אפילו נישט מבוח דער עוואלוציע פון זיין אייגענער אמונה; און ס'איז אפשר נאך וויכטיקער פאר דעם מאדערנעם ראדיקאלן יידישן לייענער, וואס איז ביי זיך זיכער, אז ער ווייס שוין אלץ, וואס ס'איז שייך רעליגיע, נאכדעם ווי ער האט איבערגעלייענט עטלעכע פלאכע, קוואזי־וויסנשאפטלעכע ביכלעך, וווּ עס ווערט „באוויזן", אז רעליגיע איז פינסטערניש, אדער גאר א שווינדל, גאט איז אן אויסטראכטעניש און אלץ קומט פון דער נאטור, גליך דער מהות און עצם פון דער נאטור גופא וואלט שוין פאר אונז געווען איינמאל פאר אלעמאל קלאר, ממש ווי צוויי מאל צוויי איז פיר.

אט־דער אלץ־וויסנדיקער „אפיקורס", וואס שפייזט זיך נאך אויף דער תורה פון בנימין פייגענבוים, ד. מ. הערמאלין און פיליפ קראנץ, אדער פון העברעישן גרשון ראזענצווייג, צי אפילו אויף די עכט־וויסנשאפטלעכע מאטעריאליסטישע סאציאל־עקאנאמישע טעאריעס, וואס זענען פארגליווערט געווארן אין דאגמאטיזם נישט ווייניקער ווי די רעליגיע — אט־דער אלץ־וויסנדיקער שטעלט מיט זיך פאר דעם גרויסן רוב לייענער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור. ס'איז נישט זיין שולד, נאר די שולד פון דער ליטעראטור אונזערער, וואס האט זיך באגרענעצט אויף בעלעטריסטיק און אביסל יודאיקע און יידישיסטיק, אבער פארנאכלעסיקט אויף א פארברעכערישן אופן די אלגעמיינע וויסנשאפטן. דער מאדערנער יידישער לייענער, וואס האט נישט קיין צוטריט צו אנדערע ליטעראטורן, איז אנגעוויזן אויף פאפולאריזאטארן, וואס האבן אים דערלאנגט אויבנאויפיקע, אפט פאלשפארשטאנענע ידיעות פון די נאטור־וויסנשאפטן, ווי זיי האבן געהאלטן אין 19־טן יארהונדערט, ווען פארשיפורט פון די ערשטע דערפאלגן, איז דער וויסנשאפטסמאן איינגעגלויבט געווארן אין זיך, אז באלד וועט ער אויף א ריין־לאבאראטארישן שטייגער לעזן אלע וועלט־רעטענישן.

אונזערע היימיש־געבאַקענע „וויסנשאַפטסלייט" פון פיינגע־בוימס חדר, ס'רוב געוועזענע קלויזניקעס, וועלכע האָבן זיך אַליין קוים אָריענטירט אין דעם אַלף־בית פון די פיזיקאַלישע וויסנ־שאַפטן, האָבן זייער גאַנץ ביסל וויסנשאַפטלעכע אָרעמקייט פאַר־שוועגדט אויף אַטעיזם, אויף „באַווייזן", אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט — און זיי זענען אין זייער אַטעיזם געוועזן אַזוי פאַנאַטיש־פרום, ווי פריער אין זייערע רעליגיעזע גלויבנס, בעת זיי זענען נאָך געזעסן אין דער ישיבה. דערביי איז עס ביי אונז געבליבן. דער לייענער פון דער העברעישער ליטעראַטור איז נישט ווייט אַוועק פון מיכל וועבערס נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פּאָפּולאַריזאַציעס, צי גאָר פון גרשון ראָזענצווייגס תורה; און די לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור שטעקן נאָך אין די „אויפקלערונגען" פון די דערמאָנטע מחברים.

וואָס ווייס דער גרויסער יידישער לייענער־עולם מכּוח דער רעוואָלוציע, וואָס איז די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר, און דער־הויפּט אין לעצטן צענדליק יאָר, פאָרגעקומען אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, אין די פיזיקאַלישע טעאָריעס, אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט צעשמעטערט די מאַטעריאַליסטישע שיטה; אַ רעוואָלוציע אין אונזערע באַגריפן פון גאָט, מענטש און וועלט? ביי אונז ווייס מען נאָך נישט, אַז מ'מעג שוין גלויבן אין גאָט און דאָך זיין אַן אויפגעקלערטער מענטש. ביי אונזער „אויפגעקלערטן" לייענער הערשט נאָך די דעה, אַז דאָס רעליגיעזע געפיל איז אסור על־פּי דער וויסנשאַפט, בעת די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע גאונים פון דער היינטיקער צייט האָבן נישט נאָר מתּיר געווען דאָס רעליגיעזע אין אונז, נאָר באַרעכטיקן אפילו אַ סינטעז פון וויסנשאַפט און רעליגיע; שוין נישט צו רעדן דערפון, וואָס אייניקע פון די גרעסטע אַסטראָ־פיזיקער, ווי, צום ביישפיל, פּראָפ. עדינגטאָן און לאָדזש זענען רעליגיעז־פרום און איינער פון די סאַמע גרעסטע, דער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער לע־מעיטר, איז אַ קאַטוילישער פּריסטער, אין דער צייט, וואָס פּראָפ. מיליקאַן, דער וויכטיקסטער אויספאָרשער פון די „קאָסמישע שטראַלן", דערקלערט, אַז אַלע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פירן אונז צו דער איבערציי־

גונג, אַז דער אוניווערס ווערט באַהערשט פון געטלעכן פֿאַר־שטאַנד; אין דער צייט, וואָס פּראָפ. איינשטיין אַליין זאָגט אַרויס, אויפֿן יסוד פון זיינע אייגענע פֿאָרשונגען, עכט־רעליגיעזע געדאַנ־קען (אין זיין פּרעכטיקן עסיי: „אין וואָס איך גלויב") און אַזעל־כע וויסנשאַפֿטלעכע ריזן, ווי קאָמפּטאָן, דזשיימס דזשינס און עדווין ב. פראָסט בויגן זייערע קעפּ מיטן גרעסטן יראת־הכבוד פֿאַר דער געטלעכער קראַפֿט, וואָס דאָמינירט דעם אוניווערס — אין אָט דער צייט הערט מען נאָך ביי אונז, אַפֿילו גאָר לעצטנס, ווי פּסיי־דאָ־וויסנשאַפֿטלעכע שרייבער פון מאַטעריאַליסטישן חדר פּאַרליי־קענען, אין נאָמען פון דער נאַטור־וויסנשאַפֿט, דאָס רעליגיעזע געפיל.

אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַן אַרטיקל פון ד"ר מ. אוריאל, וועלכער פרעגט־אָפּ אַ באַהויפּטונג פון ד"ר זילבער־פאַרב, אַז וויסנשאַפֿט קאָן נישט געבן קיין ענטפער אויף די עיקר־דיקע וועלט־פּראָבלעמען. ד"ר אוריאל איז האָפֿערדיק־זיכער, אַז די וויסנשאַפֿט קאָן עס יאָ, בעת די הויפּט־צילן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט זענען דווקא איבערצייגט, אַז די וויסנשאַפֿט וועט קיינ־מאָל נישט געפינען קיין ענטפער אויף די עיקרדיקע וועלט־רעטע־נישן און אַז מיר וועלן אַפֿילו קיינמאָל נישט וויסן, וואָס „ווירק־לעכקייט" איז אַזוינס. דער זעלביקער ד"ר אוריאל ווייס אויך צו דערציילן — און אַלץ מיט פולער זיכערקייט, — אַז רעליגיעזע גע־פילן און רעליגיעזער גלויבן זענען אַ רעפלעקס פון דער מענטש־לעכער שוואַכקייט און מענטשלעכער קנעכטשאַפט — און אַלץ אין נאָמען פון דער וויסנשאַפט. פרעגט זיך: פון וועלכער וויסנשאַפט? די מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפט דערציילט דאָך אַן אַנדער מעשה!

דער וויסנשאַפֿטלעכער שריפֿטשטעלער, ד"ר ק. ל. דראָב־רידזש, האָט אין 1932 אַרויסגעגעבן אַ בוך „דהי רעלידזשאָן אָוו סייענטיסטס" (די רעליגיע פון וויסנשאַפטסלייט), ווו ער ברענגט זעקס פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט די מיטגלידער פון דער „ראָיאַל סאָסייעטי" אין ענגלאַנד, אַ געזעלשאַפט, וואָס אין איר ווערן אַריינגענומען בלויז די סאַמע גרעסטע, די יחידי־סגולה, פון

דער וויסנשאַפט. די זעקס פראַגן — און די ענטפערס אויף זיי — זענען:

I גלויבט איר אין דער עקזיסטענץ פון אַ גייסטיקער קראַפט, וואָס הערשט אין אוניווערס? 127 מיטגלידער פון דער וויסנשאַפט־לעכער געזעלשאַפט האָבן געענטפערט, אַז זיי גלויבן אין אַזאַ גייסטיקער קראַפט. בלויז 13 האָבן אויסגעדריקט זייער אומגלויבן.

II האַלט איר, אַז דער מענטש טראָגט ביז אַ געוויסן גראַד די אחריות פאַר זיינע האַנדלונגען? 173 האָבן געענטפערט יאָ און בלויז 7 — ניין.

III דענקט איר, אַז דער גלויבן אין עוואָלוציע איז אין סתירה צו דעם גלויבן אין אַ באַשעפער? 143 האָבן נ י ש ט געזען אַזאַ סתירה. בלויז 6 האָבן דאָס יאָ געזען.

IV האַלט איר, אַז די וויסנשאַפט פאַרניינט די אידייע פון אַ פערזענלעכן גאָט, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין דער ביבל? 103 האָבן געענטפערט, אַז די וויסנשאַפט פאַרניינט נישט די דאָזיקע אידייע. 26 האָבן געענטפערט, אַז זי פאַרניינט יאָ.

V גלויבט איר, אַז די פערזענלעכקייט פון דעם מענטש עקזיסטירט נאָכן טויט פון זיין גוף? די גרויסע מאַיאָריטעט האָט אויסגעדריקט גלויבן אין השארת־הנפש.

VI דענקט איר, אַז די לעצטע אומגעהויערע אַנטוויקלונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק איז גינציק פאַר דעם רעליגיעזן גלויבן? 74 האָבן געענטפערט, אַז יאָ, און 27, אַז נישט.

ווי ס׳איז צו זען, זענען די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע פאַרשער פון אונזער צייט, טאַקע די, וואָס פאַרנעמען זיך בסדר מיט די סודות פון דער וועלט — אַסטראָנאָמען, מאַטעמאַטיקער, ביאָלאָגן און כעמיקער — צוריקגעקומען צום רעליגיעזן וועלט־באַנעם, וואָס די נאַטור־וויסנשאַפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט געהאַט פאַרוואָרפן; וואָס טיפער די וויסנשאַפט דרינגט אַריין אין די סודות פונם באַשאַף, אין די רעטענישן פון דער וועלט, אַלץ נענטער קומט זי צו צום געטלעכן מקור און אַלץ מער זעט זי איין די באַשרענקטקייט פונם מענטשלעכן שכל לגבי דער אומענדלעכקייט פון דער יצירה. דאָ פאַרווירקלעכט זיך פולשטענדיק דאָס

ווארט פון דעם ענגלישן פילאזאף פראנצים בייקאן, אז „אויבער־פלעכלעך דענקען פירט צו אטעיזם, אבער א טיפער דענקען פירט צו רעליגיע". אדרבא, רעדט מיט א יונגנמאן, אדער מיידל, וואס האט א נאש־געטון אביסל וויסנשאפטלעכע ידיעות, און זיי וועלן אייך אקוראט זאגן, ווי אזוי אלץ איז געווארן. טאמער וועט איר זיי אנרופן א גרויסן וויסנשאפטסמאן, וועלכער דארף גיכער וויסן, „ווי אזוי אלץ איז געווארן" און דאך שעמט ער זיך נישט מודה צו זיין, אז מיר קאנען נישט דערגיין די געטלעכע דרכים — וועלן די דאזיקע „אויפגעקלערטע" יונגעלייט און מיידלעך אויף אייך קוקן, ווי אויף א ליגנער און פארפירער.

דא איז נישט וויכטיק, וואס אזוינס דער, אדער יענער וויסנ־שאפטסמאן פארשטייט אונטערן ווארט „גאט". דאס איז שוין גיכער א פראגע פון פאנטאזיע, ווי פון וויסנשאפט. דער עיקר איז, אז די מיינסטע נאטור־פארשער פון אונזער צייט זענען, טאקע א דאנק זייערע אומדערמידלעכע עקספערימענטן, געקומען צום אויספיר, אז אין דעם אוניווערס איז שולט א גרויסער פאר־שטאנד, א געטלעכער געדאנק, א באוווסטזיניק־שעפערישע קראפט. דידרא איז גערעכט געווען: „אנשטאט צו זאגן, אז גאט איז נישט אזוי, ווי מיר שטעלן זיך אים פאר, זאגן טייל, אז גאט איז בכלל נישטא". ביי אונז — און נישט נאר ביי אונז — פאר־מישט מען נאך די דאגמאטישע, פארמאליסטישע רעליגיע מיטן רעליגיעזן געפיל, וואס איז פונדאמענטאל אין אונז, און אין קאמף קעגן דעם איינפלוס פון קירך, שול, מעטשעט, וואס זענען געווארן זיילן פון אומרעכט, אין דינסט פון אן אונטערדריקערישן קלאס, שיסט מען פולווער אויף דאס רעליגיעזע בכלל, אויף דעם רעליגיעזן אינסטינקט אין מענטש, וואס איז אזוי נאטירלעך און אייביק, ווי די אינסטינקטן פון ליבע, געשלעכט, טרויער און בענקשאפט.

דעריבער איז געקומען צו א לאגע, אז בעת אלע אנדערע וויסנשאפטן האבן אין די לעצטע יארן רעווידירט זייערע גרונט־פרינציפן און נישט קיין מורא געהאט צו דערקלערן באנקראט דעם מאטעריאליסטישן יסוד, וואס אויף אים זענען זיי פריער

געשטאַנען, איז בלויז דער מאַרקסיזם געבליבן שטיין אויפן מאַ־טעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט; און ס׳איז באמת טראַגי־קאָמיש: די וויסנשאַפטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער מאַטעריע פון דער וועלט, דערווייטערן זיך פון מאַטעריאַליסטישן גלויבן, אָבער ווען אַן אָנהענגער פון מאַרקס און לענין זאָל מאַכן דעם מינדסטן אָפּ־נויג פון דעם מאַטעריאַליסטישן פּרינציפּ, וואָלט ער געהאַט אַזאַ סוף, ווי אַן אפּיקורס גמור, אָדער אַ משומד צווישן פרומע ייִדן. נישט אומזיסט ווייזן אָן קריטיקער, אַז דער מאַרקסיזם, וואָס האָט אויף זיין פאָן אויפגעשריבן: „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק״, האָט זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ דאָגמאַטישער רעליגיע.

איך בין אפשר אוועק אָן אַ זייט, מחמת די אויפגאַבע פון שלמה באַגינס ווערק איז נישט קיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע פאַר אָדער קעגן רעליגיע. עס איז, ווי געזאָגט, און ווי דער נאָמען פון דער אַרבעט ווייזט, אַן אָביעקטיווע אָפּהאַנדלונג וועגן דער אַנטוויק־לונג פון דעם רעליגיעזן געדאַנק אין פאַרלויף פון דער מענטש־לעכער געשיכטע. אָבער איך גלויב, אַז נאָכדעם ווי דער לייענער באַקענט זיך מיט אַזאַ אָפּהאַנדלונג, מוז זיין בליק אויף רעליגיע בכלל ווערן אַן אַנדערער, אַ ברייטערער און פרייערער, וואָס דאָס ווידער מוז שוין ממילא פירן צו אַ בעסערער פאַרשטענדעניש פון דעם רעליגיעזן מהות, וואָס לעבט אין אונז, ווי אין דעם גאַנצן באַשאַף.

דערפאַר טוט מיר הנאה, וואָס שלמה באַגין האָט אָנגענומען מיין עצה, אַרויסצוגעבן זיין אָפּהאַנדלונג אין בוך־פאָרם. די ייִדי־שע ליטעראַטור געווינט דערמיט אַ וויכטיק בוך, אַ נויטיק בוך. הלוואי זאָלן זיך אַזוינע ביכער מערן ביי אונז און ס׳וועט ליכ־טיקער ווערן אויף דער ייִדישער גאַס.

אַ הימל פֿאַרן מאַרקסיזם*)

מיר לעבן אין אַ טראַגישער צייט, אפשר דער טראַגישסטער אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע — טראַגישסטער, ווייל די מענטשלעכע חיה האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט גראָד אין דער עפּאָכע פֿון די גרעסטע וויסנשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען, פֿון די איבעראַשנדיקסטע טעכנישע וווּנדער און פֿון די שענסטע האָפֿנונגען און חלומות; גראָד אין דעם פֿייערלעכן מאָמענט, ווען דער מענטש איז אַרויפֿגעשטיגן אויף דעם העכסטן שטאַפּל פֿון דער לייטער און געמיינט, אַז באַלד־באַלד וועט ער דעם הימל דערלאַנגען — האָט זיך אָנגעהויבן זיין שרעקלעכסטע מאָראַלישע ירידה. ווי דער לעגענדאַרישער טורעם פֿון בבל, אַזוי האָט זיך דער גאַנצער טורעם פֿון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע אַזאַ טרייסל געטון, אַז די סאַמע פֿונדאַמענטן האָבן זיך צעשאָטן אין שטויב און באַגראָבן אונטער זיך אונזערע אַלע האָפֿנונגען, אידעאַלן און חלומות. אַ בלוטיק צעמישעניש, פֿאַרלוירנקייט און האָפֿנונגסלאָזיקייט האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשהייט. איינער האָט אויפֿגעהערט פֿאַרשטיין און געטרויען דעם אַנדערן. דער מיטלאַלטער — נאָך ערגער: דער רזשונגל — איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים און ווילדע חיות רעווען — מענטשלעכע חיות, חיות אין פֿראַק, צילינדער און ווייסע הענטשקעס.

אין איטאַליע, וואָס מ׳האָט גערופֿן „דאָס גן־עדן התחתון פֿון מוזיק״, און אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געשמט ווי „דאָס

*) הקדמה צו אברהם ביקס בוך „גרונט־פּרינציפּן פֿון רעליגיעזן סאָציאַליזם״ ניו־יאָרק—לאָדזש, 1938.

לאַנד פון פּאָעטן און דענקער״, האָט דער פאַשיזם אָפּגעמעקט דעם צלם ־ אלוקים פון די מענטשלעכע שטערנס און מיט חוצפּהדיקן שטאָלץ דאָרט אויסגעקריצט קינס צייכן פון ברודער־מאָרד און מענטשנהאַס. מאָראַל, עטיק, הומאַניטעט, ליבע, יושר, שיינקייט און שלום — אָט־די אַלע אידעאַלע באַגריפן און עיקרים, וואָס זענען נעכטן געווען די עמודי־האש פון דער מענטשהייט, זענען דורך דעם פאַשיזם געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, פאַרשפּאָט און פאַרשפּיגן געוואָרן. האַס און קריג, רויב און מאָרד זענען געוואָרן די עיקרים פון דער נייער רעאַקציע, די שענסטע טערמינען אין איר לעקסיקאָן. מ׳קנעלט זיי אַריין אין די קעפּ פון די קינדער און זיי פלאַטערן אין שימער פון פאָנען איבער די קעפּ פון המונים.

איז קיין וואונדער נישט, וואָס די געזונט־געבליבענע טיילן פון דער מענטשהייט און באַזונדערס די גרעסטע קרבנות פון פאַשיזם, אונזערע ייִדן, זענען אַריינגעפאַלן אין דעם טיפסטן יאוש. דער גלויבן אין די אַלע שיינע לאָזונגען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; דער גלויבן אין קולטור, אין ציוויליזאַציע, אין דעם סאַמע מהות פון מענטש, וואַלגערט זיך ביי די פיס אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרבלאָטיקטער און אַ פאַרבלוטיקטער. און ווי קאָן מען גלויבן, בעת מ׳זעט, אַז ס׳איז געוואָרן ווי א קראַץ מיט היטלערס האַקנקרייץ אויף דער הויט פון דעם „פאָלק פון פּאָעטן און דענקער״, אַז ס׳זאָל אַרויסשפּרינגען — דער באַרבאַר, דער וואַלד־גזלן מיט דער האַק? דער „פילאָזאָפישער״ בערלינער און דער „געמיטלעכער״ ווינער האָבן זיך צעיושעט מיט ווילדער רציחה און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף שוצלאָזע פרויען, קינדער און זקנים; נישט נאָר דער המון, נאָר אויך די העכסטע פאָרשטייער פון דער קולטור און ציוויליזאַציע, די הערן פון דער פּרייסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, פּראָפ. מאַקס פּלאַנק, דער פאָטער פון דער קוואַנטום־טעאָריע; פּראָפ. שטאַרק, דער גרויסער אַסטראָ־פיזיקער; גערהאַרד הויפּטמאַן, דער באַרימטער פּאָעט און דראַמאַטורג, און נאָך און נאָך — אויך זיי זענען אַריין אין דעם בלוטיקן טאַנץ.

מיט אימה און שוידער ווענדן מיר אונזער בליק אין אַלע זייטן: מאַין יבוא עזרי? פונוואַנען וועט קומען הילף און טרייסט, אַ וואָרט פון נחמה אין דער איצטיקער טראַגישסטער פון אַלע צייטן? און דער בליק פאַלט, אין פלוג, אויף — מאָסקווע. האָט דאָך דאָרט טריומפירט די רעוואָלוציע, די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די תורה פון דעם „מאָדערנעם יידישן נביא, קאַרל מאַרקס; איז דאָך דאָרט פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַפרייונג פון די פעלקער און פון דעם מענטש; גלייכהייט און גערעכטיקייט, אמת און פרידן, די דערהויבונג פון די געפאַלענע און די באַשיצונג פון די געשלאָגענע. אָבער באַלד מוזן מיר פון דאָרט אָפּקערן אונזער בליק מיט אַנטוישונג און בושה. אַ פּאַנאָראַמע פון קנעכטשאַפט און סטאַליניסטישער גלאַנצנדיגסט דערזעען מיר דאָרט; געפּאַקטע תפיסות מיט געפּייניקטע אידעאַליסטן הינטער די קראַטעם פון פינסטערע קאַזעמאַטן טראָגן זיך פאַרביי פאַר אונזער בליק; ביקסן־געקנאַל און גסיסה־געשרייען שניידן אונזערע אויערן; טויזנטער קברים פון דערמאָרדעטע פירער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דערשאָסענע אונטער אַ האָגל פון די געמיינסטע בלבולים און פּראָוואָקאַציעס — ווו נאָר אונזער בליק קערט זיך און ווענדט זיך. איבער דער דערשראָקענער, צונויפגעטוליעטער מאַסע פון הונדערט און זעכציק מיליאָן קנעכט שטייט אַ קאַווקאַזער, זעלבסטצופרידענער, ציניש־שמייכלדיקער טיראַן מיט אַ בלוטיקער בייטש אין האַנט.

דאָס איז רעוואָלוציע, — פאַרזיכערט מען אונז. אַנדערש קאָן עס נישט זיין. און מ'ברענגט אונז אַ ביישפּיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער דער ביישפּיל האַלט נישט אויס, נישט נאָר דערפאַר, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט קורצע טעג, בעת די רוסלענדישע איז שוין אַריבער דעם צווייטן צענדליק יאָר, אַ גענוגנדיקער פעריאָד פאַר סטאַביליזירונג און הומאַניזירונג, בפרט, אַז דורך דער צייט איז שוין אויסגעוואַקסן אַ נייער דור; אויך נישט דערפאַר איז דער פאַרגלייך אַ פאַלשער, וואָס ס'איז בכלל נישטאָ אַזאַ געזעץ, אַז רעוואָלוציע מוז אומבאַדינגט באַגלייט ווערן פון ברודער־מאָרד, מיט טורמע

און תליות, נאר דער עיקר דערפאר, וואס די אידעאלאגיעס פון די צוויי רעוואלוציעס האבן קיין שום ענלעכקייט נישט צווישן זיך — און סוף־כל־סוף האט דאך די אידעאלאגיע פון א רעוואלוציע אויך עפעס א באטרעף... נאך ריכטיקער וועט דא זיין צו זאגן, אז בעת די פראנצויזישע רעוואלוציע האט בכלל קיין באשטימטע אידעאלאגיע נישט געהאט, נאר זיך זיגזאגיש באוועגט צווישן אלערליי אבסטראקציעס, דערין אזא טעאטראלישע שפיל ווי „די רעליגיע פון שכל”, און איז באהערשט געווארן פון כלערליי שטימונגען און קאפריזן — האט די רוסלענדישע רעוואלוציע יא געהאט א באשטימטע אידעאלאגיע, א פאן, וואס פאר איר האט זי גע־שטריטן.

די אידעאלאגיע פון דער רוסלענדישער רעוואלוציע איז גע־ווען — דער מארקסיזם, די אויסגעצייטיקטע, אויסגערייפטע און פראקטישע תורת מארקס, אט־די תורה, וואס בעת דער פראנ־צויזישער רעוואלוציע האט זי זיך נאך געפונען אין איר עמבריא־נישן צושטאנד און אידייאיש נאך קיין השפעה נישט געקאנט האבן. אין דער רוסלענדישער רעוואלוציע האט דער מארקסיזם געהאט זיין ערשטע עכטע און פראקטישע פראבע, זיין ערשטע היסטארישע געלעגנהייט. און אט־דאס, וואס מיר זעען אצונד אין דעם אזוי־גערופענעם סאוויעטן־פארבאנד, דאס איז דער רעזולטאט פון דער דאזיקער פראבע. דאס איז דער מארקסיזם אין דער פראקטיק. סטאלין איז טאקע א טיראן, א פארדעטער און ער פארדינט די קללה פון אלע פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן. אבער וואס איז עפעס מיט דער אי־דייע גופא, מיט דער אידייע, וואס דערמעגלעכט אזא דעספאט און אזא פירונג; וואס האט דעם מענטש אין רוסלאנד געבראכט צו אן ערגערער ירידה ווי אפילו אין נאצי־דייטשלאנד — לויט דער פארזיכערונג פון אנדרע זשיד? געווים פאלט א היפשער טייל פון סטאלינס פארברעכנס אויף די קעפ פון זיינע פארגייער, לענין און טראצקי. אבער דיווארצלען פון דעם בייז ליגן אין מארקסיזם גופא.

קודם איז עס קארל מארקס, וואס שטייט אנגעקלאגט פאר

דער וועלט. ס'איז זיין „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם‟, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער בלוטיקער אָרגיע אין רוסלאַנד, פאַר דעם בלוטיקן קאָמוניזם און אפשר אויך פאַר דעם בלוטיקן פאַשיזם. ס'איז דאָך אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז דער פאַשיזם איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון רוסלענדישן קאָמוניזם; אַז דער געוועזענער לינקער סאָציאַליסט, ב ע נ י ט אָ מ ו ס אָ ל י נ י, האָט פּינקטלעך קאָפּירט און אימיטירט די דיקטאַטור און אַלע מעטאָדן פון דער קאָמוניסטישער אָרדנונג. נישט אומזיסט האָט מאַלפּאַרטע, מוסאָליניס טעאָרעטיקער פון פאַשיזם, אַרויסגעוויזן, אין זיין ווערק, אַזוי פיל באַגייסטערונג און באַוווּנדערונג פאַר לענינען און טראָצקין. קאָמוניזם און פאַשיזם זענען צוויי זייטן פון דער זעלביקער מטבע, צוויי עקן פון דעם אייגענעם שטעקן — פון דעם שטעקן, וואָס שלאָגט און דערשלאָגט דעם מענטש און זיינע שענסטע חלומות.

ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס האָט פון דעם יידישן „לא על הלחם לבדו יחיה האדם‟ אויסגעמעקט דעם „לא‟. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע ווערט דאָמינירט פון דער עקאָנאָמיק, פון עקאָנאָמישע אינטערעסן. אַלץ איז מאַטעריע. נישטאָ קיין גייסטיקע כּוחות אין דער וועלט און אין מענטש. אָט דאָס איז דער סאַמע תּמצית פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם‟. פרעגט זיך: אויב דאָס איז אַלץ — וואָס פאַרא זין האָט בכלל דאָס לעבן? אויב אַלץ איז לויטער חומר און מאָגן — וואָס פאַרא ווערט האָט דער מענטש? מיט וואָס שטייט דער מענטש העכער פון דער חיה? נו, האָט דער מענטש טאַקע קיין ווערט און קיין באַטרעף נישט — נישט אין דעם לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נישט אין די לענדער פון די פאַשיסטישע דיקטאַטורן. נישטאָ דאָרט די הייליקייט פון לעבן. נישטאָ דאָרט קיין דרך־ארץ פאַרן מענטש, פאַר דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. נישטאָ דאָרט קיין מאָראַלישע אחריות און נישטאָ דאָרט דער אינערלעכער ציטער פאַר אַ העכערער קראַפט, וואָס וועט מאָנען דין־וחשבון.

מיט מאַרקסן איז געשען דאָס אייגענע, וואָס מיט אַנדערע פאָרשער, וואָס אָנשטאָט צו באַהערשן זייער אידייע, ווערן זיי פון

איר באהערשט און די אידייע ווערט — אן אידייע־פיקס, א מאַ־
ניע, וואָס נעמט אוועק אַלע זייערע ענערגיעס און כּוחות, אַזוי אַז
זיי קאָנען שוין אבסאָלוט גאָרנישט זען, אַ חוץ דער דאָזיקער אי־
דייע, וואָס אָפט איז זי נישט מער ווי איין פּונקט אין אַ גאַנצן
קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען און אמתן. טשאַרלס דאַרווין
האָט זיך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן אָפנהאַרציק און מיט בי־
טערקייט מודה געווען, אַז אַ טייל פון זיין מעכטיקן אינטעלעקט
איז אַטראָפירט געוואָרן. און זיין גייסטער ביאָגראַף, דזשע־
פּאָרי וועסט, הגם אַן ענטוזיאַסטישער פּאַרטיידיקער פון
דאַרווינס טעאָריעס — די טעאָריעס, וואָס זענען אין די לעצטע
יאָרן שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן — איז דערביי מוסיף, אַז דער
מענטש איז פאַר דאַרווינען געווען בלויז איין דעטאַל אין דעם
נרויסן ביאָלאָגישן קאַטאַלאָג. ער האָט אים אויסגעמון, דעם בן־
אדם, פון זיינע גלויבנס, פון זיינע קונסטן, פון זיין מוזיק און
אים באַהאַנדלט ווי אַן אַפּענדיקס. „דאַרווין האָט מיט אַ מין אינ־
טעלעקטועלן אימפּעריאַליזם — זאָגט אונז וועסט ווייטער — גע־
שטרעבט אונטערצוּוואַרפן אַלע ענלעכקייטן און קאָנטראַסטן אונ־
טער איין טאָטאַליטאַרישער לעבנס־אָרדנונג אויף אונזער פּלאַנעט״.

אָט דאָ האָבן מיר — ביי דאַרווינען — דעם ערשטן יסוד
פון טאָטאַליטאַריזם און דער עיקר: פון דעם מאָדערנעם בּלוטיקן
און קריגערישן מאַטעריאַליזם. דערפון וועט דעם לעזער קלאָר
ווערן, אַז דאַרווינס נאָמען איז דאָ אַריינגעבראַכט געוואָרן נישט
צופעליק, נאָר מיט דער כּוונה צו באַווייזן, אַז פון סטאַלינען דאַרף
מען נישט נאָר צוריקגיין צו לעגינען און טראָצקין און פון זיי צו
מאַרקסן, נייערט מ׳דאַרף אַנלייגן אַ נאָך ווייטערן מהלך, כּדי צו־
צוקומען צו די וואָרצלען פון דעם מאַטעריאַליזם און דיקטאַטור—
קאָמוניסטישער און פאַשיסטישער — אַזש צום אַלטן טשאַרלס
דאַרווין. וואָרן אויב מאַרקס האָט זיין דיאַלעקטיק איבערגענומען
פון העגעלן, האָט ער זיין גאַנצע מאַטעריאַליסטישע שיטה איבער־
גענומען פון דאַרווינען — און דערביי מיט אַ גרינג געמיט גע־
שטעלט נישט נאָר אויף דאַרווינס פאַקטישע ראיות, נאָר אויך
אויף זיין פּראַזעאָלאָגיע. אַפילו אַזאַ חסיד דאַרווינס, ווי דער דער־

מאָנטער דזשעפּארי וועסט, באַשטעטיקט די טענות פון דאַרווינס קריטיקער, אַז „ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן איז דאַרווין געווען אומ־פאַראַנטוואָרטלעך“... „נישט קימערנדיק זיך וועגן די קאָנסעקווענצן, האָט ער אין דער לופט אַריין געשאָסן פראַזן, וואָס זענען געפאַלן מיט טויטלעכן עפעקט אויף די מוחות פון מענטשן, וואָס זענען נישט געווען אַזוי וויסנשאַפטלעך שטאַרק, ווי ער אַליין“. דאָס פאַרשפּרייטסטע און געפערלעכסטע פון די דאָזיקע ווערטלעך איז די באַרימטע פראַזע וועגן דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווי בלויז די שטאַרקסטע און פעיִקסטע בלייבן איבער“. אָט־דאָס שלאָג־וואָרט — „דהי סורוויוויל אָוו דהי פיטעסט“ — איז געוואָרן די תורה פון אייראָפּע. דעם פיזישן כּוח האָט מען געמאַכט פאַר דעם פּראָביר־שטיין פון פּאַסיקייט און פון רעכט אויף לעבן.

די קאָנסעקווענצן פון דאַרווינס דאָקטרינען זענען, לויט וועסטן, געווען פּאָטענציעל קאַטאַסטראָפאַל. פון ניטשען ביז קאַרל מאַרקסן האָבן דאַרווינס תּלמידים זיך באַנוצט מיט זייער רבּינס טעזע — מיט זיין כּלומרשט־וויסנשאַפטלעכן הסכּם אויף פיזישן כּוח — פאַר אַ באַרעכטיקונג פון ברוטאַליטעט, קריג, בלוט־פאַרגיסונג, ווי פאַר דער גלאָריפיצירונג פון די שטאַרקע און מעכטיקע, אַלצאיינס, צי ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ יחיד, אָדער וועגן אַ קלאַס. אין 1866, ווען עסטרייך איז באַזיגט געוואָרן דורך פּרייסן, האָט אַ מיטגליד פון ווינער רייכסטאַג אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אָט־די ווערטער: „די פראַגע, וואָס מיר דאַרפן קודם־כּל באַטראַכטן, איז — צי טשאַרלס דאַרווין איז גערעכט, אָדער אומ־גערעכט“. דאַרווין אַליין פלעגט זיך וויצלען, אַז ער האָט באַשטעטיקט נאַפּאָלעאָנס פּרינציפּ פון „מאַכט איז רעכט“. נישט אומזיסט איז ד״ר ס ע ד ז ש ו ו י ק, דאַרווינס לערער אין געאָלאָגיע, ממש אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג, ווען ער האָט באַמערקט, אַז ביי זיין תּלמיד איז דאָ אַ שאַרפער ריס צווישן דאָס מאַטעריעלע און דאָס מאָראַלישע און ער האָט — אין 1859 — געוואָרנט, אַז אַזאַ שיטה, ווי דאַרווינס, וועט ברוטאַליזירן די וועלט און די מענטשהייט וועט פאַרזינקען אין אַ טיפערן תהום פון ירידה ווי ווען־עס־איז אין דער געשיכטע.

די דאָזיקע נבואה איז, ליידער, מקוים געוואָרן און די פאַר־בליבענע אָנהענגער פון דארווינס תורה ווילן איצט מיט אַלע מעג־לעכקייטן פאַרגלעטן זייער נביאס טעזעס. אַזוי האָבן נישט לאַנג צוריק אַמעריקאַנער נאַטור־וויסנשאַפטלער — אויף אַ צוזאַמענ־פאָר אין פּראָווידענס — געבריייעט, אַז דארווינס דאָקטרין וועגן דעם איבערבלייב פון די פאַסיקסטע, וואָס דאָס מיינט פון די שטאַרקסטע, איז שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן, מחמת דארווין האָט נישט געמיינט בלויז פיזיש, נאָר דער עיקר — גייסטיקן כוח. אָבער זייער אויסטייטש קומט אַביסל צו שפּעט און הגם דער גאַנצער מאַטעריאַליסטישער בנין, וואָס דארווין האָט אויפגע־שטעלט, וואַקלט זיך זייער שטאַרק אין די לעצטע יאָרן, ווי עס וואַקלען און ברעקלען זיך די מאַטעריאַליסטישע בנינים אויך אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן, וועלן דארווינס געפליגלטע פראַזן נאָך מסתמא לאַנג צרות פאַרשאַפן דער מענטשהייט. דאָס אייגע־נע קאָן געזאָגט ווערן מכוח דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם" פון מאַרקסן, בפרט, אַז די מאַרקסיסטן לערנען זייער פאַמעלעך פון די גייסטיקע רעוואָלוציעס אין די אַנדערע וויסנשאַפטן און ווילן נישט אָפּלאָזן דעם מאַטעריאַליזם.

מאַרקס' גרויסער אינטעלעקט איז, פונקט ווי דארווינס, צוגעשמידט געוואָרן צו איין פונקט און איז אַטראָפירט געוואָרן צו אַלע אַנדערע פונקטן. איינמאָל זיך אָנגעשלאָגן אָן דער עקאָ־נאָמיק און אָן אַ מאַטעריאַליסטיש וועלט־בילד, איז ער אַזוי פאַר־כישופט און פאַרשיכּורט געוואָרן, אַז מער — און ווייטער און טיפער — האָט ער שוין נישט געזען און נישט געוואָלט זען. ער איז טויב און בלינד געוואָרן צו די אומגעהויערע גייסטיקע כוחות אין וועלט און מענטש, צו די ספּיריטועלע פּראָצעסן און פאַקטאָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי צו די שוואַכע פונקטן און ווידערשפּרוכן אין זיינע אייגענע טעאָריעס. מאַרקס האָט אָפּע־רירט מיט העגעלס דיאַלעקטישן שכל און געזען מיט דארווינס אויגן, אָבער דערביי אויך געפילט מיט דעם אינסטינקט פון ישעיה — דער אינסטינקט פון יושר. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דאָס נביאישע אין מאַרקסן און דאָ געפינט זיך דער רעטונגס־

פּונקט פון מאַרקסיזם. וואָרן אויף דעם מאַטעריאַליסטישן יסוד פון זיינע טעאָריעס האָט מאַרקס אויפגעשטעלט אַ בנין פון אַן „אחרית הימימדיקער" געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס איז באמת אַ מוסטער פון גלייכהייט, גערעכטיקייט, צופרידנקייט און פרידלעכן צוזאַמענלעבן צווישן פאָלק מיט פאָלק און מענטש מיט מענטש. אַלץ, וואָס אין דער דאָזיקער מענטשהייט פעלט, איז — דער מענטש... וואָרן דער מענטש, ווי דער מאַטעריאַליזם פאַסט אים אויף, דער מענטש פון לויטער חומר, וואָס אַבי די קאַריטע איז פול, איז ער צופרידן און פרידלעך — אַזאַ מענטש איז, ווי געזאָגט, מער חיה ווי „האָמאָ סאַפּיענס". מיט אַזאַ מענטש — און מיט אַזאַ באַציִונג צו אים — קאָן דער מאַרקסיזם קיין בעסערע אָרדנונג נישט דערגרייכן ווי די, וואָס הערשט אין לאַנד פון די סאָוויעטן, אַן אָרדנונג פון פחד, בלבול, ירידה און ברודער־מאָרד; אַן אָרדנונג, וווּ מענטשלעך לעבן איז ביליק און די גאַנצע גייסטי־קע וועלט — טאַבו.

דעריבער, אויב מיר ווילן דערגרייכן אַ סאָציאַלע אָרדנונג אין גייסט פון ישעיה, איז קודם נויטיק צו ראַטעווען דעם מאַרקסיזם פון דעם מאַטעריאַליסטישן דאָגמאַטיזם. און ס'איז באמת אַ פרייד צו זען, אַז אין די לעצטע יאָרן זענען אויפגעשטאַנען אַזעלכע מאַרקסיסטן, וואָס נעמען פון מאַרקסיזם בלויז דאָס גוטע און שיינע און פאַרוואַרפן דאָס שעדלעכע און מיאוסע. דאָס זענען די עטישע און רעליגיעזע סאָציאַליסטן, וואָס שטרעבן ארויסצושניידן פון מאַרקס' לערע דאָס הומרדיקע ווילד־פּלייש און דאָס ליי־דיקע אָרט אָנפילן מיט גייסטיקן תוך, מיט עטיש־רעליגיעזע ווערטן. ביי אונז האָט דער עטיש־רעליגיעזער סאָציאַליזם אַזעלכע חשובע פאָרשטייער ווי ד"ר י. נ. שטיינבערג, זיין ברודער א. שטיינבערג, וו. נאַטאַנסאָן, ח. וואָלף און י. באַבינסקי פון איין זייט, און מאיר הערצבערג, פּנחס וואַסערמאַן און אברהם ביק — פון דער צווייטער זייט. די ערשטע זענען מאַרקסיסטן, וואָס זע־נען צוגעקומען צו רעליגיע, און די אַנדערע זענען רעליגיעזע ייִדן, וואָס זענען צוגעקומען צום מאַרקסיזם. ווי די גרעבער, וואָס גראָבן אַ טונעל פון צוויי עקסטרעמע זייטן און טרעפן זיך אינמיטן, אַזוי

האָבן די נאָר־וואָס דערמאָנטע צוויי צדדים זיך באַגעגנט איינער מיטן אַנדערן אין הארץ פון איין אידייע.

אברהם ביק, אַ יונגער אָרטאָדאָקסישער רב, אַ תלמיד פון הרה״ג אברהם יצחק קוק זצ״ל, איז דער גרינדער פון דער פּאַרטיי „דת ועבודה״, וואָס איז אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל און טראָגט זיך ביז־לעבוויז אריבער אויך אין אַנדערע לענדער, אונטער דער פאָן פון דעם רעליגיעז־עטישן סאָציאַליזם, פון דעם מאַרקסיזם מיט אַ נייעם, אַ רעליגיעזן אינהאַלט, אַנשטאָט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועלכער איז באַנקראָט נישט נאָר אין ליכט פון רעליגיעזן געדאַנק, נאָר אויך אין ליכט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. אין דעם ווערק, וואָס דער לעזער האָט איצט פאַר זיך, אַנאַליזירט אברהם ביק אויף אַ לייכטן און קלאָרן אופן דעם מאַרקסיזם, זיינע מעלות און חסרונות און דער עיקר: דעם רעליגיעז־עטישן סאָציאַליזם, זיינע וועגן, צילן און אויפגאַבן. דאָס ווערק וועט, לויט מיין מיינונג, שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער פאַרשפּרייטונג און פאַרוואָרצלונג פון דעם עטישן סאָציאַליזם און וועט אויך, האָף איך, צוזאַמען מיט די שריפטן פון די ברידער שטיינבערג, וואָלף, הערצבערג, נאַטאַנסאָן און די אַנדערע, ברענגען אַ דערנענטערונג צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס רעליגיעז־עטישע סאָציאַליסטן און צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַן איינהייט־לעכער באַוועגונג. די צייט איז רייף פאַר אַזאַ באַוועגונג, וואָס זאָל טראָגן אַ בשורה פאַר אַלע אַנטוישטע און פאַרלוירענע.

אַביסל וועגן ליבע

מיין מלמד, — אברהם־יצחק האָט ער געהייסן, — האָט אין מיר אַריינגעקנעלט, אַז מ׳דאַרף ליב האָבן גאָט. מ׳דאַרף ליב האָבן זיין תּורה. מ׳דאַרף ליב האָבן דאָס פֿאָלק ישׂראל און מ׳דאַרף ליב האָבן יעדן, ווי אין פּסוק שטייט: ואהבת לרעך כּמוך...

דער אַלטער מלמד, וואָס איז שטענדיק געווען בייז, אָנגעבלאָזן און וואָס זיין פֿון טאַבעק־געל־געוואָרענע באָרד פֿלעגט אַזש ציטערן, ווען ער פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין גרימצאָרן, האָט כּסדר ליב געהאַט צו רעדן וועגן ליבע, אַ חוץ דער ליבע צו אַן אשה — דאָס איז געווען טריף. און טאָמער האָט אַ תּלמיד נישט ריכטיק געקאָנט צעקייען זיין ליבע, האָט דער קאַנטשיק געסווישטשעט איבער דעם יינגלס נאַקעט לייב, אָדער די ווירע האָט געקנאַקט איבער דעם אומגליקלעכנס פֿינגער — מסתּמא פֿון גרויס ליבע...

אַז איך טראַכט אַצינד וועגן דעם אַלטנס שוואַכקייט צו רעדן וועגן ליבע, שפּרינגט אין מיר אַרויס דער פּראָווידיאַנישער געדאַנק, אַז הינטער זיינע ליבעס צו גאָט, תּורה, ישׂראל און סתּם־מענטש, האָט זיך אוודאי באַהאַלטן די גוט־באַקאַנטע עראָטישע ליבע, וואָס פֿון איר האָט ער קיינמאָל נישט גענאָסן — אויף דעם האָט עדות געזאָגט די צעהוליקערטע, איין־אויגיקע רביצין...

נאָר דאָס איז אַגב־אורחא. דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געטראַכט פּראָווידיאַניש, אָבער וועגן ליבע האָב איך יאָ געטראַכט. וואָס ס׳איז שייך גאָט, האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, ווי

אזוי מ׳קאָן אים — און פאַרוואָס מ׳דאַרף אים — ליב האָבן, פונקט ווי ס׳איז מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן שווער געווען תופס צו זיין אפילו שפּינאָזאַס אַזוי־גערופענע „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט״. פאַר גאָט, האָב איך געטראַכט, קאָן מען מורא האָבן — זענען מיר דאָך אין זיינע הענט! אָבער ליב האָבן? ווי האָט מען ליב עמעצן, וואָס מ׳קאָן אים נישט זען? בכלל האָב איך נישט געקאָנט — און קאָן אויך איצט נישט — פאַרשטיין אַ געבאָט ליב צו האָבן, צי דאָס קומט פון אַ מלמד, אָדער פון טאָלסטאָיען, צי פון וועלכן־ס׳איז הומאַניסט; אָדער מ׳האָט ליב, אָדער מ׳האָט נישט ליב. ליב האָבן קאָן מען נישט לויט אַ באַפעל, אַ געזעץ, אָדער אַ געבאָט.

דאָס אייגענע מיט דער תורה. ליב האָבן אַ מיידל — דאָס האָב איך שוין קליינערהייט פאַרשטאַנען. און אַ מיידל האָט מען ליב, נישט ווייל עמעצער הייסט מיך, אויך נישט, ווייל דאָס מיידל האָט אַזוי שיין געדרשנט, נאָר... ווייל מ׳האָט ליב, דער טייוול ווייס פאַרוואָס. ס׳איז אַ פיזיאָלאָגיש געפיל. אָבער די תורה — אין דער תורה קאָן מען גלויבן, זי הייליק האַלטן — צו ליבע קומט עס נישט. האָב איך טאַקע ביי זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פועלן אַ קוש צו טון אַ ספר־תורה, אָדער אַ סידורל.

פונקט אַזוי האָב איך שפּעטער נישט געקאָנט ליב האָבן אַנדערע תורהס — מאָדערנע. האַלטן פון דער, אָדער יענער תורה איז אַן אַנדער זאַך. צו ליב האָבן האָט דאָס קיין שייכות נישט. ליבע איז אַ בלינד געפיל, אַן אינסטינקט, אַ סטיכיע. צו אַ תורה אָבער באַדאַרף מען נוצן שכל, וועגן און מעסטן, וויסן אַקוראַט, וואָס מיר געפעלט דאָרט יאָ און וואָס — נישט.

מיין רבי האָט אַנדערש געדענקט. צוליב דער תורה איז ער קאַפּאַבל געווען צו ממית זיין זיינע תלמידים, אָן רחמנות זיי צו קנייפּן און קאַטעווען. מילא, איז מיין רבי געווען אַן אַלט־מאָדישער מלמד. זענען די מאָדערנע מלמדים אַנדערש? קיין האָר נישט. זיי האָבן זיך אַזוי אריינגערעדט אין זייער ליבע צו דער תורה, צו זייער תורה, צו זייער אידעאַל, אָדער אידייע, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זען דעם לעבעדיקן מענטשן. זיי זענען

גרייט אומצוברענגען מי־יודע וויפל מענטשן פאַר זייער תּורה, גלייך דער מענטש וואָלט געשאַפן געוואָרן פאַר דער תּורה און נישט פאַרקערט — די תּורה פאַרן מענטש...

איז וואָס איז מיט דער ליבע צום מענטש, מיטן ואהבת לרעך כמוך?

אויך דאָס האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געלייגט אויפן שכל, קודם צוליב דעם שוין פון פריער־דערמאָנטן מאָטיוו, וואָס ליבן קאָן מען נישט אויף א באַפעל, לויט א מוז; צווייטנס — האָב איך זיך אַלעמאָל געפרעגט — פאַרוואָס?

איך האָב געקוקט אויף די מענטשן אין די גאַסן, אויפן מאַרק, אין די הייף — אפילו אויף מיינע אייגענע משפּחה־לייט — און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך דאַרף, אָדער זאָל, אָדער מוז, זיי ליב האָבן. די מיינסטע פון זיי זענען מיר געווען אַנטיפּאַטיש; און די, וואָס זענען מיר יאָ געווען סימפּאַטיש, וואָלטן פאַר מיר געווען אָנגענעמע געזעלשאַפט, בעת איך נויטיק זיך אין דעם; אַנדערע מענטשן האָבן אין מיר אַרויסגערופן רחמנות און איך וואָלט זיי גערן געהאָלפן, ווען איך וואָלט געקאָנט. אָבער ליב האָבן?

ווייניקער פון אַלע האָב איך ליב געהאַט מיין דערמאָנטן מלמד. ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז איך האָב אים פיינט געהאַט און אים געווונטשן אַלדאָס־בייז פאַר זיין אכזריות צו די תלמידים. די גאַנצע תּורה וועגן ליבע האָט דאָ נישט געהאָלפן. נישט ווייניקער ליב זענען מיר די אַלע מאָדערנע רביים, צו וואָס פאַר א פאָלק זיי זאָלן נישט געהערן, וואָס פּריידיקן ליבע צום מענטש. און מסתמא דערפאַר האָב איך קיינמאָל נישט ליב געהאַט טאָלסטאָיען. זיין כסדרדיקע רעדעריי וועגן ליבע צו גאָט און צו מענטשן האָט מיר געגרילצט אין די אויערן מיט זייער אומעכטקייט. מיין איינדרוק איז, אַז ס׳איז ביי טאָלסטאָיען נישט געווען קיין נאַטירלעכע, אוממיטלבאַרע ליבע צום מענטשן, נאָר א סוגעסטיווע, אַן איבערגעוואָלט־אַרויפגעצוווּנגענע אויף זיך. ווי א מין כפּרה אויף זיינע יוגנט־זינד, אויף די זינד פון זיין גאַנצן קלאַס לגבי דעם פּויערטום.

דער אמת איז, אז דער, וואס האט באמת ליב, רעדט נישט דערפון כסדר, פויקט נישט און ליארעמט נישט דערפון, ווי טאל־סטאי און אלע „פראפעסיאנעלע" ליבהאבער טוען דאס. אמתע ליבע — און אויך די עראטישע — זוכט יחידות, צוריקגעצויגנ־קייט, קומט צום אויסדרוק דורך האנדלונג, שפירונג, קוק און ווונק. מיטן טויזנט מאל איבערחזרן דאס „ליבע" ווערט נישט קיין ליבע, ווי דאס איבערחזרן „אומעט", אדער „נאכט" שאפט זיך נישט קיין אומעט־מאטיוו, אדער נאקטורן — אין פאעזיע.

נאר — צוריק צום מענטשן.

וואס איז שייך ליב האבן מענטשן? פארוואס פאדערן די פארשיידענע הומאניסטן און אידעאליסטן, אז איך זאל פיר־און־צוואנציק שעה אין מעת־לעת ליב האבן דעם מענטש און אזש גרייט זיין זיך מקריב צו זיין פאר אים? מיט וואס זענען ראובן, אדער שמעון בעסער, צי וויכטיקער פאר מיר, אז איך זאל אוועק־געבן מיין איינציק שטיקל לעבן פאר זיי? דאס ווארט „ליבע" אין שייכות צום מענטש, ווי אין שייכות צו גאט און צו תורה, איז דעריבער, דאכט זיך מיר, על־פי טעות אוועקגעשטעלט געווארן.

אנשטאט ליבע דארף מען אוועקשטעלן צדק, גערעכטיקייט.

און די גערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש געפינט איר העכסטן און עכטסטן אויסדרוק אין הלל הזקנס קורצן שפרוך: „מה דעלך סאני לחברך לא תעביד", ווי דאס ווערט געבראכט אין תלמוד. אט־דער שפרוך וועגן נישט טון יענעם דאס, וואס דו ווילסט נישט, אז יענער זאל דיר טון, זאל כולל זיין דעם גאנצן מהות פון דער יידישער עטיק: תורה כולה על רגל אחת, די דעפיניציע, וואס א געצנדינער האט פארלאנגט פון הללן. אין דעם־א גייט עס טאק־קע. נישט אין ליבע. ווארן דער דאזיקער הללשער שפרוך גיט דעם תמצית נישט נאר פון דער יידישער, נאר אויך פון דער אל־מענטשלעכער עטיק — ווי זי דארף און זאל זיין. דער נעגאטיוו — נישט טון — האט ממילא אויך א פאזיטיוון זין — יא טון. דאס הייסט: טו צו יענעם דאס, וואס דו וואלסט וועלן, אז יענער זאל טון צו דיר.

די שמן־זיתדיקע רייד וועגן ליבע פארטושן בלויז דעם ענין

פון קענגזייטיקע מענטשלעכע באַציִונגען, מחמת אַזוינע רייד קלינגען פאַלש און מחמת מ׳קאָן נישט, ווי געזאָגט, ליב האָבן לויט אַ פּריקאַז און אויך, ווייל עס מוז ביי אַ סך אַרויסרופן אַ ציניש שמייכל (פאַרוואָס ליב האָבן?). אָבער גערעכט זיין — לויט הלל׳ס פאָרמול — דאָס קלינגט ווי קאָמאַנסענס און „פעיר פּלעי״, וואָרן יעדער מענטש וויל, אַז מ׳זאָל צו אים גערעכט זיין און ס׳איז, פאַרשטייט זיך, פיל גרינגער אים אַריינצוקלאַפּן אין מוח אַריין דעם געדאַנק, אַז גערעכטיקייט צו זיך קאָן מען פאַר־זיכערן נאָר דורך גערעכטיקייט צו אַנדערע, ווי דעם פּזמון פון סתּם ליב האָבן.

די אונטערשטע שורה איז דעריבער:

האָט נישט ליב, נאָר זייט גערעכט — צו אַנדערע — און איר וועט דערמיט העלפן לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ בעסערער וועלט!

מענדעלע — דער פאַרענדיקער

די יידישע ליטעראטור האָט אַ פּנים — אין דער קלאַסיפיצי־רונג פון אונזער „קאַזיאָנער'' קריטיק — פון אַ פּאַטריאַרכאַלי־שער שטוב: זיידע, טאַטע, אייניקל. ס'קלינגט שיין, באַלעבאַטיש, עבט־יידיש, טאַקע נאָר יידיש, וואָרן אין אַלע אַנדערע ליטעראַ־טורן איז אַזאַ קלאַסיפיצירונג פרעמד. ס'זענען דאָ קלאַסיקער, ס'זענען דאָ מאָדערנע, ס'זענען דאָ אַלערליי ריכטונגען, שולעס, אָבער זיידעס, טאַטעס און אייניקלעך — דאָס איז נאָר ביי אונז. אין אונזער ליטעראטור, ווי אין אונזער לעבן — זכות־אבות... מ'האָט קלאַסיפיצירט און אוועקגעלייגט דעם שטאַמפּ: מענדעלע— דער זיידע; פּרץ — דער טאַטע; שלום אש — דאָס אייניקל. און פאַרפאַלן. ווער וועט זיך דאָס גיין אַנטקעגנשטעלן דער קריטיק? חוצדעם זעט דאָך די קלאַסיפיצירונג אויס אַזוי אומשולדיק און אומשעדלעך — טאָ זאָל זיין אַזוי.

די קריטיק אונזערע האָט זיך עס זייער לייכט געמאַכט. ס'איז דאָך אַזוי גרינג זיך צו פאַרנעמען מיט אַ זיידן, אַ טאַטן, אַן איי־ניקל — ס'רעדט זיך און פּלפּולט זיך ממש אליין. מ'דאַרף בלויז איינטונקען די פּען — און ס'גייט ווי געשמירט: זיידע, זיידעניו, זיידעשי, טאַטע, פּאָטערל, אייניקל, המשך, רויטער יחוס־פּאַדעם. אַ מחיה! מ'קאָן אָט אַזוי־אַרום אויסמיידן דעם תּוך, אָדער אים בלויז זייטיק אָנרירן — די קינסטלערישע מדרגה, די קוואַליטעט, די באַזונדערע קינסטלערישע אייגנשאַפטן. דער עיקר ווערט די זיידעשאַפט, טאַטעשאַפט און אייניקלטום.

אין אמתן איז די דאָזיקע קלאַסיפיצירונג גאָרנישט אַזוי אומשולדיק און אומשעדלעך, ווי זי זעט אין פלוג אויס, נישט נאָר

דערפאַר, וואָס קלאַסיפיצירונג שליסט אָפּט אויס קוואַליפיצירונג, גאָר, דער עיקר, צוליב דעם, וואָס מ׳מוז דערביי שטענדיק אַרויס־לאָזן פון אויג און פאַרנאַכלעסיקן יענע שאַפער, וואָס פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער אָפּגעשטאַמפּטער קאַטעגאָריע. האָט טאַקע אונזער „קאַזיאָנע״ קריטיק נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט אַ דינעזאָן, מיט אַ ספּעקטאָר, מיט אַ פינסקי, אַרויסצוכאַפּן בלויז דריי פון עלטערן שרייבער־דור, וואָרן, אויב נישט זיידע, נישט פאָטער, נישט אייניקל — וואָס זענען זיי? האָט מען זיי אָפּגעפּטרט אָדער מיט אַ פּאָר פאַרעווע נאָטיצן, אָדער זיי סתם פאַרבייגעגאַנגען. שלום־עליכם האָט זיך געראַטעוועט מיט זיין אייגנאַרטיקן הומאָר — פאָרט אַ דערשיינונג פאַר זיך אַליין! אויך אים האָט מען צוגע־קלעפּט די מאַרקע „אייניקל״, כאָטש אין גאָט וויים, ס׳אַרא אייניקל ער איז געווען מענדעלען, — גיכער שוין אַ זון. אָבער שלום־עליכם גופא האָט זיך אַזוי באַצייכנט, אפשר אונטער דער אַלגעמיינער שטימונג פון דער פּאַטריאַרכאַלישער שטוב אין דער יידישער לי־טעראַטור און אפשר בדרך הלצה...

דער זיידע־עפּיטעט האָט אויך גורם געווען אַ פאַלשן צוגאַנג צו מענדעלע מוכר ספרים אין אונזערע טעג, אַ צוגאַנג, וואָס האָט אפילו דערפירט צו אַ פאַרלייקענען אַבראַמאָוויטשעס קינסטלערישן ווערט און ווערדע. וואָרן ווי־באַלד אַ זיידע, ווי־באַלד דער אָנהייבער פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור, זוכט מען זיין השפּעה אויף איר און אין איר, אין דער דאָזיקער ליטע־ראַטור. מ׳זוכט און מ׳פרעגט: ווו איז מענדעלעס דרך, מענדעלעס נוסח, מענדעלעס לשון? און אַז מ׳געפינט זייער ווייניק פון די אַלע זאַכן אין דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן און מ׳געפינט גאָר גאַנצע הויפנס השפּעה פון פּרצן, פון אַשן, מאַכט מען אָפּ ביי זיך, אַז מענדעלע איז געווען — נו, אַ זייער אומוויכטיקע ליטעראַרישע קראַפט, אַ קראַפט, וואָס האָט נישט געטראָגן קיין פּירות, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט און אויסגעוועפּט אין זיך אַליין, מיט זיך אַליין.

אמת, אייניקלעך גייען אָפּט אַוועק אויף אַ גאַנץ אַנדערן דרך פון זיידן, אפילו זין, ווי ס׳איז ידוע, ווידערשפּעניקן די פּאָטערס—

אָבער עפּעס בלייבט פּאַרט: אין בּלוט, אין קול, אין אַ גרימאַסע אפילו. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אָבער איז בשום־אופן נישט מענדעליש — נישט זיין נוסח, נישט זיין לשון, נישט זיין קוק, נישט זיין באַנעם. מ'קאָן דאָס נישט דערקלערן מיט דעם פּזמון פון „נייע צייטן, נייע פייגל, נייע לידער". ס'איז אַ שיין ווערטל, נאָר טאַקע נישט מער ווי אַ ווערטל. פּאַרוואָס, למשל, קאָן מען נישט קינסטלעריש איינפּנעמען די נייע צייט אין מענדעלעס נוסח, בּפרט, אַז אין דער ייִדישער גאַס לעבּט נאָך יאָ יענער נוסח, וואָס ער איז דאָך, אייגנטלעך, דער ייִדישער סטיל? אָט שרייבּט מען נאָך ביי אונז חסידיש אַלאַ פּרץ — נאָך די אַלע איבּערקערעניש אַן רעוואָלוציעס. באַווייזט דאָס באמת, אַז מענדעלע איז געווען נישט מער ווי אַ מיטאָס, אַ ליטעראַרישע לעגענדע?

יאָ, אַ לעגענדע, אָבער נישט מענדעלע איז די לעגענדע, נישט זיין טאַלאַנט, נייערט — דער זיידע. „מענדעלע דער זיידע", „מענדעלע דער אָנהייבּער" זענען פֿאַלשע עפּיטעטן. גיכער האָט ער זיך שוין אויפגעפירט ווי אַן אייניקל — אויב יאָ שוין עפּיטעטן — וואָס נעמט איבּער דעם זיידנס ירושה און מאַכט פון איר אַ תּכלית — אַ יורש פון פריִערדיקע דורות ייִדישע ליטעראַטור־שאַפער, ווייניקער באַגאַבטע, ווי ער; נישט קיין אָנהייבּער איז ער געווען פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר דער פאַרענדיקער פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש האָט אונטערגעפירט דעם סך־הכּל פון אַפּגייענדיקע תּקופות שאַפונג, אָנגעשעפּט פולע עמערס לעבּנס־שטייגער, נוסח, לשון, אפילו לעבּנס־פילאָזאָפיע, וואָס זענען געלעגן פאַרטיקע, ווי קוים־באַרירטע פון דער און יענער פעדער און ווי רויע; אין זיי אַריינגעבראַכט אָרדנונג, סיסטעם, תּכלית. דאָס, וואָס מיר רופן מענדעלעס נוסח, איז דער נוסח פון דורות פאַר אים, ווי פון זיין אייגענעם דור און עקזיסטירט נאָך טיילווייז אַצינד, אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע.

מענדעלע האָט אָפּגעשלאָסן אַן עפּאָכע ייִדישע ליטע־

ראַטור, געלייגט אויף איר זיין קרעפטיקן קינסטלערישן חותם און מיט זיין פאַרענדיקונג גרייט געמאַכט דעם וועג פאַר דעם אָנהייב פון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור — פאַר פרצן, דעם גרויסן אָנהייבער, דעם אומרויִקן עקספּערימענטאַטאָר און נאָוואַטאָר. אויך פּרץ האָט נאָך געשעפּט פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, דעם זעלביקן, וואָס מענדעלע האָט פון אים געשעפּט, אָבער אַנדערש אויפגעפאַסט, פון אַן אַנדער זייט דערצו צוגעגאַנגען און אין אַן אַנדער ריטם און אין אַנדער לשון אָט־דעם לעבנס־שטייגער געגעבן — זיינע אייגענע, סוביעקטיוו־קינסטלערישע, בעת מענדעלע האָט דאָס לעבן אונז דערלאַנגט ווי עס שטייט און גייט, מיט האַק און פּאַק, מיטן לשון, מיט דער תנועה. פּרצעס עובדה איז דעריבער געווען אין אומגעהייער־שווערע, דען זיין נייער און אייגנאַרטיקער ריטם האָט גאַנץ אָפט נישט האַרמאָנירט מיט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער און אָנשטאָט האַרמאָניע איז אַרויסגעקומען — דיסהאַרמאָניע. אמת, אויך דיסהאַרמאָניע קלינגט ווײַל אין אונזערע אויערן, ווי־באַלד זי האָט קינסטלערישן קלאַנג און דראַנג, אָבער דער קינסטלער פּרץ איז מוראַדיק אומצופרידן געווען, אָפט אַפילו פאַרביטערט, און בסדר פילן מיר ביי אים דעם געראַנגל צווישן אינהאַלט און פאָרם.

דאָס איז דער גורל פון יעדן אָנהייבער: צעריסנקייט, פאַרשווענדונג פון כּוחות. גאַנץ אַנדערש איז עס מיטן פאַרענדיקער, אין דער קונסט, ווי אין דער וויסנשאַפט. עדיסאָן, למשל, איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכער פאַרענדיקער. כּמעט אַלע דערפינדונגען, וואָס נייען אויף זיין נאָמען, האָבן פאַקטיש אַנדערע געמאַכט — ער האָט בלויז פאַרענדיקט, צוגעלייגט זיין געניאַלן שכל און זיין פלינקע האַנט — און ס'איז געוואָרן דאָס, וואָס עס איז: שלמות. אָט־אַזוי האָט מענדעלע פאַרענדיקט נישט נאָר רויע שטיקער לעבן, וואָס האָבן זיך געריסן צו געשטאַלטונג, צום קינסטלערישן צלם־אלוקים, נאָר, ווי שוין געזאָגט, אויך פריער־באַאַרבעטן שטאָף. נעמט, אַ שטייגער, אייזיק מאיר דיקן און שפּעטער — אין מענדעלעס אייגענער ערא — יצחק יואל לינעצקין. ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיטן איינענעם שטאָף, וואָס אַבראַמאָוויטש: די

זעלביקע סביבה, די זעלביקע קליינשטעטלדיקע טיפּן און פאַרשווי־
גען, רבנים, דיינים, גבירים, קבצנים, תקיפים, מוסרים א. א. וו. —
אָבער נישט דיק, נישט לינעצקי (און אויך נישט, וועל איך דאָ
מוסיף זיין, אברהם בער גאָטלאָבער) האָבן פאַרענדיקט, נישט גע־
האַט דעם געהעריקן קינסטלערישן אינסטינקט און כּוח צו טרעפן
אין סאַמע פּינטל און זיך צו ספּראַווען מיט דעם עשירותדיקן
מאַטעריאַל, וואָס איז פאַר זיי געלעגן און זיך ממש געבעטן גע־
פאָרעמט און געפורעמט צו ווערן...

מענדעלע איז אַזוי געווען דער לעצטער — און גרעסטער —
קינסטלער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור און ער האָט רחבות־
דיק אויסגענוצט דעם אומגעהויערן שטאָף. ער, דער קולטור־
מענטש, וואָס די אייראָפּעישע ליטעראַטורן זענען פאַר אים געווען
אָפן און וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ געזונטן שעפערישן אָטעם,
האָט זיכער, שטעל איך זיך פאָר, געהאַט זיין אייגנאַרטיק קינסט־
לעריש לשון, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען דעם
לוקסוס צו זיין קינסטלעריש־סוביעקטיוו, צו עקספּערימענטירן און
פאַרשווענדן אויף דעם צייט און מי, בעת אַזוי פיל אַרבעט האָט
געוואַרט אויף זיין מייסטער־האַנט. ער האָט אין זינען געהאַט, אַז
היום קצר המלאכה מרובה און געוואָלט אַלץ אַריינכאַפּן און
אַרומנעמען, וואָס אַנדערע האָבן געלאָזן, פאַרוואַרלאָזט. חוצדעם
האָט ער בתּוך טאַקע ליב געהאַט, כּאָטש ער האָט אָפט זיך געבייז־
זערט און געמוסרט, אָט דעם לעבנס־אַרט מיט זיין נוסח און לשון,
וואָרן אין אים האָבן זיך געליקלעך מזווג געווען קינסטלער און
פּאָלקלאָריסט. און אַזוי פאַרליבט איז ער געווען אין יענעם שטיי־
גער, אַז ער אַליין האָט זיך אין אים אַריינגעלעבט נישט נאָר אין
זיין שאַפן, נאָר אויך אין זיינע פּריוואַטע שמועסן.

אמר ר' מענדעלע איז דעריבער פּאַקטיש: אמר לעבנס־
שטייגער. ער איז געווען איינס מיט זיין צייט און מיט זיין שטאָף
און דערפאַר דער פּאַסיקסטער אַפּשליסער פון דער אַלט־
יידישער ליטעראַטור: תּם ונשלם. דאָס אַלטע ספר איז פאַר־
טיק, פאַרמאַכט, פיין איינגעבונדן. און מענדעלע האָט געשמייכלט
צופרידן אין דער באָרד אַריין — צופרידן, ווי ס'קאָן נאָר זיין איי־

נער, וואָס איז פאַרוואָרצלט, זיכער, גאַנץ; וואָס גייט מיט אַ פעסטן טריט און פילט מיט זיין יעדן חוש, אַז ער האָט עפּעס אויפגע־טון און דער אויפטו איז — שלמות. פול, זאַט און געטריי.

אָט, ווען מיר גייען אַזוי צו צו מענדעלען, ווי צו אַ פאַר־ענדיקער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, אָנשטאָט ווי צום אָנ־הייבער, דעם זיידן פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור, קאָן מען אים נעהעריק אָפּשאַצן און אָפּשעצן — אין זיין גאַנצן פאַרנעם, אין זיין פולער גרויס, אויף זיין א י י ג ע נ ע ם ב אָ ד ן, אין זיין א י י ג ע נ ע ר ס ב י ב ה; נאָר בּיי אַזאַ צוטריט צו זיין קינסט־לערישער פערזענלעכקייט קאָנען מיר אים טון גערעכטיקייט און נישט פאַרמינערן זיין ווערט, אויב מיר אַנטדעקן נישט זיין (נגע־העריקע) השפעה אויף דער ניי־יידישער ליטעראַטור, אויפן מאָ־דערנעם יידישן שאַפן.

דריי שוואַרצע פּעלערינעס

(צו ראובן ברײַנינס 75 יאָריקן יובילײ)

דריי שוואַרצע פּעלערינעס האָבן געפֿלאַטערט איבער אַ פֿרישן קבר אויפֿן ייִדישן בית־עולם אין וואַרשע. געווען איז עס אין יאָר 1908, אין אַ כמאַרנעם, קאַלטן מערץ־טאָג. דער ווינט האָט געריסן סבֿרים און די דריי שוואַרצע פּעלערינעס האָבן געווייט און געפֿלאַטערט, ווי שוואַרצע פֿליגל, איבער דעם אָפֿענעם גרוב, ווי דער ייִדיש־העברעיִשער שרײַבער י. בערשאַדסקי האָט געפֿונען זײַן אייביקע רו. איין פּעלערינע איז געהאַנגען אויפֿן קורצן, אָבער ברייט־פֿעסטן גוף פֿון י. ל. פּרץ; איינע אויף ראובן ברײַנינס דינער, שלאַנקער פֿיגור, און איינע — אויף אַ זעכצן־יאָריקן בחורל, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע ערשטע לידער און אונטער זײַן פּעלערינע געציטערט פֿון קעלט און יראת־הכּבֿוד צווישן די צוויי חשובֿע פּעלערינעס.

די מספּידים האָבן גערעדט העברעיִש — בן אבֿיגדור, לידוואָפֿול, ברײַנין, פּרץ. בלויז בײַ פּרצעס הספּד האָבן זיך דערהערט געשרייען פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן: „ייִדיש! ייִדיש!” אָבער פּרץ האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט און פֿאַרענדיקט דעם הספּד אין העברעיִש. ס'איז שוין געווען שטאַרק טונקל, ווען דער עולם האָט פֿאַרלאָזט דאָס בית־הקבֿרות און מאַרשירט איבער גענשע־גאַס — די גאַס פֿון שרײַענדיקער אָרעמקייט און שמוץ. ווידער האָב איך, דאָס זעכצן־יאָריקע בחורל, זיך געטוליעט צו די צוויי פּעלערינעס — פֿון פּרצן, וואָס האָט מיך מיטגענומען צו דער לוויה, און

פון בריינינען, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון דער גרויסער וועלט — ווין־בערלין — און מיך געמאַניעט מיט זיין ווייטקייט...

אויפן וועג האָט בריינין אַ שטאָך געטון פּרצן, וואָס זיינע ייִדישיסטישע חסידים האָבן אפילו פאַרן טויט קיין דרך־ארץ נישט און פּרץ האָט סאַרקאַסטיש אָפּגעענטפערט, אַז זיינע חסידים טראָגן דאָס לעבן אפילו אין טויט אַריין... דערנאָך אַ לאַנג שווייגן און פאַמעלעכע טריט אין דעם ווינטיקן פאַרנאַכט. פון די שטעך־ווערטלעך האָב איך געדרונגען, אַז צווישן די צוויי פעלערינעס איז נישטאָ קיין שלום. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. די צוויי שוואַרצע פעלערינעס האָבן איבערגעדעקט צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי קאָנטראַסטן, צוויי פאַרשיידנאַרטיקע טעמפּעראַמענטן. בריינין, דער געזעצטער, אייראָפּעיִש־מאַנירלעכער, האָט נישט געקאָנט סובל־זיין דאָס חסידיש־התלהבותדיקע אין פּרצן, דעם גוט־ייִדישן טומל אַרום אים; פּרצן ווידער, דעם שטימונגספולן, אימפּעטיקן באַהעם, האָט נישט געקאָנט אימפּאָנירן בריינינס שטייפקייט.

אָבער בריינינס שטייפקייט איז פאַקטיש געווען נאָך אַ מין פעלערינע איבער זיין פערזענלעכקייט — אַן אויסערלעכע שטייפקייט, וואָס איז צעפלאָסן געוואָרן ביי אַ נענטערער באַקאַנטשאַפט און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וואַרעמער, האַרציקער און היימישער ייִד און מענטש; אָט ווי זיין אייראָפּעיִשער סטיל איז בלויז געווען אַ מין פראַק אויף ייִדישן אינהאַלט, אפילו אין די אָפּהאַנדלונגען מכוח נישט־ייִדישע שריפטשטעלער; אין דעם זין איז ער געווען דער פולער היפוך פון דוד פרישמאַנען, וואָס אייראָפּעיִזם איז ביי אים געווען אַ פּראָגראַם, אַן אני־מאמין, וואָס דערמיט האָט ער שטאָלצירט און קאָקעטירט. אין אַנדערע ווערטער: בריינין האָט בלויז זיין נוסח, אָבער נישט זיין תוך און תוכן, אַרויסגעפירט פון בית־המדרש אין דער גרויסער וועלט אַריין. ס'איז דאָך טשיקאַווע, וואָס נחום סאָקאָלאָוו, דער פּאָליטיקער, דער דיפּלאָמאַט אין פראַק און צילינדער, דער נאָנטער מחותּן מיט מיניסטאָרן, האָט ביזן טויט אַריין געשמעקט אין נוסח פון בית־

המדרש און ישיבה, אין זיינע שריפטן, ווי אין זיינע רעדעס. און אויף ברייניגנען און פרישמאַנען איז אויסגעפאַלן אַריינצופירן דעם „אייראָפּעיִשן סטיל״ אין דער העברעיִשער — מיילוויז אויך אין דער יִדישער — ליטעראַטור.

פון די צוויי פּעלערינעס איז פּרצס מיר נענטער געווען. פּרץ האָט מיך אָנגעצונדן, באַגייסטערט. אָבער ברייגין האָט מיך, ווי געזאָגט, געלאָקט מיט זיין פרעמד־וועלטישקייט. ער איז פאַר מיר געווען ווי דער מיסטעריעזער משולח אין אַ טעאַטער־שטיק. פון זיין פּעלערינע האָבן אויף מיר געוויט ווייטע לענדער, גרויסע קולטורן, וועלטן פון צויבער און וווּנדער. האָב איך, אַן איינגע־הילטער אין מיין יִינגלשער פּעלערינע, זיך געצאַפּלט צווישן די צוויי „קלאַסישע״ פּעלערינעס — און צום סוף האָט ברייגינס פּע־לערינע גובר געווען: זי האָט מיך „אוועקגעבלאָזן״ אין דער פרעמד־דער וועלט אריין — קיין בערלין־ווין־פּראָג. מיין ערשטע פרעמדע סטאַנציע איז געווען קראָקע, וווּ אברהם רייזען האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיין מאָנאַטשריפט „קונסט און לעבן״. פון דאָרט האָב איך זיך, מיט רייזענס אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון אַ ציוניס־טישער דייטש־יִדישער ציטונג, געטראָגן קיין ווין.

דער ווינער רעדאַקטאָר האָט מיך פון זיין וווינונג אויף ביליק־גאַס נומער 11 אַוועקגעפירט אויף טירקענשטראַסע נומער 9, וווּ דער גייסט פון ד״ר הערצל האָט נאָך געשוועבט, מיך אַוועקגעזעצט אין דעם קליינעם לייען־זאַל און מיר ווי באַפוילן: „לייענט! לייענט און בילדעט זיך!״... פון די שאַפעס ביכער, דייטשישע, פראַנצוי־זישע און העברעיִשע, האָב איך אַרויסגעשלעפּט אַ העפט „ממזרח וממערב״, וואָס ברייגין האָט געהאַט אַרויסגעגעבן טאַקע אין ווין, און געשלונגען ברייגינס אַרטיקלען. דערנאָך בין איך שוין יעדן טאָג דאָרט אַפּגעזעסן שעהנוויז, איינגעהילט אין מיין וואַרשעווער פּעלערינע, און געלייענט. די פּעלערינע האָב איך אויף קיין איין רגע נישט אויסגעטון, כּדי נישט צו אַנטפּלעקן פאַר דער ווינער — און אַלגעמיין־אייראָפּעיִשער — קאָנסעקווענטער קולטור־וועלט די ווידערשפּרוכן פון מיינע הויזן, וווּ איין לאַטע האָט מיט איר סי־מעטריע, גענייִ און אַפילו קאָליר סותר געווען די אַנדערע. פון

צייט־צו־צייט האָב איך דאָרט אויך אָנגעשריבן אַ ליד, דערביי אויך אַ הומאָריסטיש ליד וועגן די דריי פּעלעריגעס, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ וואַרשע־ווער וויצן־בלאַט. צוויי פון די סטראָפן געדענק איך נאָך:

דריי שוואַרצע פּעלערינעס
פּאַכען, פלאַטערן מיט קינות
אויף דעם גלות־בראַך דער שכינהס —
דריי שוואַרצע פּעלערינעס.

דריי שוואַרצע פּעלערינעס
דעקן־איבער קנאה־שנאהס,
אָבער נישט די בייזע מינעס —
דריי שוואַרצע פּעלערינעס...

בריינינס פּעלערינע האָט, ווי שוין באַמערקט, איבערגעדעקט אַ וואַרעמען, האַרציקן מענטש, אַ טיף־נאַציאָנאַלן ייִד, אַן אויפ־ריכטיקן פריינט, נישט נאָר פון כּלל, פון די גרויסע מאַסן, נאָר אויך פון יעדן יחיד, וואָס האָט זיך צו אים געווענדט. אין דעם האָב איך זיך נאָך שטאַרקער איבערצייגט מיט יאָרן שפּעטער, אַרום 1916, בעת ער האָט אין מאָנטרעאָל רעדאַקטירט די טאָג־צייטונג „דער וועג" און דערנאָך אין ניו־יאָרק, אין דער רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט", ווי מיטאַרבעטער פון דער זעלביקער צייטונג. אָבער נאָך העלער שטראַלט זיין מענטשלעכקייט אַרויס פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, הילפס־אַקציע און קולטור־טעטיקייטן, וואָס זיי האָט ער אָפּגעגעבן — אָפט ממש מיט מסירת־נפש — אַ גרויסן טייל פון זיין פּרוכטבאַר לעבן.

קיינמאָל נישט קיין ליטעראַרישער יושב־אוהל, שטענדיק פאַרקאָכט אין כּלל־אַרבעט, שטייט בריינין אין דעם פּרט נענטער צו זיין „שונא" פּרץ, וואָס האָט אויך געלעבט מיטן דופק פון פאָלק און וועלט, ווי מיט זיין „פריינד" פרישמאַן, וואָס האָט נע־גירט און סנאָבירט די וועלט, אַלץ און אַלעמען. בריינין האָט אַמאָל

געוואלט באוויזן, אז פרץ איז נישט געווען קיין גרויסע פערזענ־לעכקייט און אויך מיר איז אויסגעפאלן צו ענטפערן, אז אויב פרץ איז אפילו נישט געווען קיין גרויסע פערזענלעכקייט, האט ער אבער פארמאגט פערזענלעכע גרויסקייט — א מתנה, וואס איז אין אונזער וועלט פון לידן אפשר א סך גרע־מער, ווי גרויסע פערזענלעכקייט, באטש איינס שליסט נישט אויס דאס אנדערע. און אויך ברייגין פארמאגט א סך פון דער דאזיקער טייערער אייגנשאפט.

אין ליכט פון ברייגינס געזעלשאפטלעכער ארבעט, פון זיין נישט־דאגמאטישקייט, ווען ס'קומט צום לעבעדיקן מענטש — וויל איך פארשטיין ברייגינס באציונג צום קאמוניזם. ס'איז דאך זייער א הארבע קשיא: ווי קומט ברייגין, דער ציוניסט און העברייער, צו א באוועגונג, צו א סיסטעם, וואס פארלייקנט אלצדינג, וואס איז אים אלעמאל געווען הייליק און טייער? אין פאליטיק איז אלץ גראדליניק און ביי יעדן מינדסטן „אפנוויג" דערזעט מען תיכף — פארראט, בגידה... אבער ברייגין האט נישט בוגד גע־ווען. ער איז פארבליבן ציוניסט, העברייער און פאלקיסט. אבער ער האט איבער דעם אנגעטון א פעלערינע — דאסמאל א רויטע. אים ווייזט זיך אויס, אז דער ייִדישער נפש ווערט אין סאוויעטישן לאנד געראטעוועט און ער טראכט, גלויב איך, אזוי: זאל בלייבן דער נפש, די כלי, וועלן מיר שפעטער קומען מיט אונזער איני־האלט. נערעכט, צי נישט גערעכט — מיר מוזן באוואנדערן א מענטש, וואס צוליב זיין גלויבן האט ער אויף די עלטערע יארן איבערגעריסן מיט זיין גאנצער פריִערדיקער סביבה און פאר ליב גענומען די שטיינער פון זיינע געוועזענע חברים.

ברייגינס מענטשלעכקייט האט אים שוין נישט איינמאל אוועקגעשטעלט אין אן אומגינציקער פאזיציע. דאס פירט מיך צו־ריק צום יאר 1908 — צום יאר פון די דריי שווארצע פעלע־רינעם אויפן ווארשעווער בית־עולם. מיט א שטיקל צייט פאר בערשאדסקיס טויט איז ברייגין געקומען פון בערלין קיין ווארי־שע, איבערצונעמען די רעדאקציע פון ש. האכבערגס „אונזער לעבן". אז א שריפטשטעלער קומט פון דער גרויסער וועלט, איז

עס נאַטירלעך, אַז ער זאָל גלייך פאַרפאָרן אין די ליטעראַרישע קרייזן אַריין. נישט אַזוי בריינין. ער גייט אין פאָלק אַריין, לאָזט זיך קודם אַוועק אויף אַ נסיעה איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, קריכט אין הייזער, אין וואַרשטאַטן, פאַבריקן, מערק — זיך צו באַקענען מיטן פאָלק. אין לובלין קומט עס צו אַ סקאַנדאַל. אַ בונדיסטיש מיידל, אַן אַרבעטערין אין אַ טאַבאַק־פאַבריק, קאָן נישט פאַרטראָגן, וואָס עפּעס אַ „בורזשוי", אַ דייטש מיט לאַנגע האָר און אין אַ פעלערינע, קומט צו איר אין פאַבריק אַריין מיט אַזעלכע היימישע פראַגעס מכוח איר לעבן און אירע חלומות און — זי לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש. די פרעסע צעשמירט די געשיכטע. אָבער בריינין ווערט נישט ברוגז אויפן פאָלק. ער טוט זיך וויטער ס׳זייניקע.

דאָס בונדיסטישע מיידל איז שפּעטער קליגער געוואָרן און בריינין גלויבט אפשר, אַז אויך די קאָמוניסטן וועלן מיט דער צייט קליגער ווערן. זעלטן אין אונזער צייט עמעצער, וואָס זאָל אַזוי שטאַרק גלויבן אין דעם מין מענטש, אין פאָלק. און דער, וואָס גלויבט אַנדערע און איז אַנדערע מוחל, פאַרדינט, אַז אויך אים זאָל מען מוחל זיין, אפילו, ווען מיר זענען איבערצייגט, אַז ער בלאָנדזשעט, אַז ער איז אַרויף אויף אַ פאַלשן און געפערלעכן וועג. נאָר כ׳בין דאָ נישט אויסן קיין שלום־פאַרמיטלעריי, נישט מ׳האָט מיך געבעטן, נישט מ׳וועט מיך הערן. געוואָלט בלויז אַ בלעטער טון דעם ספר־הזכרונות צו בריינינס 75־יאָריקן יובילײ. און אַזוי ווי כ׳האָב נאָכאַמאָל אויסגעקערט דעם דישעל צום יאָר 1908, וועל איך זיך ווידער אָנכאַפּן אַן דריי שוואַרצע פעלערינעס, דאָסמאָל נישט אין וואַרשע, נאָר אין ווין. די מעשה איז געווען אַזוי:

איין נאָכמיטאָג, בעת כ׳זיץ אַזוי אין לייען־זאָל אויף טירקענשטראַסע, פאַרהילט, ווי געוויינטלעך, אין מיין פעלערינע, ווי אַ פרומער ייד אין טלית, שטעלן זיך אַריין צוויי פאַרשוינען, אויך אין שוואַרצע פעלערינעס. דער איינדרוק פון די דריי שוואַרצע פעלערינעס איבערן וואַרשעווער סבר איז נאָך גאַנץ שטאַרק געווען אין מיין געמיט, מיין איך, אַז איך חלום, אָדער אַ מיראַזש

שוועבט פאר מיינע אויגן. אָבער ס'איז ריינע רעאַליטעט. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז איינער איז מאָריס ראָזענפעלד, וואָס איז דע־מאָלט געקומען פון אַמעריקע קיין ווין, אויפן וועג צו דער טשער־נאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ; דער אַנדערער איז אַ יונגער וואַר־שעווער מאָלער, וואָס אויפן וועג קיין ארץ־ישראל איז ער געבליבן שטעקן אין ווין און טראָגט זיך אַרום מיט ראובן בריינינס אַ בריוו צו פּראָפ. באָרים שאַץ פון „בצלאל". אין זיין באַגאַזש האָט ער מיטגענומען צוויי פּעלערינעס און איינע, אַ שפּאָגל־נייע, האָט ער געגעבן ראָזענפעלדן אַ מתנה. דער גרויסער דיכטער האָט בלויז איין טאָג אַ קאָקעטיר געטון מיט דער פּעלערינע, מחמת קוריאָזי־טעט, און מער נישט געוואָלט וויסן פון איר.

אָבער יענעם טאָג האָבן דריי שוואַרצע פּעלערינעס געפלאַ־טערט איבער די ווינער גאַסן און צוליב בריינינס בריוו צום פּראָפ. שאַץ האָט אַ היפּשן טייל פון די שמועסן פאַרנומען — ראובן בריינין...

ווידערשפּרוך און האַרמאָניע

(וועגן ד״ר א. קאַראַלניק)

מ׳האָט דעם אַלטן זשאַרזש קלעמאַנסאָ — דעם „טיגער״ — געפרעגט, שוין אין זיינע לעצטע טעג, צי אים שרעקט דער געדאַנק פון טויט, און דער אַלטער האָט רויק, מיט אַ סטאָישן שמייכל געענטפערט: „שרעק איך זיך פאַרן שלאָף? בעת איך לייג זיך אין בעט אריין, האָב איך איין פאַרלאַנג — רוען״.

ד״ר קאַראַלניק האָט נישט דערלעבט אַזאַ טיפע עלטער, ווי דער פראַנצויזישער שטאַטסמאַן. 54 יאָר איז נאָך יונג אין אַ צייט, ווען פּראָפעסאָרן פאַרזיכערן אונז, אַז „דאָס לעבן הויבט זיך אָן נאָך פערציק״. אָבער ד״ר אברהם קאַראַלניק איז געווען צו קלוג, צו פילאָזאָפיש־סטאָיש, צו סקעפּטיש, אַז דער געדאַנק פון טויט זאָל אים שרעקן. מיט אַ שווער־קראַנק האַרץ, ווייסנדיק, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, האָט קאַראַלניק נישט פאַרלוירן זיך, נישט אריינגעפאַלן אין יאוש און ווי גאָרנישט וואָלט מיט אים פּאַסירט, האָט ער זיך, ווי אַלעמאָל, אָפּגערופן אויף די פּראָבלעמען פון מאָמענט. מיט עטלעכע טעג בלויז פאַרן טויט אַרויסגעקומען מיט זיין זאַכלעך אַרטיקל וועגן דער בריטישער חלוקה פון ארץ־ישראל — אַנאַליטיש, אין זיין וווּנדערלעכן סטיל — און קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרדעכטיקן, אַז דער שרייבער פון די נעשלי־פענע, קלוגע שורות, שטייט ביים ראַנד פון קבר.

דאָס איז מעגלעך בלויז פאַר איינעם, וואָס דער פּחד פון טויט האָט אויף אים קיין שליטה נישט, וואָס האָט שלום געמאַכט

מיטן אומפאַרמײדלעכן. דאָס מײנט נישט נעגירן דעם טויט, אָדער פאַרמיאוסן אים, ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע פאַרשיכורטע פּאַרטײ־לײט, וואָס האָבן אַנטדעקט דעם אַבסאָלוטן אמת, וואָס פּרײדיקן „קאַמף און לעבן״ און חוזקן פון די, וואָס מעדיטירן איבער די מיסטעריען פון לעבן און טויט, אָדער וואָס פאַרגעסן נישט, קאָנען נישט פאַרגעסן, דעם הבל־הבלים פון ז י י ן — אפילו אין קאַמף, אין דעם שטורעם און געברויז פון פּראָבלעמען און דילעמעס. דאָס מײנט אויך נישט פראַווען א מין שמחה לכבוד דעם טויט, אויפנעמען אים ווי עפּעס א גרויס גליק, ווי דאָס ראָט אונז מאָרים מעטערלינק אין זײן פײנער עסײ „טויט״, און וואָס דאָס איז סוף־כל־סוף די טרײסט פון א דערשראָקענעם, וואָס פאַלט אַרײן אין צווײטן עקסטרעם פון שרעק — אין עקסטאַז — און עקסטאַז איז דער פּסײדאָנים פון היסטעריע.

ד״ר קאַראַלניק — דווקא ער, דער מענטש פון ווידערשפּרוכן — איז געווען קאָנסעקווענט אין זײן „באַציִונג״ צום לעצטן סך־הכל, ווי דאָס איז צו זען סײ אין אײניקע פון זײנע עסײען, סײ אין זײן האַלטן זיך אין שאָטן פון טויט: ער האָט דעם טויט אויפגענומען, ווי דאָס לעבן — ווי א פאַקט. „נישט לאַכן, נישט ווײנען, נאָר פאַרשטײן״, ווי שפּינאָזע האָט געראָטן. פאַרשטײן הײסט נישט דווקא קומען צו א באַשטימטן אויספיר, צו אַן „אני מאמין״, וואָרן יעדער אויספיר, יעדע אײנמאָל־פאַר־אַלעמאָל אָפּגעמאַכטע מײנונג, ווערט מיט דער צײט — דאָגמע. דאָס לעבן איז א פליסיקער שטראָם — און אַזוי דער מענטשלעכער געדאַנק. ווו דער שטראָם ווערט פאַרהאַלטן, קומט פאַרגליווערטקײט און צוגעשטאַנענקײט — אין לעבן און אין דענקען. פאַרשטײן באַדײט — אין מאָדערן־וויסנשאַפטלעכן זין: פאַרשטײן, אַז מ׳קאָן נישט פאַרשטײן. „ווי קאָן איך וויסן, וואָס דער טויט איז, אַז מיר וויסן נישט, וואָס דאָס לעבן איז?״ — האָט נאָך מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק געפרעגט דער קלוגער קאָנפוציוס. און ער איז גערעכט געווען. אָט דאָס פאַרשטײן, אַז „מען קאָן נישט״ ברענגט שלום מיט לעבן און טויט, ווי מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס דרײען זיך אין זײ און אַרום זײ. און דאָס ברענגט אויך

פרייהייט פון געדאַנק, ווייל דער געדאַנק איז דאָן נישט געפּענטעט אין די גרענעצן פון „דערפון" און „דערפאַר". נישט דאָס געפּי־נען אָן אָנהויב און אַ סוף, אָדער עפּעס אַ ראַציאָנעלע, צי איראַ־ציאָנעלע שיטה, נאָר דאָס דענקען גופא, — דאָס פּאַרטיפן זיך, דאָס שווימען אין אומגעהייערן ים פון געדאַנק — דאָס ווערט דער עיקר, דער ציל פאַר זיך אַליין.

מ'האָט טענות געהאַט צו ד"ר קאַראַלניקן: ער שווימט און שווימט און קומט אין ערגעץ נישט אָן. אָפט מאַכט זיינס אָן עסיי, אָדער אַרטיקל אויף דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אַפילו פון ער־געץ נישט אַרויסגעקומען. דערשיינט פּלוצים אינמיטן פון פּראָב־לעמען־ים, אין די אידייען־שטראָמען, באַווייזט ווונדער פון שווים־קונסט, געניטקייט אין „לייגן קלאַפּטערס" און צום סוף — וווּהין האָט ער אונז — און זיך אַליין — דערפירט? די, וואָס האָבן צו אים אַזאַ טענה אַרויסגעשטעלט, האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער באַוואין־בּרירהדיקער וועג פון היינטיקן דענקער; זיי האָבן פאַרגעסן, אָדער אפשר לכתחילה נישט געוווּסט, אַז נאָך טויזנטער יאָרן פון אויפשטעלן אַלערליי פילאָזאָפישע סיסטעמען, איז די פי־לאָזאָפיע — און אויך די וויסנשאַפט — געקומען אין אונזער ערא צום טאַטאַלן אויספיר: „מיר ווייסן נישט!" מיר ווייסן אַפילו נישט דאָס אמתע פּנים פון דער וועלט, פון דעם אוניווערס, צי איז דאָס אַלץ אַזוי ווי מיר זעען, אַזוי ווי מיר פאַסן־אויף די יצירה, אָדער בלויז אָפּטישע — און געדאַנקלעכע — אילוזיע?

די אָבער, וואָס האָבן קאַראַלניקס שאַפן אויפגענומען אין דער פּעריפעריע פון גאַנצן מאָדערנעם געדאַנקען־גאַנג, האָבן געמוזט שטוינען איבער דער טיפקייט, גראַציעזקייט — און שיינקייט! — פון זיין סטיל, פון זיינע ווענדונגען און אָנווענדונגען, ווי פון זיין גרויסער ערודיציע. זיי האָבן דעמאָלט אויך נישט געקאָנט קיין טענה האָבן צו זיינע ווידערשפּרוכן. קאַראַלניק האָט זיך גאָרנישט באַהאַלטן און נישט געשעמט זיך מיט זיינע סתירות. אדרבא, איין באַנד פון זיינע עסייען־זאַמלונגען רופט ער אַליין אָן: „ווידער־שפּרוכן". סוף־כּל־סוף זענען גראָד די ווידערשפּרוכן נישט אין ווי־דערשפּרוך צו דער נאַטור פון דער וועלט, נאָר אין פולן הסכּם

מיט איר; דען דער אוניווערס — מיט אלץ אין אים — איז איין אומגעהויערע סימפאניע פון ווידערשפרוכן, פון סתירות, וואס ווערן באהערשט פון אן אינערלעכער הארמאניע, פון אן אינער־לעכן ריטם.

אזא הארמאניע איז אויך געווען אין ד״ר קאראלניקס שאפן— אין זיינע ווידערשפרוכן. וואס און ווי אזוי קאראלניק האט עפעס געזאגט, איז עס געווען — קאראלניש. „דער סטיל — דאס איז דער מענטש". און וועגן זייער ווייניק שריפטשטעלער איז אט־דאס פראנצויזישע ווארט אזוי אמת, ווי וועגן ד״ר קאראלניקן. זיין ספעציפישער, אייגנארטיקער סטיל האט זיך אנטפלעקט נישט נאר אין גאנצן געבוי, נאר אין יעדן ציגל. אין דעם מינדסטן שטיינדע־לע פון דעם בנין — אין ממש יעדן ווארט פון זיינע עסייען און ארטיקלען. מ׳האט נישט געקאנט קיין טעות האבן. נעמט אראפ דעם נאמען און לייענט איבער דאס ערשטע ווארט — איר דער־קענט גלייך דעם מחבר. אזוי זענען אויך די געדאנקען און אי־דייען, וואס ער האט ארויסגעבראכט אויפן פאפיר, ווי סתירות־דיק זיי האבן געמעגט זיין צווישן זיך, געווען קאראלניקשע, אייגנ־ארטיקע, ערגעץ זיך געקניפט און געבונדן, פארקייטלט זיך אין איין גרויסער און פילפארביקער אידייען־קייט.

אבער דער, וואס דערפירט נישט זיין דענקען צו אן אפשלוס, וואס זיין געדאנקען־וועלט האט נישט קיין צענטראל־פונקט, מוז זיין איינזאם. ס׳וועט אפשר גארנישט זיין „אויסן וועג" צו זאגן, אז סיי פילאזאפישע, סיי רעליגיעזע, סיי פאליטיש־עקאנאמישע סיסטעמען זענען אין זייער גרויסן רוב געשאפן געווארן, כדי זיך צו ראטעווען פון איינזאמקייט, כדי צו האבן צו וואס זיך צו טוליען, אן וואס זיך אנצושפארן, אין וואס צו גלויבן, פאר וואס צו לעבן און צו שטארבן; אומבאוווסטזיניק (אדער אונטערבא־וווסטזיניק) פאר די שאפער איז דער דאזיקער פארלאנג — און נישט די איבערצייגונג, אז זיי האבן אנטפלעקט דעם אבסאלוטן אמת — געווען דער הויפט־מאטיוו ביים אויפשטעלן שיטות, סיס־טעמען — זיי האבן זיי געזאלט דינען ווי זיכערהייטס־אינזלען אין דעם אומענדלעכן ים, נישט פארלוירן צו ווערן.

און אפשר דערפאַר איז אונזער היינטיקע וועלט אזוי צערו־דערט, דער היינטיקער מענטש אזוי אומגליקלעך, איינזאַם, ווייל די מאָדערנע פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט האָבן, ווי געזאָגט, אוועק־גענומען דעם זיכערהייטס־באָדן פון אונטער דער מענטשהייטס פיס. „גאָרנישט איז זיכער, אויסער דאָס, אז מיר זענען אומזי־כער". דער דענקענדיקער מענטש, דער אינטעלעקטואַל פון דער איצטיקער צייט קאָן זיך נישט אריינקוועטשן אין דעם קאָרסעט פון א פּאַרטיי־פּראָגראַם, אָדער פון א באַשטימטער פילאָזאָפישער, צי פּאָליטיש־עקאָנאָמישער שיטה און זאָגן: „אני מאמין", איך גלויב, אז אָט־דאָס איז דער ריינער און אבסאָלוטער אמת און נישטאָ איז קיין אנדער אמת, אויסער דעם דאָזיקן אמת. יענע, וואָס קענען דאָס, זענען די גליקלעכע. אויב נישט — איז איינזאַמ־קייט. און ד"ר קאַראַלניק איז געווען איינער פון די איינזאַמסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט. געוואָלט אַנטלויפן פון דער איינזאַמקייט און נישט געקאָנט. זיך אַמאָל א טוליע געטון צו א פּאַרטיי, צו עפּעס א געזעלשאַפט, צו א קרייזל, אָבער זיין סקעפּטישער שמייכל, בעת ער האָט „מיטגעמאַכט" דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן, זיך צוגעהערט צו די אזוי־זעלבסטזיכערע רע־דעס און רעזאָלוציעס — האָט אים אַלץ קאַליע געמאַכט. און ווי־דער איינזאַם. פלעג איך אים נישט איינמאָל באַגעגענען אן איינ־זאַמען, אין־זיך־פאַרטיפטן, בלאָנדזשען אויף בראָדוויי, אָדער ביים ברעג פון האָדסאָן אויף ריווערסייד־דרייוו, און ער האָט זיך דער־פרייט, ווען א קאָלעגע איז אים אַנטקעגנגעקומען, א שמועס צו טון מכוח די „אייביקע פּראָבלעמען"...

בלויז ווען זיין פעדער איז געווען אין גאַנג, האָט ער פאַר־געסן זיין איינזאַמקייט. אין זיין שאַפונגס־פּראָצעס האָט ער גע־האַט אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט. סאָקראַט, אַריסטאָטל, שפּינאָזאַ, העגעל, היינע, הוגאָ, בערגסאָן, סאַנטיאַגאָ און נאָך הונדערטער און הונדערטער פילאָזאָפן און דיכטער, געדאַנקען־שפּינער און שע־פער פון ווייטן אַמאָל און פון היינט. ער האָט זייערע קלוגע רייד אריינגעפלאָכטן אין זיינע געדאַנקען, פון זייערע טעזעס און הי־פּאָטעזעס אָפּט געשאַפן — אַנטיטעזעס, אָבער ער האָט זיך גע־

פילט היימיש אין זייער געזעלשאַפט. האָט מען דערפאַר אים פאַר־געוואָרפן, וואָס ער ציטירט. אַ מאָדנע טענה! גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק האָט מען צו אונזערע שריפטשטעלער טענות געהאַט, וואָס זיי איגנאָרירן די גאַנצע געדאַנקען־וועלט, די אַנטיקע און די קעגנ־וואַרטיקע, גלייך דאָס, וואָס זיי זאָגן, וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד און איז קיינמאָל פריִער נישט געזאָגט געוואָרן. ד״ר קאַ־ראַלניק, וואָס האָט געוואוסט, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק איז אומענדלעך, ווי דער אוניווערס, האָט אַריינגעפלאָכטן זיינע גע־דאַנקען אין די אידייען פון אַנדערע שעפערישע גייסטער און זייע־רע געדאַנקען אין זיינע אידייען, און דערמיט באַרייכערט און פאַרביקער געמאַכט זיין אייגן וואָרט. דער, וואָס האָט אַליין וואָס צו זאָגן, דאַרף נישט קיין מורא האָבן צו לאָזן אויך אַנדערע זאָגן און אַפילו זיך צו שטיצן אויף זייערע רייד, אָבער טײלמאָל אויך ציטירן, כּדי צו באַווייזן די פאַלשקייט פון אַ געדאַנק.

ד״ר קאַראַלניק האָט געהאַט וואָס צו זאָגן — אַ סך וואָס צו זאָגן — און אַפילו די, וואָס האָבן געהאַט טענות צו אים, מוזן באַדויערן, וואָס זיין וואָרט איז אַזוי שנעל איבערגעהאַקט געוואָרן!

פשטות, פשט און טייטש

(וועגן אברהם רייזען)

1.

דער דיכטער שמייכלט

אין דער מיטאָלאָגיע פון די פאַרציייטישע פעלקער געפינען מיר אַלערליי לעגענדעס וועגן דעם באַשאַף פון דער וועלט. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַ טרער, מיט אַ זיפץ, מיט אַ גענעץ, מיט אַ וואָרט.

אברהם רייזען האָט באַשאַפן זיין וועלט מיט אַ שמייכל...

אַלע רייזענס געשטאַלטן, טיפן און פאַרשוינען זענען דורכגעלויכטן מיטן שעפערישן שמייכל פון זייער מייסטער.

שלום־עליכם לאַכט. אברהם רייזען שמייכלט. ער שמייכלט אין זיין פראָזע, ווי אין זיין ליד.

ס'איז אַ קלוגער, גוטמוטיקער שמייכל, קיינמאָל נישט קיין ביטערער און זעלטן אַן איראָנישער. ס'איז דער שמייכל פון דעם, וואָס זעט און פאַרשטייט. און פאַרשטיין מיינט פאַרגעבן.

אברהם רייזען פאַרגיט זיינע מענטשן פאַר זייערע קליינע מעשים און אפילו פאַר זייער שלעכטס. ביי אים זענען נישטאָ קיין רשעים און קיין צדיקים. ער ווייסט, אַז אין גרעסטן צדיק לעבט אַ שטיקל רשע און אין גרעסטן רשע טליעט אַ שטיקל צדיק.

דערפאַר איז ער קיינמאָל נישט בייז. אָט אַזוי איז דער

מענטש. און מ'דארף דעם מענטש נעמען, ווי ער איז, ווי ער שטייט און גייט. אנדערש וואָלט די וועלט קיין האַפט נישט געהאַט.

אין דעם זין איז רייזען א שפינאָזיסט. האָט דאָך שפינאָזא אונז געלערנט „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין". און רייזען פאַרשטייט, אַז נישט מיט אויסלאַכן, אָדער באַוויינען, צי גאָר שעלטן דעם מענטש וועט מען אים דערהויבן. גייט ער צו צום מענטש פילאָזאָפיש־שמייכלדיק, גוטמוטיק און פאָטעריש.

ס'איז נישט ביי אים א טעאָריע אַזאַ, א שיטה, נאָר דער מהות מענטש און דער תוך קינסטלער אין אים, וואָס האָבן אינ־טויִטיוו פאַר אים אָנגעצייכנט זיין קינסטלערישן וועג.

רייזען איז נישט קיין אָפּטימיסט און נישט קיין פעסימיסט, ווי ער איז נישט קיין אַנדער סאָרט „איסט". ער איז נאָר טיף־מענטשלעך, און אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז אים נישט פרעמד.

ער האָט ליב דעם מענטש מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין ליכט און שאָטן. און דערפאַר גייט ער מיטן מענטש אויף דער ערד, נאָענט פון אים, האַרט ביי זיין זייט.

דערפאַר איז זיין סטיל אַזוי לייכט, די פשטות אַליין. אָבער דווקא דערפאַר ווערט די קריטיק ביי אים מבולבל.

ס'איז דאָך מערקווירדיק, וואָס דווקא מיט רייזען דעם פשטן קאָן זיך די קריטיק נישט קיין עצה געבן. נישט נאָר איז וועגן אים נאָך נישט געשאַפן געוואָרן קיין מאָנומענטאַל, אַרומ־פאַסנדיק ווערק, ווי ער פאַרדינט עס, נאָר אַפילו די קורצע, צו־פעליקע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען וועגן אים געשריבן געוואָרן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, זענען מער אַרום אים, ווי וועגן אים. עס זעט אויס, ווי אונזער קריטיק וואָלט נישט געקאָנט געפינען דעם אַרכימעדעס־פונקט פונוואַנען צו אים צוצוגיין, פונ־וואַנען אים אויפצונעמען.

נראָד זיין פשטות האָט געשאַפן א מין מחיצה, אָדער גאָר מיספאַרשטייעניש, צווישן אים און דער קריטיק.

וואָרן פשטות אידענטיפיצירט ביי טייל — דער גוטער יאָר ווייסט זיי פאַרוואָס — מיט אויבנאָויפיקייט.

זיי באַגרייפן נישט, אַז כדי צו זען טיף, דאַרף מען אַליין זיך

קענען דערהויבן. מען דאַרף אַרויף אויפן דאַך פון דער עמפּייר־סטייט־געביידע, כּדי צו דערזען די טיף פון דער גאַס.

כּדי צו דערזען די טיפקייט פון רייזענס שעפערישער וועלט, דאַרף מען זיך קענען פריִער אויפהויבן הויך, אויב נישט נאָך העכער...

אויך וועגן די מענטשלעכע שיקזאַלן, וואָס רייזען שילדערט פאַר אונז, הערשט בּיי אונז אַ פאַלשער באַגריף: קלייניקע טראַ־געדיעלעך, דראַבּנע פּאַסירונגען.

דאָס זעט נאָר אַזוי אויס, ווען מ׳גייט צו צום מענטשלעכן שיקזאַל פון אַן ענג ווינקל. פון אַן אוניווערסאַלן אויסקוק, בּעת מ׳פּאַסט אויף דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט ר ע ל אַ־ט י ו ו — איז די טראַגעדיע פון אויסגעריבענע אַפּצאַסן פּונקט אַזוי גרויס און ווירקליך, ווי נאַפּאָלעאָנס טראַגעדיע פון פאַרלירן די שלאַכט בּיי וואַטערלאָ.

אַנדערע שרייבּן וועגן רייזענס נעגאַטיוו, מער וועגן דעם, וואָס ער איז נישט, ווי וועגן דעם, וואָס ער איז יאָ, און אַזוי ווי צו „נישט״ איז דאָך גאָר קיין שיעור און קיין ערך נישטאָ, שטעלט מען צו אים אַרויס אַלערליי טענות.

אַזאַ קריטיק האָט פּונקט אַזאַ טעם, ווי דאָס וואָלקשטעלן זיך בּיי אַן עפּל־בּוים און אויסרעכענען זיינע „חסרונות״: ער גיט נישט קיין בּאַרן, ער גיט נישט קיין פלוימען, ער גיט נישט קיין קאַרשן און ער גיט נישט קיין מילגרוימען.

אָבער דער עפּל־בּוים האָט איין גרויסע — פּאָזיטיווע — מעלה: ער גיט עפּל. און לויט אָט־די עפּל זיינע דאַרף דער דאָזי־קער בּוים געמשפּט ווערן.

אברהם רייזענס גרעסטע מעלה איז, וואָס ער איז — אברהם רייזען! ווי יעדער עכטער קינסטלער, האָט ער געבּראַכט זיין אייגענע מאָס, איז ער אַליין זיין מאָס. און נאָר מיט דער רייזענשער מאָס קאָן מען „מעסטן״ רייזענען.

רייזען געהער צו איין ריכטונג, צו איין שולע — דער רייזענשער. דער שמייכלדיקער מייסטער פון דער קורצער דערציילונג, פון דעם מוזיקאַליש־מעלאָדישן פּערז איז קיינמאָל קיין ש מ י י כ־

לער נישט געווען — האט זיך נישט געשמייכלט, נישט געמאכט קיין חנדלעך צו קיין שום ליטעראַרישער שולע, צו קיין שום ליטעראַרישן „איזם".

ער איז געבליבן געטריי זיך אליין, איז ליטעראַריש אויסגעהאלטן פון זיין ערשטן ליד, פון זיין ערשטער דערציילונג, ביז דעם היינטיקן טאג.

דער, וואס האט נישט קיין גאט אין הארץ, קאן מיט א לייכטן געמיט אלע מאַנטיק און דאָנערשטיק בייטן די רעליגיע; דער שרייבער, וואס האט נישט קיין אייגענעם נוסח און קיין אייגענעם תוך, קאן זיך כסדר צופאסן און צופוצן צו נייע ריכטונגען און „איזמען".

רייזען איז אלעמאל רייזען — און שטענדיק די פשטות אליין.

פיינשמעקער מעג זיין פשטות נישט זיין צום הארצן. אבער אלע גרויסע ווערק „ליידן" פון פשטות. נאך מער: פשטות איז נישט פשוט. קאן נאך זיין מער פשטות, ווי אין דער ביבל? און דאך איז די ביבל פרדס — מ'טייטשט זי על־פי פשט, רמז, דרש און סוד...

פשטות דארף מען פארשטיין. פשטות דארף מען קענען אפשאצן און אפשעצן.

רייזען איז ווייט פון ביבלישן סטיל, אבער בתוך איז ער ביבליש, אין דער קורצקייט און געפאסטקייט פון זיין זאץ, אין דער געהאמערטקייט פון זיין ארט דערציילן, פון שילדערן.

אויב איר ווילט, איז דאס — דער עכט־יידישער נוסח.

לייענט די אינדישע „טריפיקאס", די „וועדאס", אדער די „זענד־אוועסטא" פון די פארסים — אט די הייליקע שריפטן פון די אור־אריער — וואס פארא פעלזן־שווערער סטיל, וואס פארא מוראדיקער פלאנטער אין זאץ, אין דער שילדערונג, קוים דעם אטעם אפצוכאפן.

און ווו דערפירן זיי? צו די זעלביקע אמתן, וואס די ביבל. נאר די ביבל פירט אייך אויף איר וועג אזוי שוועבנדיק־לייכט, גרינג־געמיטיק, גרינג־אטעמדיק.

אברהם רייזען איז געבענטשט מיט דער גרויסער ייִדישער מתּנה — צו שרייבן לייכט און פּשוט וועגן טראַגישע מענטשלעכע שיקזאַלן. זיין שאַפונגס־וועג איז אַן אָנגענעמער שפּאַצירגאַנג, אָבער ער דערפירט אונז צום סוף צו הויכן און טיפן, צו די לאַבירינטן פון טראַגישן מענטשלעכן גורל אויף דער ערד.

אָבער ער שמייכלט:

— אַזוי איז עס. אַזוי מוז עס מסתּמא זיין.

און ווי אַן עכטער ייִד, באַיאָט ער דאָס לעבן, די וועלט.

צו זאָגן „ניין", דאַרף מען דעם קאָפּ ווענדן רעכטס און לינקס און אָפּט פאַרליַרט זיך דערביי דער בליק אין חלל.

יאָ — איז איין שאָקל מיטן קאָפּ צו דער ערד אַראָפּ.

און אויף דער ערד זענען מענטשן און מיט די מענטשן גייט ער מיט. זייער גאָט אין זיין גאָט, זייער שיקזאַל איז זיין שיקזאַל. דערפאַר איז די ביבל אַזוי ערדיש, אַזוי מענטשלעך, אַזוי זוניקדורכזיכטיק. און אַזוי איז רייזענס שאַפן.

ערדיש, מענטשלעך, פּשוט, טיף און גלויביק.

.2

רייזען צווישן די קריטיקער

וועגן אברהם רייזענען איז שוין אַ סך, זייער אַ סך געשריבן געוואָרן — ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשיידענע ציַיטן, אָבער די אַלע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און „אָפּשאַצונגען" טראָגן אַ צופעליקן און פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער, דערצו מער אַ ר ו ם אים, ווי ו ו ע ג ן אים, מיט דעם אויסנאַם פון דער גרעסטענער סעריע אַרטיקלען וועגן רייזענען, וואָס „דער לעבעדיקער" האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט אין דער „פרייער אַרבעטער־שטימע" און ווו אַ פּרווו איז געמאַכט געוואָרן צו געבן אַ גאַנץ בילד פון רייזען דעם פּאָעט און דערציילער. אונזערע פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער, דאַקעגן, זענען אָפּגעקור־

מען מיט שהיה־פּיה. נאָר אברהם רייזען געפינט זיך אין גוטער געזעלשאַפט. כּמעט וועגן קיינעם פון די שעפער און זיילן פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן קיין מאָ־נומענטאַל ווערק. מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם פילן אויס דעם „כּמעט" — מ'האָט כּמעט, הייסט עס, געשריבן גרעסערע אָפּ־האַנדלונגען וועגן זיי, און פּרצן איז באַשערט, אַז די ערשטע גרונ־טאָווגע אַרבעט וועגן אים זאָל דערשיינען גאָר אין ענגליש — ד"ר א. א. ראָבאַקס אינטערעסאַנט בוך.

נאָר אויב אונזער קריטיק האָט נישט אָפּגעשאַצט רייזענען, קאָן מען דורך רייזענען ריכטיק אָפּשאַצן אונזער קריטיק, אָדער נאָך בעסער: דורך רייזענען, צי א דאַנק אים, דערוויסן מיר זיך, אַז פּאַקטיש האָבן מיר גאָרנישט קיין קריטיקער... וואָרן דער שכל איז דאָך מחייב, אַז ווי־באַלד רייזען, וועלכער איז דאָך די קלאָרקייט, די פּשטות אַליין, איז נאָך נישט אָפּגעשאַצט און אָפּ־געשעצט געוואָרן ווי געהעריק איז; ווי־באַלד וועגן אים איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן דאָס גרויסע, אַרומפאַסנדיקע ווערק — איז עס נישט אַנדערש, אַז מיר האָבן נישט אין אונזער ליטעראַטור קיין קריטיקער, וואָס זאָלן האָבן דעם כּוח דאָס צו טון, א נישט וואָלטן זיי דאָך זיכער אויסגענוצט די גרויסע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן, וואָס רייזען גיט זיי, צו באַווייזן זיך, אַרויסצוקומען מיט זייער וואָרט, מיט זייער לשון, מיט זייער בקיאות אין ליטע־ראַטור, אין קונסט, מיט זייער קוק און זייער שטעל.

נישט־שוין־זשע האָבן אונזערע קריטיקער פּשוט פאַרזען אַזא גאָלדענע געלעגנהייט, ווי די, וואָס רייזען גיט זיי? אויף רייזענס חשבון וואָלטן זיי דאָך געקאָנט גרויס ווערן, דערהויבן ווערן, טאָ ווו, צו אַלדי־גוטע יאָר, זענען זיי, די קריטיקאַנטן? נו, זיי זענען דאָ. שרעקט זיך נישט. זיי זענען דאָ, נאָר זיי האָבן זיך באַהאַלטן, שפּילן, הייסט עס, אין באַהעלטעניש מיט רייזענען, נישט מחמת שטיפערישקייט, ווי קונדייסים, נאָר געצוווּנגענערהייט, אויס מורא. רייזען האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן א פּחד, אַן אימה, טאַקע מיט זיין פּשטות, מיט זיין קלאָרקייט און אַרויסגעזאָגטקייט. ביי ריי־זענען קאָנען זיי נישט דרייען מיטן גראָבן פינגער, טייטשן, זוכן

רמזים, רזין־דרזין. ביי דייזענען וואָלטן זיי אַליין געמוזט רעדן צו דער זאַך, רעדן ווי מענטשן, זאָגן אַן א י י ג ן וואָרט — און דאָס קענען זיי, לײַדער, נישט...

אונזערע קריטיקער זענען גרויסע בריות, ווען ס'קומט צו באַווייזן מלמדישע שטיק, אויסטײַטשן דעם שיר־השירים, אַריינטײַטשן, איבערטײַטשן און — פאַרטײַטשן... זיי זענען ווי יענער האַנטשריפט־עקספּערט, וואָס האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו גריבלען אין אַלערליי צעדרייטע האַנטשריפטן, אין קאָטשערעס מיט לאַפּעטעס, אַז ווען מ'דערלאַנגט אים אַ בריוו מיט אַ קלאָרן, קאַליגראַפישן כתב, קאָן ער נישט איבערליינענען. דאָס דערמאָנט אויך אָן יענעם גראַפאָלאָג, וואָס האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין אַרויסליינען פון האַנטשריפטן די כאַראַקטערן פון מענטשן, אַז ווען ער קריגט אַ היים ליבעס־בריוו פון זיין כלה, לייענט ער, אַנשטאָט דעם בריוו, דער כלהס כאַראַקטער — זיינע חושים זענען פאַרטעמפּט געוואָרן פאַר דער שיינקייט פון סטיל, פאַר סענטימענטן, פאַר דעם לעבעדיקן מענטש, ווי ער שטייט און גייט, מיט זיינע פריידן און ליידן.

אין ווערק, וואָס דעם יידישן קריטיקער זעען זיי אויס רזין־דרזינדיק, מיט עפּעס אַ פאַרוויקלטער אידייע, מיט אַנצוהערענישן — דאָרט פילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. ער קאָן אַרויסשלעפּן ציטאַט נאָך ציטאַט, זיך אָנהענגען אויף זיי, אויף די ציטאַטן, פאַרפּלאָנטען מיט זיי אין בוידעריק, אָדער האַציפּלאַץ, צי גאָר אויף דער לבנה. אָנבלאָזן פראַזן־פּענכערס, אָדער מיט פאַרמאַכטע אויגן דבקען זיך און — רעדן, רעדן, רעדן, אויפהייבן טעאָריעס, שיסן מיט באַהויפּטונגען און באָמבאַרדירן מיט כּפל־שמונהדיקער פראַזעאָלאָגיע. קיינער קאָן אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט און אָפּלייקענען זיינע באַהויפּטונגען און שיטות און אויסטײַטשונגען. וואָס הייסט? אַזוי נעמט ער אויף דאָס ווערק! אַזוי זעט ער עס! דאָס זענען זיינע פערזענלעך־פּערסאָנאַלע, אינדיווידועל־סוביעקטיווע איינדרוקן און אויפפאַסונגען. הייבט גיי און זאָג אים, אַז נישט!

דערפאַר זענען די קריטיקער אונזערע אַזוי נייגעריק און פליגק

צו שאפן „מאָנומענטאַלע ווערק" וועגן שרייבער, וואָס לאָזן זיך טייטשן, אָבער זיי זענען כמעט שטום, ווו מען קאָן נישט טייטשן, נאָר מ'מוז טאַקע עפּעס זאָגן, ארויסברענגען אַ קלאָרן געדאַנק. מילא, מענדעלע איז נאָך ווי ס'איז, אַ זיידע, ד ע ר זיידע און די קליאַטשע איז דאָך אַן אַלעגאָריע, ממש ווי שיר־השירים; און פּרץ — הויפּנס מיט סימבאָלן, פּינטעלעך, אָנצוהערענישן; און אפילו שלום־עליכם — כאָטש אַזוי פאָלקסטימלעך — אָבער פאָרט... געלעכטער... אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס — ס'גייט אַ גאַנג. אמת, אַז אָך און אַז וויי, ווי די דאָזיקע דריי געניאַלע מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן! און די אָפּשאַצונגען זענען אויך לרוב פּידראָך, אָבער, ווי זאָגט מען עס: בעסער ווי גאָרנישט.

אָבער ביי אַזאַ וואָרט־קינסטלער, ווי רייזען — ביי אים איז שוין גאָרנישט דאָ אָן וואָס אָנצוטשעפּען זיך... רייזען איז אַזוי פּשוט, ווי דאָס לעבן. נאָר — דאָס לעבן איז גאָרנישט פּשוט. דאָס לעבן האָט פאַרשיידענע דימענזיעס, זאָל זיין דריי, זאָל זיין פיר; לעבן איז מיסטעריע און מ'דאַרף גאָרנישט דאָס לעבן מיסטיפיצירן, כדי עס צו מאַכן אינטערעסאַנט און געשפּאַנט. אַזוי דער לעבעדיקער מענטש, טיף אין זיין איינפאַכקייט און איינפאַך אין זיין טיפקייט. דערפאַר איז אויך די אמתע קונסט איינפאַך, פּשטות. אָט־דער פּאָסטולאַט, וואָס טאָלסטאָי האָט אים אַזוי ליידנשאַפט־לעך פאַרטיידיקט, באַציט זיך נישט דווקא אויף רעאַליזם, אויף נאַטוראַליזם. אַלע „איזמען" זענען באַרעכטיקט אין דער קונסט, ווי־לאַנג זיי זענען — קונסט, ווי־לאַנג די קונסט און נישט דער „איזם" איז דער עיקר, ווי־לאַנג די קונסט שאַפט דעם „איזם" און נישט פאַרקערט. דער מאָלער מוז נישט דווקא און אומבאַ־דינגט געטריי זיין דער אַנאַטאָמיע, ער קאָן זיך פאַרגינען אָפּווייכונגען. אָבער דאָס אויג, וואָס זעט בלויז די אָפּווייכונגען, בלויז ווען די נאָז שטייט אויפן אַקסל און הערט אויף צו זען דאָס „נאָרמאַלע" — די נאָז צווישן די אויגן — אַזאַ אויג איז זיכער נישט אין אָרדנונג. ס'איז דאָן עפּעס דער מער מיטן אָפּטישן חוש...

דאָך, נאָך אַלע דריי משלים, מיטן האַנטשריפט־עקספּערט,

מיטן גראַפאָלאָג און דעם מאָלער, בין איך פונדעסטוועגן שטאַרק מסופּק, צי אונזער קריטיק ליידט פון פאַרטעמפּטע חושים, אָדער שלעכטער אַפּעטיט. גיבער פעלט איר אַ חוש, דער חוש — זאָל עס זיין דער זעקסטער חוש? — וואָס נעמט אויף קונסט אין איר ריינער, אוממיטלבאַרער אַנטפּלעקונג. און דאָס האָב איך געמיינט מיט מיין אַרויסגעפאָרענער באַהויפּטונג, אַז מיר האָבן נישט קיין קריטיקער. דאָס הייסט: קריטיקער האָבן מיר יאָ, נאָר פאַר קיין סאָלדאַטן — פון דער קריטיק — טויגן זיי נישט, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען געבוירן געוואָרן אַן דעם „קינסטלערישן חוש" און זיי מוזן פאַרנאַכלעסיקן שרייבער, וואָס פאָדערן אַ ריין־קינסטלערישן צוגאַנג. דאָס מיינט נישט, אַז זיי פאַרנאַכלעסיקן נישט יענע דיכטער, וואָס גיבן זיי יאָ אַ געלעגנהייט פאַר אַלערליי חקירותן און מכוח וועלכע אונזער קריטיק האָט שוין מיט מזל אַ שאַף געטון „מאָנומענטאַלע ווערק". נעמט, למשל, די גרעסערע אַרבעטן, וואָס וו. נאַטאַנסאָן, ב. ריווקין און (להבדיל) טוטשינסקי האָבן לעצטנס פאַרעפנטלעכט מכוח לייוויקן און לוצקין. צוליב די ביי־מער זעט מען נישט אין אָט־די אַרבעטן אַרום דעם וואַלד. צוליב די חקירות, פשטלעך, פילאָזאָפעריייען, טייטשענישן און אויסטוי־טשעניש און דאָס קליגלען זיך, כּדי די דיכטער דווקא אַרויסצו־שטעלן ווי פילאָזאָפן, אָדער גאָר הייליקע און משיחים, זעט איר נישט — די קונסט, דעם קינסטלערישן מהות פון די דערמאָנטע פּאָעטן.

וואָס קאָנען דעריבער אונזערע קריטיקער זאָגן וועגן רייזע־נען, וועגן זיין אַזוי־קלאָרער דערציילונג, וועגן זיין אַזוי־קלאָרן ליד? טאָלסטאָי האָט געזאָגט (דאַכט זיך, לגבי אַנדרייעוון): באַ־שרייב מיר אַ טיש — און איך וועל וויסן, צי דו ביסט אַ קינסט־לער. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן צו אונזערע קריטיקער: גיט אונז אַן אַרומפאַסנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן אַזאַ וואָרט־קינסטלער, ווי אברהם רייזען, און מיר וועלן וויסן, צי איר זענט קריטיקער!...
רייזענס אַ דערציילונג, רייזענס אַ ליד לאָזט זיך נישט טייטשן — עס פאַרטייטשט זיך אַליין. עס איז אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן. די פּראָ־נע און דער ענטפּער צוזאַמען.

דער עסטעט אין שטורעם

(וועגן זישאַ לאַנדוי)

זישאַ לאַנדוי איז געווען דער הונדערט־פּראָצענטיקער עסטעט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. דער עסטעטיזם איז בײַ אים געווען נישט נאָר אַ „קינסטלערישער אינסטינקט", אַ פּאָעטישע אינטויִציע, נאָר אויך אַ באַוווּסטזיניקע אידייע, אַ שיטה, וואָס ער האָט פּאַרטיידיקט אין זײַן עסיי.

ער איז פּאַקטיש געווען דער לעצטער עסטעט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. וואָרן בעת די אַנדערע ייִדישע פּאָעטן און דערציילער פון דער „עסטעטישער דיכטונג", איבערהויפּט צווישן די „יונגע", וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט דורך די „שריפטן", האָבן אין די לעצטע יאָרן געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיט די נײַע שטרעמונגען און ריכטונגען, געוואָרן אָנגעהויכט מיט די טענדענצן פון דער צײַט, איז זישאַ לאַנדוי פּאַרבליבן קאָנסעקווענט, אויסגעהאַלטן אין זײַן עסטעטיזם.

ער האָט נישט געמאַכט קיין הנחות די פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, נישט דעם אינטעלעקטואַליזם, נישט דער פּראָלעטאַרישקייט, נישט דעם אינזיכיזם.

ער איז געווען און פּאַרבליבן דער כּהן אין טעמפּל פון „ריינער קונסט", פון קונסט צוליב קונסט, פון וואָרט צוליב וואָרט, פון שיינקייט צוליב שיינקייט.

די שטורעמס פון דער צײַט, רעוואָלוציעס, מלחמות, קינסטלערישע איבערקערענישן, ליטעראַרישע רעוויזיעס האָבן אים נישט

אַנגערירט. אויב ער האָט יאָ אויף זיי רעאַגירט, איז עס מיט א שמייכל פון ביטול.

און דאָס נישט דערפאַר, וואָס דער שטורעמדיקער ארום האָט אים געלאָזט קאַלט, אומפאַראינטערעסירט, נאָר ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דעם מענטש קאָן מען צום בעסטן דינען מיטן ריי־נעם קינסטלערישן וואָרט.

ער האָט נישט אָנגענומען די הנחה, אַז כּדי צו דינען דער צייט, דאַרף מען דאָס וואָרט אָנשטאָפּן און אָנפּראָפּן מיט די טענ־דענצן פון דער צייט, מיט אידעאָלאָגיעס און טעאָריעס.

דער בעסטער אופן צו דינען דער צייט איז צו שאַפן דאָס איבער־צייטלעכע, דאָס אייביק־צייטלעכע, דאָס אומפאַרענדערלעכע; דווקא אין דער צייט פון אומרו, פון אומזיכערקייט און כאָאָס, דאַרף מען געבן דעם מענטש דאָס באַשטענדיקע, די שיינקייט, וואָס דערהויבט זיך ווי א לייכט־טורעם איבער די אויפגעברויזטע ימען.

שיינקייט איז דער איינציקער אמת, דער אַבסאָלוטער אמת און בלויז דער דאָזיקער אמת איז אימשטאַנד אונז אריבערצוטראָגן איבער אָפּגרונטן און איבער אַלע שטורעמס פון לעבן.

אָט־די שיינקייט אַנטפּלעקט זיך איבערהויפּט אין דער קונסט, און דערפאַר דאַרף די קונסט נישט דינען — און באַדינען — קיין שום אַנדער אמת (וואָרן קיין אַנדער אמת איז אין אמתן נישטאָ), אויסער זיך אַליין.

אָבער אַז דער „שטורעם און דראַנג" האָט זיך מיט אימפּעט, ווי א מבול, אריינגעריסן אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור, פאַרשוועכט דאָס „ריין־קינסטלערישע" וואָרט, אָנגעלאָדן עס מיט פרעמדע אינהאַלטן און כּוונות, האָט דער געטרייער כּהן פון קונסט צוליב קונסט זיך צוריקגעצויגן, אָפּגעשטעלט זיין תּפילה.

צוריקגעצויגן זיך, נאָר נישט רעזיגנירט. לאַנדוי האָט גע־וואַרט ביז דער שטורעם און דראַנג וועט אריבער, זייענדיק טיף איבערצייגט, אַז דאָס ריינע קינסטלערישע וואָרט מוז צום סוף טריומפירן, אַז דער מענטש מוז צוריקקומען, א פאַרבענקטער, צום קוואַל פון לויטערער, געלייטערטער קונסט — פון קונסט לשם קונסט...

און פאַר יענעם טאָג האָט ער זיך שטילערהייט געגרייט. בחדרי־חדרים געשאַפן, זיך געשפּילט מיטן וואָרט, מיט ליבע און צערטלעכקייט זיך געצאַצקעט דערמיט, ווי אַ בין געזאַמלט דעם האָניק פון וואָרט און אַזוי אָנגעזאַמלט אַ באַנד דראַמאַטישע פּאָעמעס.

אויפן קראַנקן־בעט, ווו ער איז אָפּגעלעגן יאָרן־לאַנג און דערנאָך אַ קאָנוואַלעסצענט, האָט ער געשריבן, געשפּונען זיין וואָרט, געדינט געטריי דער „ריינער קונסט״ און זיך געקליבן אַרויסשיקן זיין בוך אין דער יידישער וועלט אַריין, ווי נח זיין טויב, אויסצו־געפינען, צי דער מבול איז שוין אַריבער, צי דער מענטש איז שוין ווידער גרייט אויפצונעמען קונסט צוליב קונסט.

און אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען האָט ער זיין ניי בוך גע־געבן: „עס איז גאָרנישט געשען״.

דאָס איז מער ווי אַ נאָמען: ס׳איז אַ קינסטלערישער אני־מאמין, אַן עסטעטישער אמת: גאָרנישט האָט פּאַסירט. רעוואָלוציעס קומען און פאַרגייען, מלחמות ווערן און ווערן נישט, קאַטאַסטראָ־פעס, איבערקערענישן, טעאָריעס, שיטות, אידעאָלאָגיעס — זיי זע־נען בלויז צייטווייליקע אויפברויזן אויפן פלאַך פון ים.

מיטן מענטש איז גאָרנישט געשען. דער מענטש, דאָס מענטש־לעכע איז אייביק דער זעלביקער, אומפאַרענדערלעך. די שיינקייט באַגלייט דעם מענטש איבער אַלע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס, ווי די שכינה באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אין גלות... דער מענטש רייסט זיך אייגערלעך צו שיינקייט און מיטן דערהויבן אים צו שיינקייט, וועט מען אים סוף־כל־סוף באַפרייען פון רשעות, פון מיאוסקייט, פון אכזריות.

דורך דעם עסטעטיזם איז זישאַ לאַנדוי צוריקגעקומען צום חסידיזם, צו זיינע חסידישע אבות, פון וועלכע דער אינטעלעק־טואַליזם האָט אים פריער געהאַט אָפּגעריסן. און אין אַ ריי לידער באַזינגט ער דאָס חסידות און די לויטערע חסידישע פּערזענלעכ־קייטן. אין חסידיזם אַנטפּלעקט זיך צו אים דער ריינער עסטעטיזם, די בענקשאַפט צו שיינקייט, די שיינקייט, וואָס פראַלט אַרויס אין פרייד.

ס'איז דעריבער געווען א גרויסער ווידערשפּרוך אין זישאַ לאַנדויס עסטעטישער „וועלט־אַנשויונג"; זיין התנגדות צו פּרצן, א התנגדות, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין באַרימט־געוואָרענער ביטולדיקער באַצייכענונג: „דער וואַרשעווער ליטעראַט פּרץ"...

אָבער דאָס איז גיכער געווען א זשעסט, וואָס ער האָט געמאַכט אין יענער צייט, בעת ער איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דעם אומרויִקן קאָליע טעפּער (הערצאָג ד'אַברוצי), וואָרן בתּוך איז אים פּרץ געווען נאָענט. ווייניק ווייסן עס אפשר, אַז זישאַ לאַנדוי איז דאָס געווען דער געהיימער פּרץ־חסיד, וואָס האָט צוגעגרייט די גרויסע פּרץ־אויסגאַבע, וואָס דער פאַרלאַג „יידיש" האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק.

דוד פּינסקי, דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, האָט דעם סוד, וואָס בלויז געציילטע האָבן פון אים געוווּסט, אָפן אויסגעזאָגט אין זיין הספּד איבער לאַנדויס מיטה, אַז לאַנדוי האָט דאָס אויפגעקליבן, איבערגעשריבן, געזאַמלט מיט התמדה פּרצס פונאַנדערגעוואָרפענע דערציילונגען און לידער פאַר דער דרייצן־בענדיקער אויסגאַבע. דערביי האָט ער זיך מיט פּינסקין אויסגענומען, אַז זיין, לאַנדויס, נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן, אפילו אין פּינסקיס פאָררעדע.

פּונקט אַזאַ ווידערשפּרוך, ווי ס'איז געווען זיין אויסערלעכע התנגדות צו פּרצן, איז געווען זיין אינטימע פריינדשאַפט און ענגע ליטעראַרישע פאַרבינדונג מיט קאָליע טעפּער.

וואָרן טעפּער, אָט דער רעטענישפולער מענטש, וואָס האָט גראָד אונטער דעם באָלשעוויסטישן רעזשים אָנגענומען דעם גריכיש־אָרטאָדאָקסישן גלויבן, איז פּונקט דער היפּוך געווען פון לאַנדוין: א מענטש פון לויטער אינטעלעקטואַליזם, צעשווומען, נערוועז, אומזיכער, בעת לאַנדוי איז געווען רויִק, ווייך, קלאָר — בלאָנד דורך און דורך, אין קאָליר פון זיינע האָר, ווי אין זיין כאַראַקטער.

אָבער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען אַזעלכע

שאַרפע קאָנטראַסטן, האָט עס זיי אַזוי געצויגן איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן דערגאַנצט, אויסגעפּולט.

קאַליע טעפּער האָט זיך געשפּילט מיט אידייען. זישאַ לאַנ־דוי האָט זיך געשפּילט מיט ווערטער. טעפּער האָט פון לאַנדוי (און משה נאַדיר) געבאָרגט סטיל, לשון. לאַנדוי האָט זיך פון דעם כאַ־ראַקטער־שטאַרקערן טעפּער אָנגעשטעקט מיט אימפּעט, מיט רע־וואָלט.

אָבער בטבע געמיטלעך, רויִק, בּ ל אָ נ ד, האָט זיך לאַנדויס גאַנצער רעוואָלט אויסגעדריקט אין אַ שטיפערישער טראַציקייט, אין אַזעלכע אַריעקטיוון, ווי „דער וואַרשעווער ליטעראַט פּרץ״. אָבער דאָס בלויז אין זיינע עסייען און פעליעטאָנען, איבערהויפּט אין זיינע „געמיטלעכע שמועסן״, וואָס ער האָט חדשים־לאַנג פאַרעפנטלעכט אין דער טעגלעכער „צייט״. אין זיינע לידער איז ער פאַרבליבן, ווי געווען — דער ווייכער עסטעט.

זיין עסטעטיזם האָט ער אפילו אַריבערגעטראָגן אויפן טויט. יאָרן־לאַנג אַ חולה־מסוכן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן צום טויט באַצויגן סטאָיִש, אָן טענות, אָן פּראָטעסט, אָן פאַרצווייפלונג.

ערשט נישט לאַנג צוריק פרעג איך לאַנדוין, פאַרוואָס ער רופט נישט אָפּ אַ געמיינזאַמען פריינד אונזערן, וועלכער וויל זיך מיט אים זען מכּוח אַן ענין.

לאַנדוי שטעלט אויף מיר אויס פאַרוווּנדערטע אויגן:

— ווי קאָן איך זיך באַשטעלן מיט אים?

— פאַרוואָס קאָנסטו נישט?

— ווייסטו דען נישט, — ציט ער רויִק און גלייכגילטיק די ווערטער, — אַז איך קאָן אָוועקפאַלן יעדע מינוט און איך וועל יענעם אַנטוישן...

אָט אַזוי, אָן אַ גרימאַסע.

און אַ צוויי טעג פאַרן טויט זאָגט ער מיר:

— מיין בוך וועט באַלד זיין פאַרטיק צום דרוק. די פאַרשיי־דענע „איסטן״ וועלן זיך מסתמא אַ נעם טון צו מיר...

אָבער ער האָט נישט דערלעבט צו זען זײַן בוך „עס איז גאָר־נישט געשען". ס'איז יאָ געשען: דער לעצטער עסמעט פון דער ייִדישער פּאָעזיע איז געפאַלן אין מיטן דער רווישיקער בראָדוויי, אין אַ רעגנדיקער נאַכט, אַ טויטער.

נאָך איינער אָוועק פון אונז. און באַלד וועט מען מסתּמא פאַרגעסן, גלײַך עס איז גאָרנישט געשען...

אַ בבאַ־מעשה

אין די לעצטע יאָרן איז בײַ די אומות־העולם, איבערהויפּט בײַ די ענגלישע, אַרײַן אין דער מאָדע „סטאָרים" און „אַוטלײַנס". אויפֿן ערשטן מין האָט זיך ספּעציאַליזירט װ י ל ד ו ר אַ נ ט. אויפֿן צװייטן — ה. ג. װ ע ל ס. „סטאָרי" איז אַ מעשה. „אַוט־לײַן" איז אַ קיצור, ראשי־פּרקים — קיין געשיכטע זענען בײדע נישט. איז טאָמער װילט איר אָפּפֿרעגן זײער היסטאָרישן אַנאַליז, איז די תשובה אויף דער האַנט: ס'איז דען געשיכטע? ס'איז דאָך בלויז אַ מעשה, אַ קיצור. ב. ג ר אָ ב אַ ר ד, װעלכער האָט אין די לעצטע פּופּצן יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רײ רעצענזיעס און נאָטיצן װעגן ייִדישע שרײַבער און ביכער, האָט זיך, אַפּנים, מתקנא גע־װען אין דוראַנטן און אויך זיך פֿאַרמאָסטן אָנצושרײַבן אַ „סטאָ־רי" — אַ מעשה װעגן אַ פֿערטל יאָרהונדערט ייִדישער ליטעראַ־טור אין אַמעריקע. נו, װײַזט זיך אַרויס, אַז אויך צו אַ מעשה דאַרף מען באַזיצן היסטאָרישן חוש, פֿאַרשטענדעניש פֿאַר פּאָסי־רונגען, סאָציאַלע, אָדער ליטעראַרישע, און אַ קריטישן פֿאַרשטאַנד. פֿאַרמאָגט מען נישט די דאָזיקע מעלות, קאָן אַפֿילו קיין מעשה נישט אַרויסקומען. איז בײַ גראָבאַרדן אַרויסגעקומען אַ בבאַ־מעשה — אַ קוריאָז פֿון 211 זײַטן.

שוין דער אַרײַנפֿיר איז אַ קוריאָז. דער מחבר פֿילט אַליין, אַז זײַן „שאַפֿונג" איז אַפֿילו קיין מעשה נישט, פֿאַרלויפֿט ער דעם װעג און פֿאַרזיכערט, אַז „דער נאָמען (אַ פֿערטל יאָרהונדערט) איז ניבער אַן עסײאיִשער, װי אַ היסטאָרישער". איר פֿאַרשטײט

עפּעס? גלייך ווי אין אַן עסיי מעג מען אַלצדינג אַריינזאָגן, ווי זי וואָלט געווען דער היפּוך פון היסטאָרישער ריכטיקייט... דערנאָך פאַרזיכערט ער, אין דעם זעלביקן אַריינפיר, אַז „דאָס בוך איז פאַר מיר אַ תפילה און חרטה. איך האָב אַמאָל אין אַ ריי אַרטיקלען אויסגעדריקט אַנדערע מיינונגען, סיי וועגן י. אָפּאַטאָשו, סיי וועגן לייוויק, (סיי) וועגן לעיעלעסן און (סיי) וועגן מ. ל. האַלפּערן. דאָס זענען געווען אין די יאָרן פון שיין־שרייבעריי און עסטעטיק. איך זע היינט אַנדערש, און דאָס פאַרצייכן איך".

מילא, דער ענין חרטה איז דעם מחברס פּריוואַטער עסק. דאָ וויל איך בלויז אָנווייזן אויף זיין טשיקאַווער דערקלערונג וועגן דער סיבה פון דער געענדערטער מיינונג. אַמאָל איז ער געווען עסטעטיש. איצט איז ער שוין, ברוך־השם, מער נישט עסטעטיש, און דערפאַר זעט ער אַנדערש די אויבנדערמאָנטע שריפטשטעלער. אַזוי קומט עס אויס, לויט גראָבאַרדן גופא. נאָר דאָס איז נישט די איינציקע קאָמישע באַהויפּטונג אין דעם בוך. 211 זייטן זענען אָנגעפּיקעוועט מיט אַזעלכע „אַנטיקן", קאָמיזמען און קוריאָזן. דערצו געדענקט נישט דער מחבר פון איין זייטל צום אַנדערן, פון נאָמען צו נאָמען. וואָס אויף איין בלעטל און ביי איין שרייבער איז אַ מעלה, איז אויף אַן אַנדער בלעטל און ביי אַן אַנדער שרייבער אַ חסרון.

אברהם רייזענען לאָזט ער אַרויס פון בוך, ווייל באַטש „ער ווינט צווישן אונז אַ פּערטל יאָרהונדערט... לעבט ער נאָך אַלץ מיט דער אַלטער היים". איז דאָס אַ חסרון. וואָס־זשע איז מיט אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער", „1863" און אַנדערע אַלט־היימישע און היסטאָרישע ווערק, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו אַמעריקע? דאָרט איז עס אַ מעלה. אויך ביי לייוויקן און לעיע־לעסן פאַרגעסט ער די קריטעריע, וואָס ער ווענדט־אָן אויף רייזע־נען. נאַטירלעך קאָן מען ביי רייזענען געפינען צענדליקער „אַמע־ריקאַנער" דערציילונגען, אָבער ס'וועט זיין אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט זיך צו דינגען מיט אונזער מעשה־שרייבער, וואָרן ער האָט זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין עטלעכע „טעאָריעס", וואָס

האָבן זיך בײַ אים אַזוי צעפּלאָנטערט, אַז ער אַלײן קאָן קײן טאָלק נישט דערגײן, װאָס, אײגנטלעך, ער װיל אַזױנס. צװישן די „טעאָריעס״ זײַנע, װאָס שטאַרצן װיפל־נישט־איז אַרױס פון זײַנע צעטומלטע רײד, געפינען זיך אַט־די דרײַ:

1. פּראָלעטאַרישקײט. — „אױב כ׳בין באַלעבאָס איבער זיך, — שרײַבט גראָבאַרד, — דאַרף איך מײַן לעבן אײַנשפּאַנען אין װאָגן פון די, װאָס װילן דאָס איבערמאַכן, איבערבױען און שאַפן אַ נײַע װעלט״ (ז. 185). „דער הײַנטיקער שרײַבער און דער שרײַבער פון דער צוקונפט, װעלן דאַרפן װײַזן (?) און װעקן. און כּדי צו זײַן װירקזאַם (?), װעלן זײ מוזן זײַן ערלעך, הערן די טריט פון קלאַסן־באַװוסטע אַרבעטער און אױך זײַן באַהאַװנט אין טראַדיציאָנעלער סימבאָליק און אידיאָם״ (ז. 199). פאַרגעסט דערבײַ דער מחבר, אַז ער שרײַבט נישט קײן מעשה, אָדער „עסײ״ װעגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, נאָר װעגן אַ פערטל יאָרהונדערט ייִדישער ליטעראַטור בכלל. װעל איך אים אױך דאָס מוחל זײַן. אָבער װאָס מײנט עס, אַז די שרײַבער װעלן ערשט „מוזן זײַן ערלעך״? און, אדרבא, זאָל מיר װער זאָגן דעם באַטײַט פון „טראַדיציאָנעלער סימבאָליק און אידיאָם״. װאָס פאַר אַ פּאָרל, אָדער פירמע איז דאָס?

2. קוליער לאָקאַל, לאָקאַלער קאָלאָריט, הײסט עס. — „די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אין די לעצטע פינף־און־צװאַנציק יאָר, — איז אונז גראָבאַרד מודיע, — איז געבױרן געװאָרן פון אַ פאַרלאַנג זיך צו באַפרײַען פונם קלײנעם שטעטל מיט אירע (?) טשיקאַװע טיפּן און פּרוּװן געבן דאָס לעבן פון דעם נײַעם ישוב״ (ז. 194). נו, אַז מיר װײסן שױן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור א. א. װ. אין משך פון 25 יאָר איז געבױרן געװאָרן (אַך, װאָס פאַר אַ לאַנגע געבורט! — א. אל.) פון פאַרלאַנג זיך צו באַפרײַען... און — פּרוּװן געבן א. א. װ. — קאָנען מיר זיך משער זײַן, אַז דער מחבר װיל דװקא לאָקאַלע „פאַרב״. אָבער בײַ אים, װי בײַ יעדן, װאָס הערט קלינגען און װײסט נישט, װוּ ס׳איז חגא, קומט שױן אױס (װי מיר האָבן עס געזען אין זײַן באַציִונג צו רײזענען), אַז אַ שרײַבער, װאָס לעבט אין אַמעריקע, קאָן נישט

ארײַנקומען אין אַ בוך וועגן ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אויב ער שרײַבט וועגן אַנדערע לענדער... פֿון זײַנע רייד מעג מען אויך דרינגען, אַז אַ שרײַבער, וואָס וווינט אין דער בראָנקס, דאַרף שרײַבן בלויז פֿון דער בראָנקס און אַן איישישאָקער — בלויז פֿון איישישאָק...

3. אַמאוק. — כ׳וועל גלײַך אויסזאָגן, אַז אַט־דאָס מטיקאַ־ווע וואָרט איז מײַן אייגענער אויפֿטו און אַנטהאַלט די ראשי־תבֿותן פֿון גראָבבאָרדס הריטער טעאָריע: אַנטי־מאַמעס־און־קינדער. לאַכט נישט. דער מחבר האַלט, אַז אַ שרײַבער, וואָס שרײַבט וועגן מאַמעס און קינדער, איז קיין שרײַבער נישט... אַט זענען גראָ־באָרדס אייגענע ווערטער: „עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטע־ריסטיש, אַז בײַ אַפּאַטאַשוּ פֿעלן אינגאַנצן קינדער־העלדן און אַפֿילו מאַמע־העלדן, וועלכע ווײַנען און באַשיצן. קינדער־העלדן ווערן געשאַפֿן אָדער אין אַ נישט־רײַפֿער ליטעראַטור, אָדער בײַ שרײַבער, וואָס קאָנען צוליב איין סיבה, אָדער אַן אַנדערער, זיך נישט רעהאַביליזירן אין לעבן״... „זיי זענען דאָ (די דאָזיקע שרײַ־בער), זיי שאַפֿן און דאָך זענען זיי אין אמתן נישטאָ. מאָטל־פּייסי דעם חזנס (שלום־עליכם), „האַקלבערי־פֿין״ און „טאָמאַס סאָיער״ פֿון מאַרק טווין, „יאָסעלע״ פֿון דינעזאָן, „הערשעלע״ פֿון מ.מ.ס. (מיר שטויסן זיך אָן, אַז מ. מ. ס. איז מענדעלע מוכר ספֿרים, כאָטש אויך „הערשעלע״ איז דינעזאָנס... — אַלמי) — זענען אַלע אַ רעזולטאַט פֿון נישט קאָנען אָננעמען דאָס לעבן בײַ די הערנער״. בקיצור, שלום־עליכם, מענדעלע, דינעזאָן, מאַרק טווין (און במילא אויך דיקענס, סטיווענסאָן א. אנד.) טויגן נישט, ווײַל זיי האָבן געמאָלן קינדער. אַזוי פֿאַרזיכערט גראָבבאָרד אויף זײַט 29 און ער איז מוסיף, אַז „דאָס זעלביקע איז אמת מיט אַלער־לײַ מאַמעס בײַ אַש״.

דאָס איז באמת אַ נײַע ליטעראַרישע טעאָריע: נידער מיט קינדער! נידער מיט מאַמעס! דאַלאָי! אפֿשר וועט גראָבבאָרד נאָך טאַקע גרינדן אַ נײַע ליטעראַרישע שולע „אַמאוק״. אָבער אַפּאַטאַ־שו וועט אים מסתמא נישט דאַנקבאַר זײַן פֿאַר דער „קינדערלאָזי־קייט״, וואָס ער שרײַבט־צו זײַן שאַפֿן. נאָר „אַמאוק״ איז נישט

דער איינציקער אָריגינעלער איינפאַל אין דעם בוך. אָט זענען נאָך איניקע מוראדיק־אָריגינעלע באַהויפּטונגען:

„דער ערשטער דור ייִדישע שרייבער אין אַמעריקע, — דער־ציילט גראָבאַרד, — האָט קיין ליטעראַטור נישט געשאַפן". וואָס־זשע דען האָט ער געשאַפן? „בלויז ביכער געשריבן, לידער אַרויס־געריסן פון זיך, דערציילונגען אויסגעהאַקט". דאָס אַלץ, מיינע ליבע פריינד, אָבער נישט קיין ליטעראַטור!... „ערעלשטאַט, באָוור־שאָווער, אָדער ראָזענפעלד (מאָריס) זענען געווען שרייבער פון בי־כער, פונקט ווי עדגאַר עלען פאָו, וויטיער, אָדער לאָועל זענען געווען לידער־שרייבער", דרשנט גראָבאַרד אויף זייט 6, — צו לי־טעראַטור האָט דאָס אַלץ, ווי ס'קומט אויס ביי גראָבאַרדן, קיין שייכות נישט... דערנאָך איז ער מספּים, אַז „באָווש אָוער און ראָ־זענפעלד זענען טאַלאַנטפולע שרייבער, אָבער נישט קיין ליטעראַ־טור־שאַפער". און וועגן יונה ראָזענפעלדן זאָגט ער, אַז ער „איז אַ שרייבער, וואָס באַרייכערט אַ ליטעראַטור מיט גענוג־געבונדענע ביכער (און ווי וואָלט געווען, ווען די ביכער זענען בלויז בראָ־שירט? — א. אַל.). אין תוך אָבער באַרייכערט ער נישט די ליטע־ראַטור".

איך גלויבט זיך אפשר נישט, אַז עמעצער זאָל מאַכן אַזוינע קאָמישע באַהויפּטונגען אין אַן ערנסטן טאָן, זענט איר נאָך ווייט נישט פאַרטיק. אָט, למשל, האָט איר מסתמא קיינמאָל פריִער נישט געהערט, אַז מ'זאָל צונויפּפּאָרן אַב. קאַהאַנען מיט — זישאַ לאַנדוין און ביידן אין איין אָטעם באַשולדיקן, אַז זיי האָבן געבראַכט אַלע אומגליקן אויף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. גראָבאַרד טוט עס (ז. 14).

אויף זייט 166 זאָגט גראָבאַרד, אַז „די עטלעכע שרייבער, וואָס אויף זיי האָב איך זיך לענגער אָפּגעשטעלט, זענען די בערג־שפּיצן פון אונזער ליטעראַטור אין אַמעריקע"; און אויף זייט 188 זענען זיי שוין גאָר בערג־קלעטערער. פרעגט זיך: ווי קאָנען בערג־שפּיצן קלעטערן אויף בערג? נאָר ביי גראָבאַרדן איז אַלץ מעגלעך. אַביסל ווייטער וואַרפט ער שוין די „עטלעכע שרייבער" אויפן ברייטן שאָסיי־וועג... און ער „גייט פאַרביי" לוי גאָלדבערג און

צילי דראַפּקין, ווייל זיי וווּינען נישט אויף אַט־דעם ברייטן שאָסיי, נאָר „מען דאַרף זיך אַריינדרייען אין אַן אַלייע״. נו, וועט גראַ־באַרד זיך מטריח זיין און זיך פּלוצים אַריינדרייען אין אַן אַלייע? נישט געטראָפן ס׳אַרט! אמת, אויף אַ ברייטן שאָסיי לויפן גאָר אויטאָמאָבילן און מ׳קאָן דאָרט איבערפאָרן דעם בעסטן שרייבער, אָבער אין אַ זייטיקער אַלייע איז נאָך געפערלעכער פאַר אַ רעצענ־זענט פון גראַבאַרד־מין...

י. י. סיגאַל, ח. קרול, א. אַלמי און אַנדערע, — פאַרזיכערט גראַבאַרד, — וואָלטן אין אַ געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַ־טור אין אַמעריקע בלי־ספק פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט (ז. 188), אָבער ער, דער מחבר, איז צו שטאַרק באַשעפטיקט מיט די בערג־שפּיצן, וואָס קלעטערן אויף בערג און וווּינען אויפן ברייטן שאָ־סיי־וועג. ה. רויזענבלאַט און ל. מילער „און אַנדערע״ האָבן פיינע לידער געשריבן, אָבער „זיי זענען פאַר פרעמדע, מידע וואַנדערער״ (ז. 189). טויג עס אים אויך נישט. מעינקע קאַץ, מ. בירנבוים, סול און אַנדערע דיכטער פון פראָלעטפען „ווילן נאָך אפשר דער־גרייכן״ (וואָס?), נאָר „זיי האַלטן דערווייל קליינע בײטשלעך אין די הענט״ — טאָר מען שוין קיין בייטשל אויך נישט האַלטן. לוצקי איז סטערעאָטיפּיש. דאָס אַלץ, וואָס ער זעט אין אים. ראַ־באָי און איגנאַטאָוו האָבן נישט אָנגעכאַפּט דאָס לעבן ביי די האָר (פריִער האָט דאָס לעבן גאָר געהאַט הערנער!). מאני לייב און ראָלניק האָבן „דאָס לעבן נישט אַקצעפּטירט״. זיי „האָבן בלויז די פאַרשלאָפענע, נישט אויסגעריבענע אויגן געעפנט״. איז דאָס אויך שלעכט. מנחם, ז. וויינפּער, גראָס „און אַנדערע״ (אַזוי כּסדר — „און אַנדערע״) „האָבן גוטע און שלעכטע לידער געשריבן״, אָבער זיי האָבן לכתחילה ווייניק וועקסלען דער ייִדישער ליטעראַטור אַרויסגעגעבן״. דאַרף מען שוין גאָר דער ליטעראַטור געבן וועקסלען (און וואָס איז מכּוח אַ טשעק?). אַנדערע, ווי ש. מילער, ל. טריי־סטער און ב. טייטעלבוים, גיט ער, אין זיין גרויס גענאָד, אַ פּעטשל אין פּלייצע: „זיי זאָגן צו״ (וואָס?).

ביי יהואש און א. ליעסינען פאָדערט שוין דער מחבר נישט קיין וועקסלען, נישט קיין הערנער און נישט קיין האָר, נאָר וואָס

דען? גיטס אים אַן אַדרעס. ער פאַרזיכערט, אַז ,,זיי האָבן קיין געשטאַלטן נישט געזען, קיין קאַמף־געשריי נישט פאַרנומען, זיך אין מיסטישע שלייערן געהילט'' און אַז זיי האָבן ,,קיין אַדרעס נישט געהאַט'' (און וואָס איז מכּוח אַ טעלעפאָן?). אויך זיין ,,אָפּשאַצונג'' פון די שרייבער, וואָס ער האַלט פאַר בערג־שפּיצן, וועלכע קלעטערן אויף בערג, איז פול מיט קוריאָזן, וואָס ס'איז אוממעגלעך זיי דאָ אַלע אויסצורעכענען. ווען דאָס ווערק וואָלט נישט געווען אַזוי קאָמיש, וואָלטן אָפּאַטאָשו, לייוויק און לעיעלעס געדאַרפט גראָבאַרדס ליוב־געזאַנגען באַטראַכטן פאַר דער גרעסטער באַליידיקונג. נאָכדעם, ווי דער פאַרפאַסער פאַרגייט אין התפּעלות פאַר לייוויקן, וואַרפט ער אים פּלוצים צו אַזאַ ,,קאָמפּלימענט'': ,,לייוויק האַלט אין איין זוכן און לייגן פּלאַסטערלעך אויף זיין אויסגעחלומטן משיח.'' (126). מ. ל. האַלפּערן איז ביי אים ,,אַן אמת־טראַגישער קרבן פון אומשטענדן'' (158).

דערפאַר וועלן זיך זיכער נישט פילן געקרענקט פון גראָבאַרדס ,,אָפּשאַצונגען'' יענע שרייבער, וואָס גייען נישט אַריין אין זיין ,,בערג־קאַטעגאָריע'', נאָר וועלן זיך, אַדרבא, אַמוזירן. צווישן די לעצטע געפינען זיך, אויסער די פריער־דערמאָנטע, אויך דוד פּינסקי, ל. קאָברין, ברוך גלאַזמאַן, ל. שאַפּיראָ, מ. י. חאַימאָוויטש און אַפילו א. מ. פוקס און י. י. זינגער, וואָס געהערן גאָרנישט צום פערטל יאָרהונדערט אַמעריקע. ,,גלאַזמאַן האָט געפּרוווט מיט אַן אַלט־געדיכט קול'' א. א. וו. (124). ל. שאַפּיראָ ,,וואָלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע... פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט'' (170), אָבער ער, גראָבאַרד, איז פאַראינטערעסירט בלויז ,,אין די הויפּט־כוואַליעס'' פון ,,אונזער לעבן און שאַפן'' (דאָרט). זעגן שוין די בערג־שפּיצן און ,,בערג־קלעטערער און שאַסייען'' גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין — כוואַליעס... אמתע ניסים! י. י. זינגער און פוקס זעגן ,,אַביסל ענלעך אויף באַזאַר־אַרטיקלען, וואָס יעדער איינער, וואָס וויל צאָלן דעם פּרייז, קאָן זיי קויפן'' (15). ,,חאַימאָוויטש האָט, למשל, פון די ריזיקע געשיכטלעכע פיגורן געמאַכט קאַרליקלעך'' (83).

דאָס אַלץ זאָגט זיך גראָבאַרד אָפּ מיַנשה העכסטער טריבונאַל,

אַזוי זיך, בלויז פאַרבייגייענדיק, אָן, ווי געזאָגט, דער מינדסטער פּראָבע אונטערצושטיצן זיינע זאָגעכצן מיט אַ שטיקל באַווייז. אַנ־דערע — אַ היפּש ביסל אַנדערע — דערמאָנט ער לחלוטין נישט. אומזיסט וועט איר אין זיין „ווערק" זוכן די נעמען פון פּראַדל שטאָק, ראובן אייזלאַנד, ל. פיינבערג, א. ניטענזאָן, ראובן לודוויק, מאַרק שווייד, ב. עפּעלבוים, אַלעף כּץ, פּ. בימקאָ, י. סלאָנים, א. מ. דילאָן, ב. לאַפּין, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, תּלוש, פּרץ הירשביין, מ. באַסין (וואָס אפילו בלויז אין זכות פון זיין „אַנטאָלאָגיע" מוז ער אַריינקומען אין אַ בוך וועגן יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע), די שיקאַגער יידישע דיכטער און נאָך און נאָך — קיינער פון זיי ווערט נישט געדאַכט.

אַזוי ווי אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט בלויז פון דערציי־לונגען און לידער, מוז אפילו אַן „עסיי" וועגן אַ פערטל יאָרהונ־דערט יידישער ליטעראַטור כאָטש דערמאָנען אויך קריטיקער, פּובליציסטישע קולטור־בויער, זוכט איר דאָרט קודם יואל ענטינען, וועלכער האָט סיי מיט זיינע קריטישע אַרטיקלען, סיי מיט זיין פער־זענלעכער השפּעה געהאָלפן שאַפן דעם יידישן קולטור־בנין אין אַמעריקע — אָבער נישטאָ אים! ניגער ווערט דערמאָנט, אויך ריווו־קין, אפילו נח שטיינבערג, זאָל זיין בלויז פאַרבייגייענדיק, נאָר וו. נאַטאַנסאָן — נישטאָ. אָלגין — נישטאָ. חיים ליבערמאַן — נישטאָ. ד"ר קאַראַלניק, ד"ר מוקדוני — נישטאָ. ס'איז בכלל אַ בוך פון — נישטאָ. אפילו די, וואָס ווערן דאָרט יאָ דערמאָנט, סיי אייגענע, סיי פרעמדע, ווי, אַ שטייגער, ניטשע, זענען — ניטשעוואָ. איר זעט נישט אַפּאַטאַשו, נישט לייוויקן, נישט לעיע־לעסן, נישט האַלפּערינען, כאָטש וועגן זיי גיסט דער מחבר אויס ניין מאָס רייד. ס'איז אַ טומאַן, אַ סומאַטאָכע, אַ טרעוואָגע פון ווערטער.

דער מענטש — אָט־דער גראָבאַרד — האָט, ווי זיין „עסיי" ווייזט, גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פאַרשטאַ־נען. אפילו די נעמען פון די שרייבער האָט ער נישט ווי געהעריק באַמערקט, אַ פּשיטאַ שוין זייערע ווערק. י. י. סיגאַל איז ביי אים כּסדר סיגל. אַב. קאַהאַן איז ביי אים כּסדר אייב קאָהן און ראַבאַי

איז — ראַבוי. דאָס זעט אין פּלוג אויס, ווי אַן אומוויכטיקער דעטאַל, אָבער ס׳זאָגט שוין גאָר אַ סך. אדרבא, פּרעגט אַ פּסיכאָלאָג. אַט פּונקט אַזוי זענען פּסיכאָלאָגיש וויכטיק — יעדנפאַלס ווי אַ מאָס פון אינטעליגענץ — אַזוינע אויסדריקן, ווי „וואָגיקע שוואַנגערשאַפט” (92); „אויטאָמאַטישע הערצגליפּן” (190) און נאָך אַ סך אַנדערע פון דעם מין, וואָס איינער, וועלכער ווייסט, וואָס ער רעדט, וועט זיי נישט באַנוצן.

די אונטערשטע שורה איז, אַז גראָבאַרדס „פּערטל יאָרהונדערט” איז אַ זאַמלונג פון טשיקאַווע קוריאָזן, קאָמישע זאָגעכצן און שלעכטע אַנעקדאָטן. ווען נישט די שרעקלעכע עם־הארצות, וואָס פּייפט אין דעם גאַנצן בוך, וואָלט עס געווען אַן אויסגעצייכנט ווערק פאַר הומאָריסטישע אָוונטן. דער עולם וואָלט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

אסקעט און עסטעט

(וועגן יוסף באָוושאָווער)

יוסף באָוושאָווער און דוד ערעלשטאַט גייען תמיד צוזאַמען, ווי א צווילינג. מ׳קאָן נישט רעדן וועגן איינעם, נישט דערמאָנענ־דיק דעם צווייטן. זיי זענען באמת געווען א צווילינג, א גייסטיקער צווילינג, נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען ביידע געווען פּראָ־לעטאַרישע דיכטער, אַנגעהעריקע צו דער זעלביקער סאָציאַל־פּאָ־ליטישער ריכטונג, אידייען־ברידער, וואָס האָבן דעם אידעאַל פון דער פּראָלעטאַרישער — און דורך אים דער אַלמענטשלעכער — באַפרייונג געדינט בלב ונפש, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך דערגאַנצט איינער דעם אנדערן.

ביידע האָבן זיי דער עיקר באַנוצט דעם פערז אין זייער קאַמף פאַר א שיינער, גערעכטער, פרייער וועלט; אָבער בעת ערעלשטאַט איז געווען א רעוואָלוציאָנער, וואָס שרייבט לידער, איז באָוושאָ־ווער געווען א דיכטער, וואָס דינט דער רעוואָלוציע; ערעלשטאַט איז געווען אן אסקעט, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עולם־הזה, זיך אָפּגעטרייסלט פון די שיינקייטן פון דער וועלט, פון דער נאַ־טור, פון יעדן געניס, דען ווי לאַנג מענטשן ליידן, כל־זמן קייטן קלינגען, און אומגערעכטיקייט און קנעכטשאַפט הערשן אויף דער וועלט — ווי קאָן ער לאַכן, ווי קאָן ער הנאה האָבן?

ערעלשטאַט האָט זיך דעריבער אויסגעטון פון לעבן, פאַר־שטאָפּט די אויערן צו אירע פריילעכע און פריידיקע קלאַנגען, פאַרמאַכט די אויגן צו אירע רייצנדיקע פאַרבן און אפילו פאַר־

שלאָסן דאָס הארץ פאַר ליבע, פאַר ערדישע תענוגים; צוליב דעם זעלביקן טעם קאָן ער זיך נישט פאַרגינען צו צאַצקען זיך מיט זיין פערז, וואָרן דאָס ליד איז פאַר אים נישט קיין ציל, נאָר א מיטל צום צוועק, אַן אינסטרומענט פאַר קאַמף, פאַר דער שווערער קלאַסן־ און מאַסן־מלחמה, ווי דאָס זענען די איצטיקע נעאָ־עדעל־שטאַטיאַנער, די פּראָלעטאַרישע דיכטער.

יוסף באָװשאָװער, א רעוואָלוציאָנערער זעלאָט, ווי עדעל־שטאַט, און ווי ער איז ער אָנגעטרונקען מיט די ליידן פון די אונטערגעדריקטע און געפּייניקטע, קאָן זיך אָבער נישט איינגאַנצן אָפּזאָגן פון עולם־הזה; ער מוז שוין פירן נישט נאָר א קאַמף קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט, נאָר אויך קעגן זיך אליין — קעגן יענעם פאַרבאָרגענעם עולם־הזהניק אין זיין פּערזענלעכקייט, וואָס וויל אויך א לאַך טון, וואָס וויל אויך א נאַש טון פון יע־נע תענוגים, וואָס זענען אָפּן פאַר די רייכע און מעכטיקע; ער קאָן נישט פועלן ביי זיך צו האַנדלען ווי עדעלשטאַט, וועלכער האָט, ווי יענער לעגענדארישער תנא, זיך אויסגעשטאָכן די אויגן, כדי נישט צו דאַרפן קוקן אויף דער רייצנדיקער לילית; עפּעס פּראָ־טעסטירט אין אים און זוכט א קאָמפּראָמיס מיט זיין רעוואָלוציאָ־נער־פּראָלעטאַריש געוויסן: אמת, דער אַרבעטער איז באַרויבט פון די פריידן, וואָס פון זיי געניסן די אונטערדריקער און רויבער, אָבער דאָס מיינט דאָך נישט, אַז די פריידן גופא זענען טריף. אדרבא, מיר שטרעבן דאָך, אַז די איצטיקע אונטערדריקטע און באַליי־דיקטע זאָלן יאָ קאָנען געניסן די שיינקייטן און רייכקייטן פון דער וועלט, דעם עולם־הזה פון לעבן.

וואָס ווייטער, אַלץ מער זעט באָװשאָװער איין, אַז אַנטפּלעקן פאַר די אַרבעטער די שטראָמיקע תענוגים פון לעבן הייסט בשום־אופן נישט קיין „אפּנויג", ווי מ'וואָלט עס געזאָגט אויף דעם היינטיקן לשון; אַז זינגען פון פרייד און שיינקייט, פון ליבע און גליק איז נישט קיין פאַרראַט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, נאָר, אדרבא, א נויטיקע פונקציע, איינע פון די וויכטיקסטע קאַמפּס־מיטלען: זאָל דער אַרבעטער זען, וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט, וואָס די וועלט האָט גרייט פאַר אים — און זאָל ער מיט אַלע כוחות,

מיט קעמפערישער לוסט זיך רייסן צום רייכן סעודה־טיש פון דעם לעבן.

באָושאָווער וואָלט אפשר נישט געזוכט אזא קאָמפּראָמיס און געקומען צו אזא אויספיר, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין טיף־פינסטלערישע פּערזענלעכקייט, אין וועלכער דער עסטעט איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דעם אסקעט, און אים כסדר געוואָלט גובר זיין. ס'איז קודם־כל געווען די אינדיווידועל־אינדיווידואַליסטישע נויטווענדיקייט אין אים זיך פריי אויסצודריקן, נישט צו דאַרפן זיין צוגעבונדן צו איין באַשטימטער ליניע. א נויטווענדיקייט צו זינגען און נישט בלויז צו זאָגן, נישט צו באַשרענקען זיך אויף איכה, נאָר אויך אַריינצוכאַפּן אביסל שיר־השירים — און אזוי פּאַמעלעך איז באָושאָווער איבערגעגאַנגען פון אסקעטיזם צו עסטעטיק, נישט אינגאַנצן, נישט זיכער, נאָר גרויסע הנחות האָט ער געמאַכט דעם עסטעטיציזם — א שריט, וואָס עדעלשטאַט האָט זיך נישט געוואָלט און נישט געקענט פאַרגינען.

יוסף באָושאָווער איז, דאַכט זיך, אין ערגעץ נישט אַרויסגעקומען מיט אן אידעאָלאָגישער, אָדער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון א באַרעכטיקונג פאַר פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער עסטעטיק; אָבער אז מ'לייענט אויפמערקזאַם זיינע לידער (און אויך זיין פּראָזע), דערזעט כראָנאָלאָגיש, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, דערציילט זיך דאָס אליין פון זיינע שורות אַרויס. מ'פילט ממש, ווי דער מענטש האָט פריי אָפּגעאָטעמט אזוי שנעל, ווי ער האָט זיך אליין מתיר געווען, אז — מ'מעג... אָבער אומגעהויער־שווער איז עס אים אָנגעקומען. ער ווערט צעריסן פון צוויי כוחות אין אים, פון א דואַליזם, וואָס, ווי אים דאַכט זיך, איז עס פאַרבאָטן פאַר א רעוואָלוציאָנערן דיכטער; אז מ'קאָן שאַפן א סינטעז פוןביידע כוחות, זיין געטריי סיי דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, סיי דער „שיינער נאַטור" אין איין און דער זעלביקער צייט — דאָס ליגט זיך אים דערוויל נישט אויפן שכל און ער קלאָגט זיך:

דורך די סטרונעס פון מיין פידל
לויפט א ווינטעלע פאַרביי

און עס שעפּטשעט און עס מורמלט:
„זינג אַ ליד צום שיינעם מאַיי.

דורך די נערוון פון מיין מוח
לויפט אַ פייערל פאַרביי
און עס פלאַקערט און עס עגבערט:
„פלוד און שעלט די טיראַניי״.

א לאַנגע צייט טרייבט ער דערייבער פון זיך די „זינדיקע מחשבות״ וועגן נאַטור, שיינקייט, פרייד, מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן אים אָפּרייסן פון קאַמף קעגן טיראַניי און פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט; דער רעוואָלוציאָנערער אַסקעט אין אים איז מוראדיק אייפערזיכטיק אויף דער „שיינער נאַטור״ און ער בעט זיך ממש מיט טרערן ביי איר, ביי דער לילית־נאַטור (אין ליד „מיין געבעט״), אַז זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אים:

אָ, לאָז מיך, נאַטור, מיין געליבטע, מיין זיסע,
באַדעק, אָ, דיין הימלישע ברוסט!
דיין אָטעם, דיין הויך, איז פאַר מיר יעצט אַ תפיסה!
איך טאָר נישט פאַרזינקען אין לוסט!

איך טאָר נישט — און מעג איך עס טויזנט מאָל וועלן.
דען דאָרטן... אָ, שרעקלעך! באַטראַכט,
ווי סיטרינקען זיך טויזנטער מענטשלעכע זעלן
אין פינסטערן אָפּגרונט דער נאַכט.

אָבער שוין דאָן, ווען די נאַטור איז נאָך פאַר אים פאַרבאָטן, קאָן ער פונדעסטוועגן נישט באַטראַכטן זיין ליד ווי בלויז אַ מיטל פאַר אַ צוועק. ער איז צופיל דיכטער און זיין קינסטלעריש געוויסן מאָנט ביי אים גערעכטיקייט צו זיין דיכטונג, ווי זיין רעוואָלוציאָנער געוויסן פאָדערט און מאָנט גערעכטיקייט פאַר די גערדריקטע און באַליידיקטע... בעת אין אים גייט־אָן דער געראַנגל צווישן

דעם קינסטלער־עסטעט און רעוואָלוציאָנער־אַסקעט, צאַצקעט ער זיך מיט זיין ליד, פּוצט עס מיט ליבע און שלייפט עס:

ווי דער דימאַנטן־שלייפער זיץ איך
און איך פּוץ די לידער מיינע;
מוט און זין און קראַפט באַזיץ איך,
זיי צו שאַפן, די לידער מיינע.

אזוי דערציילט באָוושאָווער אין זיין ליד „דיכטונג־לוסט". און ביסלעכווייז דערפירט אים די זעלביקע דיכטונג־לוסט, וואָס פאָדערט פון אים גערעכטיקייט צום ליד, אויך צו אַנדערע לוסטן, צום קינסטלעריש־פּאָעטישן אויפנעמען די גאַנצע וועלט, די וועלט, וואָס איז די אַרענע פון אייביקן קאַמף צווישן קעגנזעצלעכע כּוחות. ער הויבט אָן מיט פּאַראַלעלן צווישן גוטס און שלעכטס, ליכט און פינסטערניש, אומרעכט און גערעכטיקייט און ער ווייזט דעם פאָלק ביידע זייטן פון דער מטבע, כּדי אין אים צו וועקן דעם ווילן צו קעמפן פאַר דאָס שיינע און ליכטיקע, אויפצורייצן זיין אַפּעטיט און זיין לוסט טועם צו זיין פון רייך־געדעקטן סעודה־טיש, וואָס אַ קליין הייפעלע גבירים־אדירים האָט פאַרכאַפּט. „הויב אויף דיינע אויגן, — זאָגט ער אין זיין ליד „אַ געזאַנג צום פאָלק", — אַ, פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרעם... און זע די געזאַמלטע אוצרות און זע פון זיין אַרבעט די פירות" און —

ווייט אויף די בליענדע, לוסטיקע פעלדער
הויב־אויף דיינע אויגן
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען
פון שווערקייט געבויגן;
און זע אין די פרעכטיקע גערטנער דיביימער
מיט פרוכטן באַהאָנגען,
און פייגל ערפילן די צווייגן, ערפילן
די לופט מיט געזאַנגען.

דערנאָך שילדערט באָושאָווער „ווי די גאַנצע נאַטור איז באַרייט צו פאַרזיסן דיין לעבן״ און ער רופט דאָס אַרבעטער־פאָלק צו קעמפן פאַר די אַלע גוטע זאַכן: „און מוטיק, אין ריזיקע מחנות, שטרעק־אויס דיינע הענט, די פאַרדאַרטע, — גענוג שוין צו זיין די באַרויבטע! געגוג שוין צו זיין די גענאַרטע!״ ערשט דאַן, אַז ער האָט שוין געוויזן דעם אַרבעטער ביידע זייטן פון דער מטבע, די פינסטערע און די ליכטיקע, קאָן ער זיך שוין פאַרגינען אַמאָל אַ זינג טון בלויז וועגן די שיינקייטן פון דער וועלט, וועגן ליבע און נאַטור און מיט פריידיקער התלהבות אויסצורופן:

איך האָב זי געזוכט און געפונען,
דאָס שיינע, דאָס לאַכנדע מיידל;
אַזוי ווי אַ נימפע, וואָס וווינט אין אַ ברונען,
מילד און פאַנטאַסטיש און איידל.

ער האָט זי אַלעמאָל געזוכט, זיך אַלעמאָל געריסן צו איר, אָבער שווער איז דער וועג צו איר געווען — איבער פינסטערע פאַבריקן, קאַזעמאַטן און קאַמף־באַריקאַדן; ערעלשטאַט האָט מורא געהאַט פאַר איר און באַזיגט אין זיך דעם יצר־הרע; אויך באָושאָווער האָט זיך, ווי מיר האָבן געזען, זיך געשראָקן פאַר איר, ביז ער האָט ביי זיך געפועלט, אַז עס איז קיין עבירה נישט; דערפילט די זיכערקייט, אַז זיין ליבע צו איר וועט נישט אויסלעשן זיין ליבע צום אַרבעטער־פאָלק און, ליבנדיק זי, וועט ער צו דער זעלביקער צייט אויך קאָנען „פלוכן די טיראַניי״. דער עסטעט האָט געזיגט איבערן אסקעט, געזיגט, אָבער אים נישט באַזיגט. זיי האָבן בלויז שלום געמאַכט, און באָושאָווער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט: ער איז בליידן געטריי געבליבן, דעם אַרבעטער־פאָלק און דער „שיינער נאַטור״; און אָט־דער שלום איז געווען אַ געווינס נישט נאָר פאַר באָושאָווער דעם דיכטער, נאָר אויך פאַר די דערשלאָגענע אַרבעטער, וואָס ער האָט פאַר זיי געעפנט די טויערן פון שיינקייט, געוויזן זיי אין העלע פאַרבן, וואָס זיי האָבן צו געווינען, ווען זיי וועלן פאַרלירן די קייטן...

פון כאַאָס צו געשטאַלטונג

(וועגן לעאָן קאָבּרין, צום יובּילײ פון זיין 40־יאָריקן שאַפן)

לעאָן קאָבּרין איז געווען פון די ערשטע — און אפשר טאָקע דער ערשטער — צו רעוואָלטירן קעגן דער העגעמאָניע פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער יִידישער ליטעראַטור, קעגן וואַרשע און ווילנע; אין אַן אַריינפיר צו איינעם פון זיינע ווערק האָט ער אָנגעוויזן אויף דער גרינגשעצונג, וואָס מ׳האָט אין אַמעריקע גופא צום אַמעריקאַניש־יִידישן שרייבּער און אויף דער גוזמאדיקער התפעלות פאַר יעדער ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס קומט פון „יענער זייט ים״. דאָס מיינט נישט, אַז קאָבּרינען איז פרעמד געווען דער געדאַנק פון אַן איינהייטלעכער יִדישער ליטעראַטור; דער געדאַנק, אַז ס׳איז דאָ און ס׳מוז זיין א י י ן יִדישע ליטעראַטור, נישט געקוקט אויף איר געאָגראַפישער צעריסנקייט און פונאַנדערגעוואָרפנקייט; אָדער אַז דווקא צוליבּ דער דאָזיקער אומנאַטירלעכער צעשפּרייטקייט איבּער שבע ימים, וואָס מאַכט אונזער ליטעראַטור פאַר אַן אויסנאַם צווישן אַלע אַנדערע ליטעראַטורן, אַט ווי דאָס יִדישע פאָלק איז מיט זיין עקסטעריטאָריאַלער לאַגע אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע אומות, איז עס פון דער גרעסטער לעבּנס־וויכטיקייט פאַר דער יִדישער שאַפונג אויסצוהאַלטן כאָטש אין פּרינציפּ און אין גייסט איר אחדות, איר גאַנצקייט.

קאָבּרין, גלויבּ איך, האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווי עס האָבּן דאָס, איינגנטלעך, פאַרשטאַנען, די אַלע, וואָס האָבּן אַמאָל און אויך אין די גאָר לעצטע יאָרן געדעדט וועגן העגעמאָניע; ער האָט

בלויז געוואָלט, אַז צוליב איין ייִדיש־ליטעראַרישן ישוב זאָל מען נישט פאַרזען און פאַרנאַכלעסיקן אַן אַנדער ייִדיש־ליטעראַרישן ישוב. קעגן אָט־דעם האָט ער רעוואָלטירט. אין דעם נייעם לאַנד, אויף דער פרישער ערד, האָבן זיך דורכגעבראָכן שעפערישע כּוחות; זיי האָבן זיך געריסן צום לעבן דורך די שווערסטע, ממש אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען, אָבער נישט נאָר זענען זיי פון קיינעם נישט און פון ערגעץ נישט דערמוטיקט געוואָרן, נאָר מען האָט זיי פשוט אויסגעלאַכט: אויך מיר שרייבער, אויך מיר אַ ליטעראַ־טור! דערביי האָט מען געטייטלט מיט די פינגער אויף מזרח־אייראָ־פּע: אָט דאָרט האָבן מיר קינסטלער! דאָרט האָבן מיר אַ ליטעראַ־טור!

ייִדישע ליטעראַטור האָט געמיינט בלויז דאָס, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע. אַזוי האָט מען געהאַלטן אין אַמעריקע גופא און אַזוי האָט מען געהאַלטן אין מזרח־אייראָפּע, וווּ מען האָט סנאָבירט דאָס ייִדישע וואָרט פון דער „גאָלדענער מדינה״. מאָרים ראָזענפעלד האָט זיך דורכגעריסן אַ וועג צום ייִדישן הארץ אין אייראָפּע אַ דאַנק די קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן פאַרפאַסט מוזיק צו זיינע לידער, אָבער אין דער ליטעראַרישער וועלט פון וואַרשע און ווילנע האָט מען אים מבטל געווען. פּרץ האָט אין זיינע רעפעראַטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור דער־מאָנט בלויז איין יהואשן, וואָס מיט אים האָט ער זיך פערזענלעך געקענט פון וואַרשע און ווען אַ צוהערער האָט אים געפרעגט וועגן מאָרים ראָזענפעלדן, האָט פּרץ געענטפערט קורץ און שאַרף: „אויף אים בין איך קיין מבין נישט — איך בין נישט קיין מוזיקער!״

זרובבל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געצוויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם ייִדישן לייענער אין אייראָפּע אויף יהואשן (אין אַן אַרטיקל אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג״), אָבער ער איז אַלץ פאַרבליבן אַן אַ זייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַפילו שפּעטער, בעת אין אַמעריקע זענען שוין אויפגעקומען די „יונגע״, האָט מען אַלץ נישט אַריינגערעכנט די „גאָלדענע מדינה״ אין דעם סך־הכּל פון דעם ייִדיש־ליטעראַרישן שאַפן. „דער פריינד״, וואָס איז אַרויס פריִער אין פּעטערבורג און דערנאָך אין

ווארשע, האָט צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט לעאָן קאָברינען פאר די יידישע לייענער פון מזרח־אייראָפּע און אין זיינע וועכנט־לעכע ביילאַגעס אויך אַרויסגעפירט אַנדערע יידישע שרייבער פון קאָלומבוסעס מדינה, אָבער אין ליטעראַרישע קרייזן פון ווארשע און ווילנע האָט מען אויף זיי אַלע געקוקט ווי אויף קוריאָזן, איי־דער אויף וויכטיקע און אינטעגראַלע טיילן פון דער יידישער לי־טעראַטור.

די גרינגשעצונג אין ווארשע און ווילנע לגבי די יידישע וואָרט־קינסטלער פון אַמעריקע האָט זיך קודם גענומען פון דעם אַלגעמיינעם פאָראורטייל בנוגע צו דעם „גאָלדענעם לאַנד", וווּהין עס ציט זיך אַן ערב־רב פון אַלע לענדער; וווּהין מ'פאָרט „מאַכן אַ דאָלער", אָבער קולטור, גייסטיקע ווערטן — דאָס איז אין איי־ראָפּע! דאָן האָט אין דער גרינגשעצונג צוגעשפּילט דער ביטול פון דעם למדן צום באַלמעלאָכע, צו דעם „עם־הארץ". די יידישע שריי־בער אין אייראָפּע זענען אַרויסגעקומען פון בית־המדרש, פון דער ישיבה — און ווער זענען די יידישע שרייבער פון אַמעריקע? שניידערס, שוסטערס, העמדלמאַכערס... אמת, אויך אַ וויסענבערג, אַ יונה ראָזענפעלד און אַנדערע זענען געווען באַלמעלאָכעס, אָבער פאָרט געלעבט און אויפגעוואַקסן אין אַ בית־המדרשדיקער סביבה... אויך זיי איז עס נישט לייכט אָנגעקומען, און ווען איטשע מאיר וויסענבערג איז, אויף דינעזאָנס עצה, אַוועק צו פּרצן און אים פאָרגעלייענט זיינע אַ דערציילונג (דאַכט זיך, אַז „דור הולך ודור בא"), האָט פּרץ אים ביי די ערשטע שורות אָפּגעהאַקט און אים אַ פרעג געטון: „וואָס איז אייער פאַך?" ווען וויסענבערג האָט אים געענטפערט: „באַרשטעריי", האָט פּרץ אים לאַקאָניש צוגע־וואָרפן: „מאַכט־זשע באַרשטן".

אָבער וויסענבערג און יונה ראָזענפעלד זענען כאָטש נישט געווען אין אַמעריקע — שוין דאָס זיין אין אַמעריקע איז געווען אַ גרויסער חטא, יעדנפאַלס אַ שלעכטער אַטעסטאַט פאַר אַ שריי־בער. אמת, מ'קאָן געפינען אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר דער גרינגשעצונג פון די אייראָפּעיש־יידישע שרייבער צו זייערע קאָלעגן אין אַמעריקע. זיי האָבן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער געמשפּט

לויט דער דעמאָלטיקער יידישער פּרעסע אין דער „גאָלדענער מדינה" — אַ פּרעסע, וווּ עס האָט געהערשט די גרעסטע הפקרות, דער שווינדעל־עכסטער וואַנדאַליזם אין לשון און די געלסטע סענ־סאַציע אין די נייעס. נאָר דאָס ענדערט נישט דעם עצם־פאַקט. און דער פאַקט איז, אַז קאָבּרין און די אַנדערע אַמעריקאַניש־יידישע שריפטשטעלער פון זיין עפּאָכע זענען נישט נאָר געווען די פּיאָ־נערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער נייער וועלט, נאָר נאָך אַ סך מער: אירע מאַרטירער.

אדרבא, באַטראַכט די סיטואַציע: אַ וועלט אין כאַאָס, אַן אַנגעלאָפענער יידישער עולם, אויסגעוואָרצלט פון די אַלטע היימען און נישט פאַרוואָרצלט אין דער נייער ערד; אָן טראַדיציע, אָן אמתע וועגווייזער, דערפאַר רייך אין אַ סך פאַלשע נביאים, אַסי־מילאַטאָרן, רוסיפיקאַטאָרן, מיט אַ דור־הפלגה־לשון, וואָס איז אַ געמיש פון טייטשמעריש, רוסיש און קוידעריש; אָרום — אָרעמ־קייט, פאַרוואָרלאָזטקייט, אומוויסנקייט, אָן וועלכער ס'איז באַ־שטענדיקייט; און אין אָט אַזאַ סביבה, אונטער אַזעלכע באַדינגונ־גען באַווייזן זיך יידישע שרייבער, וואָס האָבן אפילו נישט צו וועמען זיך צו טוליען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין וואַרשע, למשל: נישטאָ קיין ליטעראַרישע לופט, קיין ליטעראַרישער קרייז — און זיי הויבן אָן שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, שרייבן דערציילונ־גען, לידער, ראָמאַנען. וואָס איז זייער לוין? זיי ווערן אויסגע־לאַכט. דער אומגלויביקער עולם אין אַמעריקע גלויבט זיך נישט, אַז פון זיין טראַכט, פון דעם „סוועט־שאָפּ", פון די ציגאַרן־פאַבּריקלעך און פון די שניידערישע שעפּער זאָלן אַרויסקומען גייסטיקע פירער; די אינטעליגענץ, אויף וויפל זי איז יידיש, קוויקט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור פון וואַרשע און ווילנע און קוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די „אַמעריקאַנער" און דאָרט, אין איראָפּע, מאַכט מען זיי אויך אָוועק מיט דער האַנט.

שווער איז געווען דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, אָבער אומגעהייער שווער איז געווען דער וועג פון דער יידי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע — דאָס איז געווען אַן אמתער דערנער־וועג. און אויף אָט־דעם וועג איז געגאַנגען לעאָן קאָבּרין,

זענען געגאַנגען די אַנדערע קאָלעגן זײַנע. די באַציִונגען האָבן זינט דער וועלט־מלחמה זיך געביטן, אַמעריקעס פּרעסטיזש האָט זיך אומגעהויער געהויבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַפילו אַרי־בערגעשטיגן דעם פּרעסטיזש פון מזרח־אייראָפּע — אַלנפאַלס וואָס כ'איז שייך די דערגרייכונגען אין די לעצטע צוואַנציק יאָר; אָבער קאָברינען, ווי אַ סך אַנדערע אַמעריקאַניש־ייִדישע וואָרט־קינסט־לער, איז נאָך אַלץ נישט געטון געוואָרן קיין פולע גערעכטיקייט. קאָברין איז נאָך אַלץ נישט געהעריק אָפּגעשאַצט אַלס דערציילער און דראַמאַטורג. זײַן „יאַנקל בוילע", זײַן „דערוואַכונג" און זײַן „אָרע די באָרד", מיט זייער אומגעהייערער רויער קראַפט, מיט זייער פאַרטיפן זיך אין נשמות, מיט זייער סענסואַליזם וואָלטן קאָברינען אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון דער רייכסטער ליטעראַטור. איך ליב נישט צו מאַכן פאַרגלײַכענישן, אָבער במעט קענען מײַן ווילן האָט זיך בײַ מיר אין געדאַנק אָפט געצויגן אַ פּאַ־ראַלעל צווישן האַמסונס „די ברכה פון דער ערד" און קאָברינס „אָרע די באָרד" — און קאָברינס ווערק האָט זיך בײַ מיר שטענ־דיק דערהויבן צו אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה. דער „לעק־סיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור" האָט פאַרצייכנט אויף דורות, אַז קאָברין געפינט זיך „אונטער אַ געוויסן איינפלוס פון טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן", איז עס געווים קיין חסרון נישט צו זײַן אונטער אַן איינפלוס, וואָרן אויך טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן זענען געווען אונטער דער השפעה פון פריִערדיקע קינסטלער; דער עיקר איז, וואָס דער באַטרעפנדיקער וואָרט־קינסטלער איז מוסיף — און אין וואָס פאַרמאָגט ער — דעם איינפלוס. און אויב אין זײַנע ערשטע שאַפונגס־טעג האָט זיך קאָברין געפונען אונטער אַ געוויסער השפעה פון טשעכאָוון און מאָפּאַסאַנען, איז ער אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער געוואָרן קאָברין — ער אַליין, אַן אייגנאַרטיקער ייִדישער שעפער.

איך האָב פריִער דערמאָנט „אָרע די באָרד". פאַרוואָס האָב איך זי פאַרגליכן מיט האַמסונס „די ברכה פון דער ערד"? נישט דערפאַר, וואָס ביידע באַהאַנדלען אַן ענלעכע טעמע (קאָברין — דעם וווּקס פון אַ שטעטל און האַמסון — דעם וווּקס פון אַ דאָרף),

ווי אויך גישט נאָר דערפאַר, וואָס קאָברין האָט אַרויסגעוויזן מער קראַפט אין זיין שילדערונג, ווי זיין נאָרוועגישער קאָלעגע; נאָר אויך — און טאַקע דער עיקר — דערפאַר, וואָס אויב מ׳רעדט וועגן השפעה, האָט קאָברין דאָ נישט געקאָנט באַאיינפלוסט זיין פון האַמסונען, ווייל קאָברין האָט זיין עפּאָפּיי פון בראָנזוויל אָנגעשריבן מיט אַ סך יאָרן פריִער — און מיט זיין „ברכה פון דער ערד" האָט האַמסון אָנגעהויבן אַ גאַנץ נײַ קאַפּיטל אין זיין שאַפן, דען נישט נאָר טעמאַטיש, נאָר אויך סטיליסטיש איז דאָס דאָזיקע ווערק אַבסאָלוט אַנדערש פון „הונגער", „מיסטעריען" און „פּאַן". און דעריבער קאָן דאָ, ווי געזאָגט, קיין רייד נישט זיין וועגן האַמסונישער השפעה. קאָברין איז אַ זעלבסטשטענדיקער און אייגנאַרטיקער יִדישער קינסטלער, וואָס אין פאַרלויף פון פערציק יאָר האָט זיך זיין מערקווירדיקע קראַפט נישט אויסגעוועפּט. און ווען מיר רעדן וועגן די זיילן פון דער יִדישער ליטעראַטור, מוזן מיר אומבאַדינגט אַריינשטעלן זיין נאָמען, כאָטש ער האָט נישט געהאַט די זכיה אָנצוהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע און דורכמאַכן זיין אַנטוויקלונג אין מזרח־אייראָפּע...

אינטואיציע און אָריענטאַציע...

(וועגן ברוך גלאַזמאַן)

מיר האָבן אַן אַנאַטאָמישע מאַפּע פון דעם מענטש. מיר ווייסן אויך פון וואָסערע כעמישע עלעמענטן ער איז צונויפגעשטעלט. מיר ווייסן אפילו, וויפל אָט־די כעמישע שטאָפן זענען ווערט — אין וואַליוטע — אויב מיר זאָלן וועלן עפּעס איינקאַסירן פאַר זיי אויפן מאַרק... די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט באַמיט זיך צונויפצושטעלן אַ פּסיכיש בילד פונם מענטש און פאַר דעם צוועק פירט זי דורך פּסדרדיקע עקספּעדיציעס אין די געהיימע לאַבירינטן און קעמערלעך פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. דאָס איז שוין אַן אומגעהויער־שווערערע הלכה ווי אַנאַטאָמיע, כעמיע און אפילו ביאָלאָגיע. דאָך וועט עס נישט זיין צו־גרויסע אפּיקורסות צו זאָגן, אַז אַפילו דער פּסיכאָלאָג באַוועגט זיך אין די באַגרענעצטע ד׳ אמות פון געביין — בלוט, פלייש און נערוון — און דאָס, וואָס ער רופט „פּסיכיק״, איז אין אמתן אַ שוואַכע אויסשטראַלונג פון אַ גרויסער מיסטעריע, אויב נישט דער פּועל־יוצא פון ריין־מעכאַנישע פונקציעס.

דער גרויסער חסרון פון דער פּסיכאָלאָגיע — פון אַלע אירע שולעס — באַשטייט דערין, וואָס זי באַהאַנדלט דעם מענטש באַזונדער־אָפּגעזונדערט פון דעם ענדלאָזן „אַרום״, פון דעם אוניווערסאַלן געשען און דאָס איז ווי אַרויסנעמען דאָס קלענסטע שרייפעלע פון אַ ריזיקער מאַשין און שטודירן עס, ווי אַ יש פאַר זיך — און אין פאַל פון דעם מענטש איז עס נאָך געוואַלטיק

שווערער, וואָרן אין דעם פאַל האָבן מיר צו טון מיט אבסטראַקטע כּוחות, מיט אַן „עפּעס", וואָס מ'קאָן נישט וועגן און מעסטן און עקספּערימענטירן איבער אים — אין אַנדערע ווערטער: מיטן זעקסטן חוש. דער מענטש איז טאַקע אַנאַטאָמיש, כעמיש און „פּסיכאָלאָגיש" אַזוי־און־אַזוי. אָבער ער איז עפּעס מער.

עס זענען דאָ מער סודות צווישן הימל און ערד, ווי אונזער פאַנטאַזיע קאָן זיך אויסמאָלן, האָט שעקספּיר פאַרזיכערט — און אַט־די מיסטעריעס קאָן מען נישט דערזען מיט דעם שאַרפסטן טעלעסקאָפּ און מ'קאָן איבער זיי נישט דורכפירן קיין עקספּערימענטן אין די לאַבאָראַטאָריעס — דאָך זענען זיי דאָ. וואָס איז עס? קאַנט האָט עס אָנגערופן „דאָס דינג אַן זיך". דאָס זאָגט אונז אַזוי ווייניק — און אַזוי פיל — ווי שעקספּירס פראַזע. דער ענין ווערט נישט קלאָרער, ווען מיר זאָגן אַרוים מיט שטאָלץ: „די פערטע דימענזיע". איינשטיין האָט זיך אָנגעשטויסן אָן איר, אָן דער דאָזיקער פערטער דימענזיע, ער איז זיכער, אַז זי איז דאָ, דאָך געננוי, וואָס דאָס איז אַזוינס — דאָס ווייסט ער אַזוי ווייניק, ווי דער קלענסטער צווישן אונז.

„פערטע דימענזיע" און „זעקסטער חוש" זענען פונדעסט־וועגן נישט סתּם שיינע ווערטער. זיי זענען באַשרייבונגען פון כּוחות, וואָס זענען באַשטימט דאָ, כאָטש מיר קאָנען זיי נישט אָנ־טאַפּן. קאַנט האָט געמוזט אַריינגעמען אין זיין וועלט־בילד „דאָס דינג אַן זיך", פילנדיק, אַז אָן אַט־דעם „דינג" פאַלט דאָס גאַנ־צע בילד פונאַנדער ווי אַ קאָרטן־שטיבל. אַלע „נאַטור־עלעמענטן", וואָס די וויסנשאַפט האָט זיי איצט אין איר קאַטאַלאָג, זענען פריער געשפּירט געוואָרן, איידער מ'האָט זיי פאַקטיש אַנטדעקט. מ'האָט זיי „געשפּירט", אָדער „געאַנט", ווי דער דייטש זאָגט, ווייל זיי האָבן געפעלט, ווייל אָן זיי איז דאָס בילד פון דער וועלט נישט גאַנץ געוועזן.

גייען מיר איבער צו דער קונסט — דער עיקר צו דער וואָרט־קונסט — צו דער ליטעראַטור, הייסט עס, וואָס באַשרייבט פאַר אונז אין ווערטער מענטש און וועלט, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַלערליי שולעס און ריכטונגען, ווי אין די פאַרשיידענע וויסנ־

שאַפֿטן: נאַטוראַליזם, רעאַליזם, סימבאָליזם, אימאַזשיניזם, אינ־טראָספּעקטיוויזם און נאָך און נאָך איזמען. זיי ווילן אונז, יעדער אויף זיין אופן, מיט זיינע מעטאָדן, געבן אַ בילד פון וועלט און מענטש. אָבער ווי אין די וויסנשאַפֿטן זענען די ספּעציאַליזירונגען אויף איין געביט נישט אַלעמאָל אַ מעלה, וואָרן דער קינסטלער ווערט אָפט פאַררוקט אין אַ טעמפּן ווינקל. ער זעט איין זייט פון דעם בילד — אַמאָל אַפילו קיין זייט נישט, נאָר אַ פּינטעלע, אַ טראָפּ. ער דערזעט נישט — אָדער לאָמיר בעסער זאָגן: דער־שפּירט נישט — דעם „עפּעס", וואָס האַלט־צונויף דאָס גאַנצע בילד, וואָס דאָמינירט די אַלע אַקציעס און רעאַקציעס אין מענטש און אין וועלט.

זייער ווייניק וואָרט־קינסטלער האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם מיסטעריעזן „עפּעס", אָן דעם „זעקסטן חוש", וואָס איז שולט אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אָן דער „פּערטער די־מענזיע" אין דער וועלט, וואָס הילט אונז אַרום. ב ר ו ך ג ל אַ ז מ אַ ן געהער צו די ווייניקע שריפטשטעלער, וואָס האָבן אין זייער בלאָנדזשעניש אין דעם „פינסטערן קאַמער", ווו „בלינדע ווערן פון בלינדע געפירט", אָנגעטאַפּט יענעם מיסטער־יעזן „עפּעס" און דאָס פילט זיך אין דעם רוב פון זיינע דערציי־לונגען, איבערהויפּט אין יענע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע צען־פופצן יאָר פון זיין שאַפֿן. אין פלוג אַ רעאַליסט, וואָס גיט אונז לעבנס־שילדערונגען סיי פון „פּראָסטע מענטשן", סיי פון אינטעליגענטן, אַריינגעפלאָכטן אין אַ באַשטימטער — און קלאָרער — פאַבולע, איז ער אָבער בתוך „מער" ווי אַ רעאַ־ליסט. עס וועט זיין אומריכטיק צו זאָגן, אַז ער איז אַ מיסטיקער. זיין שרייבן איז וויים פון מיסטיציזם. פאַראַן ביי אים דאָס פאַ־טאַליסטישע, דאָס גורלדיקע, דאָס ראַנגלעניש פון מענטש קעגן אומשטענדן, קעגן גורל און קעגן זיך אַליין. אָבער דאָס קאָן מען אויך געפינען ביי אַ סך אַנדערע שריפטשטעלער. ביי גלאַזמאַנען איז עס נישט אַזאַ מין פילאָזאָפישער, אָדער פּסיכאָלאָגישער צו־גאַנג, אויך נישט קיין מעטאָד, כאָטש די דריי עלעמענטן זענען דאָ אין זיינע דערציילונגען, נאָר — גיכער פון אַלץ דער פועל־יוצא

פון דעם „עפּעס", אַז וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָגן און וואָס איז פאַר אים אַליין נישט קלאָר.

טאַקע דערפאַר, וואָס גלאַזמאַן האָט זיך אָנגעשלאָגן אַז דעם דאָזיקן מיסטעריעזן „עפּעס" — רופט עס „פּערטע דימענזיע" אָדער „זעקסטער חוש" — טאַקע דערפאַר קאָן אים די קריטיק נישט אָנטאַפּן... דער קריטיקער, וואָס פילט נישט אַליין דעם „עפּעס", אָדער האָט זיך אַפילו נישט אָנגעשלאָגן אַז דעם „עפּעס" ביי גלאַזמאַנען, מוז זיין אין פסדרדיקער פאַרלעגנהייט, בעת ער שרייבט וועגן גלאַזמאַנס — שרייבן. דער אַנאַטאָמישער, כעמי־שער און פּסיכאָלאָגישער סך־הכל פון גלאַזמאַנס וועלט קומט אים פאַר נישט זייער רייך, נישט זייער אינטערעסאַנט און אָפט אַפילו נישט געננוג פאַראינטריגירנדיק — הויבט ער דעריבער אָן צו זוכן חסרונות אין זיין רעאַליזם און אין זיין פּסיכאָלאָגיע און אין דער גאַנצער באַאַרבעטונג פון דער פאַבולע. אַזוי האָט זיך דאָך אויך די וויסנשאַפט ביז נישט לאַנג צוריק באַצויגן צו די אַלע נערעדערייען וועגן „פערטער דימענזיע", „זעקסטער חוש" און נאָך אַזעלכע מעשיות, ביז איין וויסנשאַפטסמאַן נאָכן אַנדערן — אַסטראָ־פיזיקער און אַפילו ביאָלאָגן — האָבן אַליין אָנגעהויבן אָנצוטאַפּן אָט יענע „עפּעסן", וואָס זענען דאָ אין זייער „נישט־דאָיִקייט"; ביז אַפילו אַזאַ ביאָלאָג — און כירורג (געדענקט: כי־רורג!), ווי ד"ר אַלעקסיס קאַרעל האָט מודה געווען, אַז זיינע אייגענע באָאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן האָבן אים איבער־צייגט, אַז דער מענטש איז מער ווי פלייש, ביין, נערוון און — פּסיכיק...

צוגיין צו גלאַזמאַנען אַז דער זעלבסט־שפּירונג פון דעם מיס־טעריעזן „עפּעס", אַז כאָטש דעם באַוווסטזיין, אַז אַזוינס איז מעגלעך, איז ווי איבערגעבן אַ קאָליר־בלינדן די אויפגאַבע אָפּ־צושאַצן אַ געמעל. ביי גלאַזמאַנען אַליין האָט זיך נאָך די שפּי־רונג נישט פאַרוואַנדלט אין באַוווסטזיין. אפשר איז דאָס בעסער אַזוי, ווייל דאָס היט אים אָפּ פון באַוווסטזיניקן עקספּלואַטירן יענעם פאַרבאָרגענעם כוח, פון אפשר צופיל באַזירן אויף אָט־דעם כוח און דערביי פאַרנאַכלעסיקן די אַנדערע קינסטלערישע מיט־

לען. סוף־כל־סוף קאָן זיך דער זעקסטער חוש נישט באַגיין אָן די פינף חושים און די פערטע דימענזיע קאָן קיין האַפט נישט האָבן אָן די דריי אונז באַוווּסטע דימענזיעס...

אָבער... ווערט די שפּירונג פון דעם „עפּעס" ביי גלאַזמאַנען פאַרשאַרפט אין פאַרלויף פון זיין שאַפן? איך האָב פריִער געזאָגט, אַז דער מיסטעריעזער „עפּעס" האָט זיך ביי גלאַזמאַנען געשפּירט (פאַר די, וואָס האָבן אַ חוש פאַר אַזוינע „שפּירונגען") איבערהויפּט אין די ערשטע פופצן יאָר פון זיין שרייבערישן אַקטיוו. דאָס איז געווען דער אינטויִטיווער פּעריאָד אין זיין שאַפן — און דער „זעקסטער חוש" געפינט זיך אין דער ריכטונג פון אינטויִציע, אויב ער אַליין איז נישט די סאַמע אינטויִציע... פון דאַן אָן הויבט זיך גלאַזמאַן אָן אַוועקצורוקן פון דער דאָזיקער „ריכטונג". דאָס מוחדיק־באַוווּסטזיניקע — געגנויער: די אָ ר י ע נ ט אַ צ י ע — קריגט ביי אים אַלץ מער די אויבערהאַנט, ווערט די דאָמינירנדיקע האַנט, וואָס פירט זיין פעדער. אליהו־הנביא פאַרשווינדט פון זיין שוועל אין דעם מאָמענט, ווען דער ניכטערער „שׂכל" זאָגט אים אונטער, אַז קיין אליהו־הנביא איז נישטאָ...

וואָס פאַראַ אָריענטאַציע איז דאָס, וואָס האָט אין גלאַזמאַנען פאַרטעמפּט דעם אינטויִטיוון חוש? דאָס איז דער מאַטעריאַליזם — דער זעלביקער מאַטעריאַליזם, וואָס איז פאַקטיש באַנקראָט אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן, אָבער וויל נישט אָפּטרעטן פון מאַרקסיזם, ווו דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז נאָך אַלץ (מיט ווייניק אויסנאַמען) דער וויכטיקסטער אַני־מאמין. בעת גלאַזמאַן איז אַריבער אין קאָמוניסטישן לאַגער, האָט ער אויף דער־זייט שוועל איבערגעלאָזן דעם זעקסטן חוש. אַ נייער גלאַזמאַן איז אויפגעשטאַנען — אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער, אַ מאַטעריאַליסטישער רעאַליסט, וואָס האַלט זיך האַרט ביי דער ערד און נעמט אויף נאָר דאָס, וואָס דערשיינט — און ו ו י עס דערשיינט — פאַרן פיזישן אויג. דערפאַר איז זיין ראָמאַן „לענדער און לעבנס" אַ ווערק אָ ן רוח־הקודש. אויך דאָרט פילט זיך גלאַזמאַנס מייסטער־האַנט, אָבער נישט גלאַזמאַנס אַמאָליקע אינטויִציע. לייענענדיק דאָס דאָזיקע ווערק האָט מיך נערירט — נישט

די טראַגעדיע פון די פאַרשוינגען, וואָס ער פירט דאָרט ארויס, נאָר די טראַגעדיע פון א מאָלער, וואָס איז בלינד געוואָרן, פון א זינגער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין שטים, פון א שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין קינסטלערישע נשמה — בעסער געזאָגט: זיין נשמה־יתירה.

ווען ברוך גלאַזמאַן האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פּאָלעמיזירט מיט מיר אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" — שאַרף קריטיקירט מיינס א מאמר אין דער „פרייער ארבעטער־שטימע", ווו איך ווייז אָן, אַז דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם, איבערהויפּט ווי ער ווערט באַנומען פון די קאָמוניסטן, פאַרניינט און פאַרנייגט די גייסטיקע כוחות אין וועלט און מענטש, אַז ער האָט אויסגעהוילט דעם מענטש פון יעדן טיפן אינהאַלט — ווען ברוך גלאַזמאַן האָט אין זיין ענטפער פאַרטיידיקט דעם מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפונקט, האָט ער אויסגעלאַכט די אַלע רייד וועגן גייסט און גייסטיקע כוחות. אָבער איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיין אָפּאָנענט ענטפערט נישט מיר, נאָר זיך אליין, אַז דער איצטיקער גלאַזמאַן ראַנגלט זיך קעגן דעם אַמאָליקן גלאַזמאַן; אַז פּראָלעטאַרישע אָריענטאַציע קעמפט דאָ פאַרצווייפלט קעגן קינסטלערישער אינטויציע. אין אַנדערע ווערטער: גלאַזמאַן, דער מאַטעריאַליסטיש־אָריענטירטער, וויל פּשוט אָפּווישן דאָס גאַנצע שאַפן פון גלאַזמאַן דעם רוח־הקודשדיקן.

נישטאָ קיין גרעסערער ווידערשפּרוך ווי גלאַזמאַן און — מאַטעריאַליזם. זיין צוגאַנג צו מענטשן, זיין באַהאַנדלען זיי און זייער וועלט — אין דעם רוב פון זיינע ווערק — איז אַזוי ווייט פון מאַטעריאַליזם — און דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע — ווי לעבעדיקער פּראָטאָפּלאַזם איז פון טויטן שטיין. ביידע באַשטייען פון די אייגענע עלעמענטן און זענען אַרומגערינגלט פון די זעלביקע „באַדינגונגען", אָבער אין ערשטן פונקציאָנירט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר ווייסן טאַקע נישט, וואָס עס איז, אָבער מיר ווייסן, אַז ס'איז נישט בנמצא אין צווייטן אָביעקט, אין דעם שטיין.

דאָס מיינט בשום־אופן נישט צו זאָגן, אַז יענע ווערק, ווו ס'פעלט דאָס זעקס־חושימדיקע, דאָס פערט־דימענזיאָנעלע, זענען

מויטער שטאָף. פאַראַן גרויסע ווערק, אייביקע ווערק, וואָס באַ־וועגן זיך בלויז אין די דריי דימענזיעס און שפּרודלען בלויז מיט פינף חושים. אָבער גלאַזמאַנס ווערק קאָנען אָן דעם זעקס־חושימ־דיקן נישט אויסקומען. דער מיסטעריעזער „עפּעס", וואָס שפּירט זיך אין זיין שאַפן און וואָס דערויף איז פריִער אָנגעוויזן געוואָרן, איז דער כּוח, וואָס צייכנט אים אַרויס פון אַנדערע שרייבער, וואָס שאַפט זיין קינסטלערישן אייגנאַרט. אָן דעם איז ער איינער פון אַ סך, ווי אַ סך. מיט דעם איז ער איינער צווישן גע־ציילטע, צווישן יחידי־סגולה.

האָט ברוך גלאַזמאַן שוין טאַקע פאַרלוירן זיין רוח־הקודש (זאָל מיר דערלויבט זיין דער דאָזיקער שאַבלאָנער אויסדרוק!) אויף אייביק? דאָס גלויבט זיך מיר נישט. מיין איינדרוק איז, אַז גלאַזמאַן האָט דעם מיסטעריעזן „עפּעס" בלויז צייטווייליק אַטראָ־פירט אין זיין צופּאַסן זיך צו דער מאַטעריאַליסטיש־מאַרקסיסטי־שער ליניע. אָבער דער „זעקסטער חוש" איז נאָך דאָ אין אים און ער קאָן מיט דער צייט צוריק אויפגעלעבט ווערן און פונקציאָנירן מיט נאָך אפשר אַ גרעסערער קראַפט, ווי ביז־אַהער. גלאַזמאַן האָט אין זיך נאָך צופיל קינסטלערישע פּאָטענץ, אַז ער זאָל נישט באַ־ציטנס דערשפּירן, אַז בעת ער איז אַרויף אויף דער קאָמוניסטי־שער ליניע, איז ער אַראָפּ פון זיין קינסטלערישער ליניע.

איך האָף, אַז מיין „נבואה" וועט זיך רעאַליזירן אין דער נאָנטער צוקונפט.

שלום־עליכם און י. ל. פּרץ

דער באַקאַנטער ייִדיש־העברעיִשער שריפטשטעלער, י. ד. בערקאָוויטש, שלום־עליכמס אַן איידעם, האָט פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן שלום־עליכמען. די אַרטיקלען זענען געשריבן האַרציק און שיין. זיי לעזן זיך מיט אַן אמתער הנאה און גיבן אונז אַ כאַראַקטער־פּאָרטרעט פון שלום־עליכם דעם מענטש, פון דעם גרויסן הומאָריסט אין פאַרשיידענע צייטן, אין אַלערליי לאַגעס און לוינעס און צווישן כּלערליי מענטשן און סביבהס. שאַפן אַזאַ לעבעדיקן און אינטערעסאַנטן פּאָרטרעט פון אַ מענטשן — און נאָך דערצו פון נישט סתּם קיין מענטשן, נאָר פון אַ גרויסן מייסטער — איז, לויט מיין מיינונג, אַ סך שווערער ווי מחבר צו זיין אַ קריטישע אָפּשאַצונג, וווּ מ'קאָן זיך אַריינלאָזן אין רעיונות און דמיונות, ציִען פּילפּאַרביקע סטענגעס פון באַהויפּטונגען און סתּם פאַנטאַזיעס; בעת פאַר אַ לעבעדיקן פּאָרטרעט מוז מען נעמען לעבעדיקן מאַטעריאַל, שעפּן פון דער הוילער רעאַליטעט און פון איינציקע שטריכן, עפּיזאָדן און פּאָרפאַלן אויפשטעלן אַ מענטשן, דערצו דאַרף מען אַליין זיין אַ מייסטער, האָבן די נויטיקע מאָס און טאַקט, וויסן וואָס צו נעמען און וואָס צו פאַרוואַרפן. און בערקאָוויטש טוט די אַרבעט בשלמות.

טאַקע דערפאַר פאַרדריסט עס, ווען מ'כאַפּט זיך, אַז בערקאָוויטש ווערט פּלוצים געשטרויכלט, פאַרלירט זיין זאַכלעכקייט און אָביעקטיוויטעט און לאָזט זיך פאַרפירן פון רכילות, אָנשטאָט געפירט צו ווערן פון פאַקטן. דאָס געשעט כּסדר ביי איין נאָמען —

בײַם נאָמען י. ל. פּרץ. דער חשובער מחבר פון די שלום־עליכם־אַרטיקלען קאָן פּשוט נישט דערמאָנען פּרצן אָן אַ שטאָך אויף זײַן חשבון — דאָס מאַכט אַ שווערן אײַנדרוק און מ׳גיט דערבײַ אַ טראַכט, אַז מסתּמא, ווען פּרצס אַ נאָנטער קרוב וואָלט געשריבן מכּח די באַציִונגען צווישן פּרצן און שלום־עליכמען, וואָלט פּרץ אַרויס דער גוטער און גערעכטער און שלום־עליכם — דער בײזער און שלעכטער... איז דערפֿאַר בעסער צו פֿאַרגעסן קרובה־שאַפֿט, בעת מ׳שרײַבט דעראינערונגען, און אָביעקטיוו אויסצופֿאָרשן די פֿאַקטן.

לויט בערקאָוויטשן איז פּרץ געווען עפּעס אַ מין מלאך־המשחית, אַ בײזער גײַסט, וואָס איז געזעסן אין וואַרשע און געהאַלטן אין אײן אינטריגירן קעגן שלום־עליכמען, שיער נישט געווען אים אַ דם־שונא; און נישט נאָר, וואָס ער אַלײן האָט שלום־עליכמען נישט פֿאַרגונען דאָס חיות, נאָר ער האָט דערצו אויך געשאַפֿן אַרום זיך אַ גאַנצן שטאַב שלום־עליכם־שונאים, ווי נאָמבערג, בעל־מחשבות און אַנדערע. אויף אַזוי ווײַט לאָזט קאָלעגע בערקאָוויטש זיך פֿאַרפֿירן פֿון ליטעראַרישע רכילותן, אַז אַפֿילו דאָרט, ווו ער איז נישט זיכער מכּח פּרצס האַלטונג אין אַ געוויסן מאָמענט, מאָלט ער זיך אָבער אויס, אַז די האַלטונג פּרצס צו שלום־עליכמען איז געווען פֿײַנטלעך. אָט, למשל, באַמערקט י. ד. ב. אין זײַן אַרטיקל וועגן „שווערע טעג אין שלום־עליכמס לעבן אין ווילנע״: „...ס׳איז נישט באַקאַנט ווי פּרץ האָט אויפֿגענומען שלום־עליכמען אין וואַרשע, און צי האָט ער זיך מיט אים בכלל באַגעגנט. לויט אַלע וואַרשײַנלעכקײַטן האָט פּרץ, דאַמאָלסט, צעוואַרעמט פֿון פּרוכטבאַרן שאַפֿן און צעבאַלעוועט פֿון די אינטעליגענטישע קרײַזן, געלאָזט פֿילן שלום־עליכמען, צי פֿערזענלעך, צי דורך ליטעראַרישע פּאַטשטשן־טרעגערס, אַז ער שעצט אים נישט אַזוי הויך״.

וואָס די אַלע „וואַרשײַנלעכקײַטן״ זענען, זאָגט אונז בערקאָוויטש נישט אויס, און ס׳גלייבט זיך, אַז אויך אים אַלײן זענען זײ נישט קלאָר; אָבער אַ שטיקל דערקלערונג וויל ער אונז געבן מיט דעם „פֿאַקט״, וואָס אין אָדעס און אין וואַרשע האָט מען „געקוקט קרום, ווער מיט באַדויער און ווער מיט ביטול״, אויף

זיין, שלום־עליכמס, גייער „פּרנסה‘‘ — אויף זיין אַרומפּאָרן, הייסט עס, איבער ייִדישע שטעט און שטעטלעך, ווי אַ פאָרלעזער פון זיינע אייגענע ווערק, בעת מענדעלע איז זיך געזעסן אין אָדעס, אין זיין קאָלאָסאַלן קאַבינעט א. אַז. וו. און „אַט פּראַוועט פּרץ אין וואַרשע די עבודה פון אַ כּהן־גדול, איינגאַנצן איינגעוויקלט אין די וואָלקנס פון זיסן, נעווירצטן קטורת‘‘. לויט דעם, קומט אויס, אַז פּרץ איז עפּעס געווען אַ רייכער פּריץ, פאַרזאָרגט מיט פּרנסה אי־בערן קאָפּ, בעת ס’איז גוט באַקאַנט זיין מערכה אַלס באַאַמטער אין דער מתים־אָפּטיילונג פון דער גמינע, אין אַן אומפּריינטלעכער, אַסימילאַטאָרישער סביבה, וווּ ער האָט געמוזט פאַרברענגען זיינע בעסטע יאָרן, ביזן סאַמע סוף; מ’ווייס אויך, אַז דער געהאַלט, וואָס פּרץ האָט דערפאַר נעקריגן, איז געווען זייער אַ מאָגערער און ער האָט געמוזט טון דאָס אייגענע, וואָס שלום־עליכם — בּסדר אַרויסטרעטן אויף פאָרלעזונגען אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעטן; ווען מ’האָט נאָך דערביי אין זינען פּרצס פרייע האַנט, זיין אונטערשטיצן יונגע שרייבער, אויף אַ בכבודיקן, שיינעם אופן, געבנדיק זיי דאָס געלט ווי האָנאָראַר פאַר זייער ווערק, וואָס ער וועט דרוקן להבא, אויב ער וועט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל, צי זאַמלבוך, קאָן מען פאַרשטיין, אַז פּרץ איז געווען אַ גרויסער בעל־הוצאה און זיך געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען. שוין דערפאַר אַליין האָט ער בשום־אופן נישט געקאָנט קוקן קרום אויף שלום־עליכמען, וואָס איז אַרומגעפאָרן פאַרלייענען זיינע ווערק.

וואָס איז נוגע דער פראַגע, צי פּרץ האָט אויפגענומען שלום־עליכמען אין וואַרשע און „צי ער האָט זיך מיט אים בכלל באַגעגנט‘‘, איז מיר נישט באַקאַנט, אויב פּרץ האָט שלום־עליכמען מקבּל־פּנים געווען ביי זיך אין הויז, אָבער באַגעגנט אין וואַרשע האָבן זיי זיך יאָ! און ווייסט איר ווו? — אויף שלום־עליכמס פאָר־לעזונג אין קאַמפּאַניעצעס טעאַטער אויף באָניפראַטן־גאַס. פּרץ איז געזעסן אויף דער בינע מיט אַנדערע חשיבֿי־העיר און זיך גע־שמאָלצן פון נחת, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, פון שלום־עליכמס פאָרלעזונגען, אָפן און הילכיק געלאַכט, און דערמיט גאַנץ קלאָר און בפני כּל עם ועדה געלאָזט וויסן זיין מיינונג וועגן די שאַפונגען פון

דעם גרויסן הומאָריסט, אַנשטאָט צו לאָזן וויסן „דורך ליטעראַרי־שע פּאָטשטן־טרעגערס, אַז ער שעצט אים נישט אַזוי הויך״, ווי בערקאָוויטש וויל דווקא האָבן. ליידער הערמאָנען זיך מיר נישט די אַנדערע שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זענען געזעסן אויף דער בינע מיט פּרצן, אָבער איינעם געדענק איך גוט און דאָס איז — ד״ר גרשון לעווין. ער איז מיר פאַרבליבן אין זכרון, ווייל גרשון לעווין האָט, אַלס דאָקטאָר־מעדיצין, דאַמאָלט אַכטונג געגעבן אויף שלום־עליכמען, וועלכער האָט ביי זיין קומען קיין וואַרשע זיך געפילט נישט מיט אַלעמען. יעדעס מאָל, וואָס שלום־עליכם האָט אָפּגעלייענט אַ זאַך און אַוועק הינטער די קוליסן, איז ד״ר לעווין תיכף אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אים נאָכ־געלאָפן.

דאָ האָרף מען נאָך באַמערקן, אַז ד״ר לעווין איז געווען פּרצעס אַ ידיד און אַ הייסער חסיד זיינער. דאָך איז ער נישט באַ־איינפלוסט געוואָרן פון פּרצעס „גרינגשעצונג״, פּשוט, ווייל פּרץ איז געווען פריי פון דעם אַנטאַגאָניזם בנוגע שלום־עליכמען, וואָס בערקאָוויטש שרייבט אים צו און וואָס שלום־עליכם האָט, וויזט אויס, אויך אין דעם געגלויבט. אמת, ד״ר לעווין האָט געטון זיין חוב אַלס דאָקטאָר־מעדיצין, אָבער אין וואַרשע זענען געווען גע־נוג ייִדישע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געדרייט אין די ליטעראַ־רישע קרייזן און, ווי מיין איינדרוק איז, איז ער געקומען צו שלום־עליכמען נישט אַלס דאָקטאָר, נאָר — צוזאַמען מיט פּרצן — אַלס פאַרערער פון שלום־עליכמס גרויסן טאַלאַנט. וואָס־זשע בלייבט שוין פון פּרצעס אינטריגעס און זיין באַאיינפלוסן די אַרומיקע סביבה קעגן שלום־עליכמען? ד״ר גרשון לעווין קאָן אין דעם פּרט זיין מיין עדות.

דער חשד, וואָס בערקאָוויטש וואַרפט, אַז נאָמבערגס נישט־גינסטיקע רעצענזיע פון „הצופה״ אויף שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט״, איז געשריבן געוואָרן אונטער פּ ר צ ס השפּעה, רעפלעקטירט שוין נישט נאָר אויף פּרצן, נאָר אויך אויף נאָמבערגס זעלבסטשטענדיקייט. כאָטש איך האָב נישט קיין ראיות, אָדער עדות, אָפּצוּוואַרפן דעמדאָזיקן חשד, איז אָבער גענוג געווען צו

קענען נאָמבערגן, כּדי צו באַגרייפן, אַז דאָס איז אוממעגלעך. גישט נאָר האָט פּרץ נישט געקאָנט באַאיינפלוסן נאָמבערגן, נאָר נאָמבערג פּלעגט נישט זעלטן זיך אָפּן שטעלן קעגן פּרצעס מיינונגען, אַפילו אַרויסגעטרעטן קעגן פּרצעס טיש־פּראַווען. דאָס איז דעריבער אַ חשד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן באָדן פון מיספאַרשטייענישן. פאַרוואָס נישט פּשוט אָננעמען, אַז נאָמבערגן איז טאַקע נישט געפעלן „צעזייט און צעשפּרייט"? מ'קאָן זיין דער גרעסטער חסיד פון אַ קינסטלער און דאָך נישט מוזן האַלטן פון אַבסאָלוט אַלצדינג, וואָס דערדאָזיקער קינסטלער שאַפט. דאָס איז, דאַכט זיך, עלעמענטאַר.

דאָך איז עס בתוך אמת, אַז פּרץ און שלום־עליכם האָבן נישט געשטימט, אָבער דאָסדאָזיקע „נישט שטימען" דאַרף מען בשום אופן נישט זוכן אין קנאה־שנאה און אין אַלערליי ליטעראַרישע פּליאָטקעס — כאָטש אויך דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך (מיט אַ „לייי־דער", צי אָן אַ „לײדער") צווישן שריפטשטעלער, ווי צווישן אַנדערע קינסטלער; זייער „נישט שטימען" איז גיכער פון אַלץ געווען דער פּועל־יוצא פון דער פאַרשיידנקייט פון זייערע קינסטלערישע טעמפּעראַמענטן, פון הפּוכדיקע לעבנס־אַנשויונגען, פון אַ גאַנץ באַזונדערן צוגאַנג צום לעבן בכלל און צום יידישן לעבן בפרט, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט. ביי שלום־עליכמען — פּשטות, טאָג־טעגלעכקייט; ביי פּרצן — פייערלעכקייט, יום־טוב־דיקע עקזאַלטאַציע. שלום־עליכמען איז פּרצעס חסידישע געהויבנקייט געווען מסתמא נישט ווייניקער — אויב נישט נאָך מער — דערווידער, ווי פּרצן — שלום־עליכמס האַרט־ביי־דער־ערד־רעאַליזם.

פּרצעס באַציִונג צו שלום־עליכמען דעם קינסטלער איז געווען די זעלביקע באַציִונג, וואָס פּרץ האָט געהאַט צו זיין אייגענעם עבר — צו דעם פּעריאָד פון „שטריימל". פּרץ האָט נישט אָפּגעלייקנט זיין משפּחה־לישע פאַרגאַנגענהייט, אָבער ער איז פאַרפרעמדט געוואָרן פון יענער וועלט; ער האָט געקאָנט הנאה האָבן פון שלום־עליכמס פאַרשוינען, פון שלום־עליכמס גענ‍יאַלן הומאָריסטישן טאַלאַנט, אָבער עס איז פאַר דעם מחבר פון דער „גאָלדענער קייט"

און די חסידישע מעשהם געווען א קונסט פון א פרעמדער וועלט; פרץ האָט זיך אריינגעלעבט אין דער וועלט פון „שבת־יום־טובדיקע ייִדן", פון קינסטלעריש־חסידישע התלהבות, ווו טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל האָבן נישט קיין דריסת־הרגל. דערפאַר איז שלום אש שוין ביי זיינע ערשטע טריט געוואָרן פרצס באַליבטסטער תלמיד — ווייל אין אשן האָט ער דערשפּירט שבתדיקייט, און אַזוי שנעל ווי אש האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון דעם שבתדיקן „שטעטל", האָט פרץ זיך גענומען ברוגזן אויף אים (זע זיין רעצענזיע אויף אשס „גאָט פון נקמה" אין דער ווארשעווער „ראָמאַנציייטונג"). באַקענען מיר זיך מיט די יונגע טאַלאַנטן, וואָס פרץ האָט צום וואַרעמסטן מקרב געווען, זעען מיר, אז דאָס זענען אַלץ געווען אַזוינע, וואָס זענען געקומען מיט א שבתדיק־עקזאַלטירט וואָרט, ווי דער נסתר מיט זיין קאַבאַליסטישן מיסטיציזם, מנחם מיט זיין „קדוש", אַנוֹכי מיט זיין „רב אבא" און אַנדערע.

איך בין נישט אויסן דאָ צו מאַכן פאַרגלייכן, אָדער אַרויסצוזאָגן מיינונגען, וועמענס וועלט ס'איז א שענערע, א בעסערע, א קינסטלעריש־עכטערע — שלום־עליכמס, אָדער פרצס. דאָס איז א פראַגע פון געשמאַק. איך האָב בלויז געוואָלט אָנווייזן, אַז אין דער „נישט־איינשטימיקייט" צווישן פרצן און שלום־עליכמען, איז דער ערשטער נישט געווען דער רשע און דער צווייטער נישט דער צדיק; אַז פרץ איז בכלל נישט געווען דער קליינלעכער אינטריגאַנט, ווי ער קומט אַרויס ביי בערקאָוויטשן, נאָר אַז דער ענין שלום־עליכם־פרץ איז אַן ענין פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן, צוויי פאַרשיידענע קינסטלערישע נאַטורן.

מאַרקס און דרייזער

מ'האָט שוין באַלד פאַרגעסן די מעשה דרייזער, דרייזערס המנשע, היטלעריסטישע טענות קעגן ייִדישן פאָלק, אַז עס וואַרפט זיך צופיל אין די אויגן, באַשטייט פון לויטער עקספּלואַטאַטאָרן, האָט זיינע אייגענע מנהגים, וועלכע זענען אַנדערש פון די לאַנד־מנהגים, קלעפּט צו דער אייגענער ראַסע און רעליגיע וכו'. מ'וויל פאַרגעסן דאָס אומאָנגענעמע, דאָס מיאוסע. און ווי לאַנג איז טאַקע דער שיעור זיך דערמיט צו פאַרנעמען? אפשר וואָלט גלייכער געווען לכתחילה צו פאַרשווייגן דעם גאַנצן ענין און אויב רעדן, איז גיכער וועגן האָטשינס האַפּגודס פאַרענטפערן אונז. מילא, דרייזער איז אַן אַנטיסעמיט, דערצו פון נאַרישסטן מין, אָבער האָטשינס האַפּגוד — ער איז אונזער פריינט, וואָס האָט דאָס פּראָטעסטירט צו די חכמים פון עליו־השלומדיקן „אַמעריקאַן ספּעקטייטאָר'' קעגן דער אידיאָטישער, אַנטי־ייִדישער סימפּאָזיע. און אין וואָס באַשטייט זיין פריינטשאַפט? אין פאַרענטפערן אונז, אַז מ'גיט אונז נישט קיין שאַנס זיך צו אַסימילירן, פאַרשלונגען צו ווערן אין לעמפּערטם מאָגן. זאָלן די גוים אונז נישט פאַרפאָלגן — מיר גיבן תיכּף אויף אונזערע ראַסע, קולטור, שפּראַך...

ס'איז מערקווירדיק, ווי קיינער פון די אַלע ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געקאָכט וועגן דרייזערן, האָט נישט געכאַפּט זיך, אַז האַפּגודס פריינטשאַפט איז ערגער פון דרייזערס שנאה, שוין דערפאַר אַליין, וואָס האַפּגוד איז עלעגאַנטער און אינטעליגענטער, שכלדיקער און אַזוי קריסטלעך־זים. אויף דרייזערס קאָפּ לייגט קיינער

נישט צופיל געוויכט. אן אקסן־קאפ, וואס איז זיך שווער פארצו־שטעלן, אז ער האט עפעס א שייכות צו ליטעראטור, צו קונסט. דער גאנצער דרייזער איז דאך א מענטש אן סטיל — דאס זענען אלע זיינע קריטיקער מודה, אפילו זיין נאנטער פריינט מענקען. זיינע ווערק האמעטנע, אומגעלומפערט אויסגעצויגן. און אויב דער פראנצויז איז גערעכט, אז „דער סטיל, דאס איז דער מענטש", איז עס אוודאי אמת וועגן שעפערישע מענטשן. דאס ערשטע גע־באט פאר זיי איז — סטיל. און דרייזער איז, ווי געזאגט, סטיל־לאז — אין זיין שרייבן, ווי אין זיין דענקען, אין זיין רעדן, ווי אין זיין אומגיין מיט מענטשן.

וואלט איך זיך צום דרייזער־ענין נישט אומגעקערט, ווען נישט דאס גרעסערע, דאס ברייטערע פראבלעם, וואס איז דערמיט פארבונדן: בוך און מענטש און אויך — טעאריע און לעבן.

האט דאך דרייזער פארט געשאפן ווערק, וואס אומות און לשונות האבן אויפגענומען ווי וויכטיקע באשטייערונגען צו דער וועלט־ליטעראטור. און אין זיי, אין די ווערק, פארנעמט ער זיך מיט אלערליי מענטשן און כלערליי סיטואציעס, מיט פסיכאלאגישע אנאליזן, גריבלט זיך אין נשמות און שטעלט זיך אויף דער זייט פון די געקריוודעטע, וויל זיי יעדנפאלס פארשטיין. טא ווי קומט עס, וואס ער איז אזוי בלינד, אזוי נישט־וויליק צו פארשטיין לע־בעדיקע מענטשן, א גאנץ פאלק, וואס האט דורכגעמאכט די מורא־דיקסטע טראגעדיע — נישט קיין „אמעריקאן טראדזשעדי", נאר א וועלט־טראגעדיע, אן אייביקייט־טראגעדיע? א הארבע קשיא טא־קע, אבער די קשיא ווערט נאך הארבער, ווען איר ווענדט זי אן אויף א דאסטאיעווסקין, אן אומגעהייער־גרעסערער קינסטלער און אן אומגעהייער־גרעסערע, רייכערע, טיפערע פערזענלעכקייט, ווי דרייזער. ער, דער דורכגעוויטיקסטער פון יסורים, דער, וואס האט זיך, ווי קיינער נישט פאר אים און נאך אים, אראפגעלאזט אין די טיפסטע טיפענישן פון מענטשלעכע נשמות, אין דעם טיפסטן תהום פון ליידן און שרעקן — אויך ער האט געהאט א באציונג צו יידן, ווי דרייזער, נישט געקענט, נישט געוואלט זיי פארשטיין.

ס'איז כמעט אוממעגלעך צו געפינען אן ענטפער אויף אט־

דעם רעטעניש — און ס'איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס ס'געפינען זיך יחידן, וועלכע זענען גרייט זיך אליין צו באַשולדיקן, וועלכע קענען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די גאַנצע וועלט איז אומגערעכט און נאָר מיר זענען גערעכט: וואָרן „די וועלט איז דאָך נישט משוגע!", כאָטש פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די וועלט איז טאַקע נישט משוגע? ס'איז, דאַכט זיך, גענוג אַ קוק צו געבן אויף די פירונגען פון דער וועלט, די אומגעלומפּערטע איינטיילונג פון די נאַטירלעכע אוצרות, די אומגלייכקייט און אומגערעכטיקייט, דאָס קיילן און ביילן זיך איינע די אַנדערע, דאָס לאָזן זיך פירן ביי דער נאָז פון אַזאַ „פירער", ווי היטלער, כדי זיך איבערצוציינגן, אַז די וועלט איז יאָ משוגע־מטורף און אַז אין אַזאַ וועלט קאָן אַ שוואַך, אומבאַוואָפנט פאָלק נישט דערוואַרטן קיין גערעכטיקייט, בפרט, אַז עס איז פונאַנדערגעוואָרפן איבער דעם גאַנצן כדור־הארץ.

נאָר דאָ גייט עס נישט אין דער וועלט בכלל, נייערט אין יחידים, אין אויסדערוויילטע שעפערישע פערזענלעכקייטן, וואָס זיי דאַרפן זיך קענען אויפהויבן איבער דעם וועלט־משוגעת, איבער דעם וועלט־דרשׂ:ות. און בעת מיר טראַכטן זיך אריין אין דעם פּראָבלעם פון דער סתירה צווישן בוך און מענטש און ווונדערן זיך, ווי עס קומט, וואָס אַזוינע מייסטער, וואָס אין בוך, אין זייער שאַפן קאָנען זיי אויפפלאַנטערן נשמות, זיך שטעלן אויף דער זייט פון „דערנידעריקטע און באַליידיקטע", ווערן בלינד און טויב און פאַרטעמפּט בעת עס קומט צום לעבעדיקן מענטש, צו זייער שכן, צום מענטש אין גאַס, צום יחיד, ווי צו אַ גאַנץ פאָלק — און מיר מוזן, באין ברירה, באַשליסן, אַז ערגעץ שטעקט אַ גרויסער ליגן, אין בוך, אָדער אין מענטש; אָדער די גאַנצע קונסט איז שקר־וכזב, אַ ברכה־לבטלה, אָדער דער מענטש, ווער ער זאָל נישט זיין און וואָס ער זאָל נישט זיין, איז אַ נידערטרעכטיקער בלאָף.

דאָך קענען מיר נאָך ווי־עס־איז שלום מאַכן מיט דעם ווי־דערשפּרוך צווישן בוך און מענטש, צווישן די באַציִונגען פונם קינסטלער לגבי זיינע קינסטלערישע פערסאָנאַזשן און צו די לעבעדיקע מענטשן אין דער „רעאַלער" וועלט — אויב מיר ווילן נישט

ארײַנפֿאַלן אין פֿינסטערן פּעסימיזם. מיר קאָנען בײַ זיך אָפּמאַכן, אַז בעת אויפֿן קינסטלער רוט דער רוח־הקודש, אָדער ער געפֿינט זיך אין שעפֿערישן שיכּרות, איז ער דורכויס אַנדערש, ווי אין ניכ־טערן, נישט־שעפֿערישן צושטאַנד. ס'איז אָנגענעמער אַזוי צו טראַכטן... אָבער... וואָס זאָלן מיר זאָגן צו אַזאַ מענטש, ווי — קאַרל מאַרקס? יאָ, קאַרל מאַרקס, דער פֿאָטער פֿון מאַרקסיזם, דער גרויסער נישט־קינסטלער, וואָס בײַ אים זענען נישט שײַך קיין שטימונגען; דער גרויסער וויסנשאַפֿטסמאַן, דער פּאַטריאַרך פֿון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע; דער מחבר פֿון „קאַפּי־טאַל'', וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט פֿאַקטן, מיט ציפֿערן; וואָס זײַן נאָמען איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון קאַמף פֿאַר אַ נײַער וועלט, פֿאַר אַ יושרדיקער וועלט, פֿאַר סאָציאַלער, פּאָלי־טישער און עקאָנאָמישער גלײַכהייט און גערעכטיקייט.

טאַקע, וואָס וועט איר זאָגן צו אַזאַ מאַן, וואָס דער קלענסטער ספֿק אין זײַנע טעאָריעס איז פֿאַר אַ פֿרומען מאַרקסיסט פּונקט אַזאַ שרעקלעך אַפּיקורסות, ווי פֿאַר אַ פֿרומען ייִד דער מינדסטער ספֿק אין תּורת משה? און איר ווייסט דאָך מסתּמא, אַז קאַרל מאַרקס, דער ייִד, דער גערעכטער, דער קעמפֿער, דער וויסנשאַפֿט־לעכער טעאָרעטיקער, האָט וועגן ייִדן געהאַט פּונקט אַזאַ מיינונג, ווי — טעאָדאָר דרײַזער און ווי יעדעס נישטיקע אַנטיסעמיטל. אויך מאַרקס האָט אין ייִדן געזען אַ פֿאָלק פֿון באַנקירן, פּאַראַזיטן, עקס־פּלואַטאַטאָרן. מיט וואָס־זשע וועט איר אים פֿאַרענטפֿערן? יאָ, ס'איז דאָ אַ תּירוץ: מאַרקס האָט נישט געקענט קיין אַנדערע ייִדן, אַ חוץ די ייִדישע באַנקירן פֿון דײַטשלאַנד, פֿון זײַן שטאָט, פֿון זײַן סבֿיבֿה — און לויט זיי האָט ער געאורטיילט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק.

אַ שיינער תּירוץ, כּ'לעבּן! דרײַזער האָט געהאַט אַ ביטערע דערפֿאַרונג מיט עטלעכע ייִדישע אַדוואָקאַטן, האָט ער פֿאַרמשפּט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, איז עס פֿאַר אים אַ לעבערלעבער, מיאוסער תּירוץ, דען אַן ערלעכער און שכלדיקער מענטש מאַכט נישט קיין אויספֿירונגען פֿון אַ יחיד אויף אַ רבים, אויף אַ מאַסע. איז דרײַזער כאָטש נישט קיין וויסנשאַפֿטסמאַן און קיין טעאָרע־

טיקער, וואָס שאַפֿט תורות פֿאַר דורות. אָבער מאַרקס — ער, וואָס האָט זיך נישט געפֿוילט אויסצולערנען אויף די עלטערע יאָרן די רוסישע שפּראַך, כּדי צו קענען לייענען אין אָריגינאַל די רוסישע ליטעראַטור, האָט גאָרנישט געקענט אַ לייען טון די יִדישע געשיכטע, אָדער זיך אָראָפּכאַפּן קיין רוסלאַנד, קיין גאַליציע, קיין רומעניע, זיך צו באַקענען מיט די יִדישע מאַסן, אָדער כאָטש שטודירן זיי פֿונוויטן? און דאָס וואָלט דאָך אים זיכער איבערגעציינט, אַז נישט אַלע יִדן זענען באַנקירן און פּאַראַזיטן, נאָר אַז ס'זענען אויך פֿאַראַן עטלעכע יִדישע קבצנים, האָרעפּאַשניקעס און אַפֿילו פּרייהייטס־קעמפּפֿער...

אויב מ'קאָן נאָך ווי־עס־איז אַנטשולדיקן אַ דאָסטאָיעווסקין, אַ דרייזערן, אָדערע וועלכן אַנדערן קינסטלער, קאָן מען בשום־אופֿן נישט מוחל זיין אַ מאַן ווי מאַרקס, וואָס זיין געביט איז פֿאָרשן, זאַמלען פֿאַקטישן מאַטעריאַל, סטאַטיסטיק, און דאָס מאַטעריאַל באַאַרבעטן, ציִען שלוסן דערפֿון, ווי מאַרקס האָט טאַקע געטון אויף די סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פֿעלדער. אַזוי מיר־נישט, דיר־נישט אָפּפּסקענען אַ גאַנץ פֿאָלק, אַן אַלט פֿאָלק איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט. און אויב מאַרקס האָט דאָס פֿאַרט געטון, וואָס קענען מיר דריינגען דערפֿון? מיר זענען דאַן באַרעכטיקט מסופּק צו זיין אין דער גרונטלעכקייט, אין דער גענויקייט און אין דער טיפֿקייט פֿון זיין פֿאַרשטענדעניש פֿון די אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַהאַנדלט. אַ נישט־פֿאַרבלענדטער חסיד מוז אויפֿן גרונט פֿון מאַרקס' באַציִונג צו יִדן אָנהויבן צו צווייפֿלען אין דעם גאַנצן סאָציאַל־עקאָנאָמיש־פּאָליטישן בנין, וואָס מאַרקס האָט אויפֿגעשטעלט — אין דעם אמת פֿון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס איז דער סאַמע יסוד פֿון דעם מאַרקסיזם.

אַז דאָס געביי פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז איינזייטיק, מוז סיי־ווי זיך וואַרפֿן אין די אויגן יעדן רעכט־דענקנדיקן מענטש, וואָס האָט אַ חוש פֿאַר היסטאָרישע פּראָצעסן און אַנטוויקלונגען. ער מוז איינזען, אַז אין דער גאַנצער געשיכטע האָבן קאַמפֿן פֿאַר נאַציע און רעליגיע, ווי אויך מחמת ראָמאַנטישע מאָטיוון, געשפּילט אַן אומגעהייער־גרעסערע ראָל, ווי עקאָנאָמישע סיבות און אַז

אויך אין אונזער איינענער צייט קענט איר גיכער געווינען מאַסן צו קעמפן פאַר נאַציאָנאַלן כבוד און פאַר רעליגיע (אָט, למשל, דער קאַמף פון דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער קירך אין דייטשלאַנד, בעת די ראַדיקאַלע באַוועגונגען האָבן זיך אונטער־טעניק און פּחדנותדיק אונטערגעוואָרפן היטלערן), ווי פאַר עקאָ־נאָמישע פאַרבעסערונגען. אָביצר דעם איינגעגלויבטן, פאַנאַטישן חסיד פון קאַרל מאַרקסן מוז מען אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין דעם ביישפּיל מיט מאַרקס׳ באַציִונג צו ייִדן, כּדי ער זאָל אפשר פּאָרט אַ טראַכט געבן, אַז מאַרקס׳ צוגאַנג צו דער געשיכטע איז געווען פּונקט אַזוי איינזייטיק, ווי זיין צוגאַנג צום ייִדישן פאָלק.

קריטיק — נוסח כעלם...

איר האט דאך זיכער געהערט די מעשה, ווי די כעלמער האבן פארכאפט די לבנה: ארייננעגארט זי אין א פעסל וואסער און שנעל פארקלאפט דאס דעקל. פון דעמאלט אן איז די לבנה א כעלמערין. און א געטרייער שומר היט זי טאג און נאכט, אז קיין פרעמדער, נישט־כעלמער, זאל צו איר נישט צוקומען, נישט אויפרייסן דאס דעקל. און כעלם איז צופרידן, ווי נאר נאראנים, טפשים קאנען זיין צופרידן. ס'איז אפילו א סברא, אז פון יענער נאכט אן — זינט דעם כעלמער לבנה־פוטש — האבן דאס די פאעטן אויפגעהערט צו זינגען וועגן דער „בלאסער קיניגין פון הימל'', און אויב מ'צעזינגט זיך נאך א צינד, אין אונזער צייט, מכוח דער לבנה, זאלט איר וויסן זיין, אז אט־דער פאעט איז א כעלמער...

פארוואס האבן די כעלמער אזוי ליב די לבנה? גיי וייס, וואס ביי א נאר אין הארץ, אדער אין מוח טוט זיך. און די טפשות באשטייט דאך נישט אין ליב האבן, — א נישט זענען מיר אלע דאך נאראנים, — נאר אין דער זיכערקייט, אז מ'האט עס געפאנגען, באהאלטן בלויז פאר זיך, אט דאס טעלערל פון הימל. און ס'מוז נישט דווקא זיין די לבנה — ס'קאן אויך זיין דער קהלשער באק, אדער אפילו אן אבסטראקטע אידייע, א ישועה אויף יידן, א פלאן צו ראטעווען די וועלט, אדער א דולציניע. דא רייסט זיך אויף די ליפן דער נאמען דאן־קיכאט. אבער דאן־קיכאט איז נישט קיין נאר. ער איז א טרוימער, א וויזיאנער, וואס האט פארלוירן, אדער קיינמאל נישט באזעסן, דעם חוש פאר רעאליטעט, די רעאליטעט, ווי זי

אנטפלעקט זיך צו דער גרויסער מאיאָריטעט. ער רופט ביי אונז ארויס געלעכטער, אָבער אויך סימפּאַטיע, דען מיר זעען אין אים דעם סימבאָל פון אונזער עלעמענס פארבאָרגענעם „איך״, פון אונ־זערע איינרעדעניש, פאַנטאַזיעס, פארלאַנגען און דראַנגען. נאָר ביי אונז איז דער שכל — און דער חוש פון ווירקלעכקייט — גובר דאָס דאָן־קיכאָטישע, דערלאָזט אונז נישט בפועל־ממש ארויס אין דער וועלט אריין קעמפן קעגן ווינט־מילן, קעמפן און ליידן, בלוטיקן און — פאַלן..

אנדערש איז דער כעלמער. נישט טרוים, נישט וויזיע און אוודאי נישט קיין קעמפערישער מוט באַהערשן זיין וועזן. ער איז דער נאַר, ווי גאָט האָט געבאָטן, א פּראָווינציעלער נאַר, וואָס פארלאָזט נישט די ד׳ אמות פון זיין שטעטל, צו שלאָגן זיך קעגן ווינט־מילן, צו פעכטן פאַר זיין דולציניע — כעלם איז זיין גאַנצע וועלט. און דערפאַר, אויב ער פארלייגט זיך אויף עפּעס, ווערט עס ביי אים דער צענטער פון דער וועלט, צי דאָס איז די מקווה, אָדער דער שניי, וואָס איז מ׳זאָל איבער אים טרעטן, אָדער די לבנה. און אויב די לבנה איז אין פעסל, איז דאָס פעסל דער וועלט־צענטער און די כעלמער זענען גליקלעך: זיי האָבן די לבנה, זיי וויסן, ווו זי איז, און זיי קאָנען זי „מהדש״ זיין אפילו אינמיטן העלן טאָג — זיי זענען די חכמים!

די צרה איז, וואָס כעלם איז נישט באַשרענקט צו איר גע־אָגראַפישן פּונקט. גאָט האָט שטיקלעך כעלם פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער גאָרער וועלט — פון פּינטשעוו ביז ניו־יאָרק. איר הערט ערגעץ א רעדע, איר לייענט אַן אַרטיקל, א בוך — און דאכט זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג: גרויסשטאָטיש, קולטורמעסיק, ראַפינירט־פּאָלירט, אינטעליגענטישע טערמינאָלאָגיע, אָבער מיט־אַמאָל — כעלם! כעלמער חכמה, כעלמער פסיכאָלאָגיע. דער כעל־מער קאָן זיך נישט דורכויס מאַסקירן — כעלם שפּרינגט פּלוצים ארויס און פאַרראַט אים.

אָט זיצט אין קישענעוו א ייד, ב. טוטשינסקי איז זיין נאָמען — ווייס איך נישט, צי ער איז אַ ייִנגל פון פופצן, אָדער א זקן פון ניינציק, יעדנפאַלס איז דער נאָמען ניי פאַר מיר, — האָט ער,

מעשה־בעלם, גענומען און פאַרכאַפּט די לבנה אין א פעסל וואסער און לאָזט קיינעם צו איר נישט צו — ס'איז זיין פּערזענלעכע לבנה. נו, טוטשינסקי האָט שוין, ווי ס'זעט אויס, א לעק און א שמעק געטון די איידעלע קולטור, ווייס ער שוין, אז די לבנה איז, אין אונזער קלוגער ערא, אויסגעשפּילט, באַנאַל, שאַבלאָן — האָט ער פאַרכאַפּט אן אַנדער „טעלערל פון הימל", די קריטיק — יאָ, די קריטיק, די ליטעראַטור־קריטיק, און ער האלט זי און היט זי, ווי א געטרייער שומר.

ס'הייסט, אייגנטלעך, איז עס, אויב איר ווילט, נאָך מער פון קריטיק. ס'איז סופּער־קריטיק, קריטיק איבער קריטיק. ער איז, גלויבט ער, מיט דער גאַנצער איינגעגלויבטקייט פון א בעלמער, דער פוסק אחרון, דער העכסטער טריבונאַל פון דער קריטיק. קיינער טאָר זיך צו איר נישט צורירן, א חוץ אים. קיינער טאָר זיך נישט דערוועגן אַמאָל א שרייב צו טון איבער ליטעראַטור, זאָגן א מיי־נונג, — אָדער איבערגעבן אן איינדרוק, — וועגן א ליד, א דער־ציילונג, א ראָמאַן, סיידן ער, החכם טוטשינסקי מק"ק קישענעוו, דערלויבט עס, באַוויליקט א צייגניש אויף דעם. פאַרשטייט זיך, אז ער אליין דאַרף נישט קיינעמס סמיכה, קיינעמס צייגניש — ער איז דאָך די העכסטע אינסטאַנץ. דאָס איז די זעלבסט־איינגעגלויבטקייט פון אן עכטן, הונדערט־פּראָצענטיקן בעלמער בירגער.

שרייבט מען ביי אונז אַרטיקל אויף אַרטיקל און מ'רופט פאַרזאמלונגען און קאָנפערענצן — אַלץ אַרום דער אָנגעוויי־טיקטער פראַגע פון שווערן קריזיס אין אונזער קולטור־לעבן. דאָס פאַר־לאַנג־וועזן איז טויט. מ'לייענט נישט קיין ביכער. די אַסימילאַציע פאַרשפּרייט זיך, פאַרוואָרצלט זיך. דער היינט איז שלעכט. די צו־קונפט טונקל. ווער ס'זעט די שולד דערפון אין אַלוועלטלעכן עקאָ־נאָמישן קריזיס; ווער אין דעם געפּאַלענעם קולטור־ניוואָ, נישט נאָר ביי אונז; אין אַמעריקע באַשולדיקט מען אפילו דעם אויטאָ־מאָביל, ראַדיאָ און קלאַנג־פילם, אז זיי נעמען־צו די פרייע צייט, וואָס מ'פלעגט אַמאָל אָפּגעבן דעם בוך. ריכטיק, צי נישט ריכטיק — מ'זוכט שולדיקע און מ'זוכט עצות, זיכער איז קיינער נישט. דער בעלמער פון קישענעוו ווייס אָבער אַקוראַט, וואָס און ווו די

צרה איז און ער איז אזוי זיכער, אז דאָס איז די קריטיק, אז דער מינדסטער ספק איז ביי אים נישט מעגלעך. ס'הייסט, נישט סתם די קריטיק — די קריטיק איז קודש־קדשים, דאָס הייליקסטע, דאָס העכסטע, דער צענטער פון אוניווערס, נאָר... אָט־דאָס, וואָס קריטיק שרייבן אזוינע מענטשן, וואָס ער האַלט זיי נישט פאַר ראוי צו אזא געטלעכער עבודה. ווען אָט־די זאָלן נישט שרייבן מכוח לי־טעראַטור און שרייבן זאָלן אַנדערע, וואָס ער האַלט זיי יאָ פאַר ראוי, דערצו שרייבן אזוי, ווי ער שרייבט, יעדנפאַלס ווי אים איז ניחא — דעמאָלט וועט אַלץ זיין גוט און ווויל. ייִדן וועלן צעכאַפּן די ייִדישע ביכער, איידער דער טינט אויף זיי וועט פאַרטריקנט ווערן, די אַסימילאַציע וועט פאַרשווינדן, דער עקאָנאָמישער קריזיס וועט איינזינקען אין דער ערד אריין, ייִדישע פאַרלעגער וועלן גיין אין גאָלד און ייִדישע מחברים וועט מען טראָגן אויף די הענט.

אזוי, כמעט, — אין אַנדערע, משפּיליש־מליצהדיקע ווער־טער, — פאַרזיכערט דער קישענעווער חכם־עתיק אין „דאָס פרייע וואָרט" (7־46 און 9־48), דווקא אין אַזאַ ערנסטן זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין לאָנדאָן, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. נ. שטיינבערג. און כּדי זיין „טעזע" צו פאַרשטאַרקן, שלעפּט ער אריין ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן קיינמאָל זיך נישט געהאַלטן פאַר קריטיקער. פריִער כאַפּט ער ארויס איינציקע, ווי י. באָטאָ־שאַנסקי, למשל, וואָס „קוקט דורך דעם שליסל־לאָך פון אייגענער זעלבסטצופרידנקייט" (באמת אַ גרויסע אַנטדעקונג, אַז זעלבסט־צופרידנקייט האָט אַ שליסל־לאָך!) אויף די שעפער פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור. דערנאָך נעמט ער זיך צו אַ גרופּע: י. י. זינגער האָט זיך אָנגערוגזט אויף דער ייִדישער ליטעראַטור; ב. גלאַזמאַן „פאַלט אָן" אויף שלום אַש; וויסנבערג און האָראָנטשיק זידלען; הלל צייטלין „פּעבט" קעגן די יונגע; ראַוויטש חכמהט זיך מכוח די פרויען־דיכטערינס — „זיי אַלע (פאַרזיכערט אונזער כעלמער קריטיקער) האָבן אריינגעבראַכט אין דער ייִדישער קריטיק: די אומ־פאַראַנטוואָרטלעכקייט, די סערוויליטעט, דעם קריטיק־סוראָגאַט, וועמענס שפּיץ ס'איז דערגרייכט אין דעם קוואַזי־קריטישן בוך פון משה נאַדיר: „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט".

אַזוי דערציילט אונדז דער ייִד פון קישענעוו. אין אַנדערע ווערטער — אָן די סערוויליטעט און סוראָגאַט — הייסט עס, אַז משה נאַדיר האָט אַרויפגעשאָטן די לעצטע לאָפּאַטע ערד אויף דער קריטיק, אַז נידעריקער, אָדער, על־פּי כעלם, העכער (פון דעם „שפּיץ") קאָן מען שוין נישט גיין. מילא, פאַרפאַלן. אָבער מיט אַ פּופּציק שורות שפּעטער דערמאָנט זיך דער חכם אָן נאָך אַ גרופּע, וואָס פּטרט — די שוין געפּטרטע — קריטיק: שכנא עפּשטיין, י. פּאַט, צבי הירשקאַן, א. אַלמי, אלחנן ציטלין „און ענלעכע" — אויך זיי האָבן נישט אָנגעפרעגט ביי דער העכסטער אויטאָריטעט אין קישענעוו, צי זיי מעגן עפּעס זאָגן מכּוח ליטעראַטור, צי זיי איז דערלויבט זיך צוצורירן צום פּעסל וואַסער, ווו דער כּעלמער האָט פאַרפּאַקט און פאַרהאַקט די קריטיק. די מעשה איז, וואָס אַ חוץ שכנא עפּשטיין, וועלכער איז אַ פיינער, כאָטש „מאַרקסיס־טישער", ליטעראַטור־קריטיקער, האַלט זיך, ווי שוין געזאָגט, קיין איינער נישט פון די אויסגערעכנטע אין ביידע גרופּעס (אויף וויפל מיר איז באַקאַנט) פאַר קיין קריטיקער, נישט מחמת זיי האָבן אָר־גאַניש ווייניקער שייכות צום ענין ליטעראַטור, ווי אַ „פּראָפעסיאָ־נעלער" קריטיקער, ניגער, למשל, נייערט מחמת גאַנץ אַנדערע טעמים: טייל, ווייל זיי האָבן פּשוט נישט קיין באַזונדערע ליבע צום „קריטישן געביט"; מאַנכע, ווייל אַנדערע ליטעראַרישע גע־ביטן האַלטן זיי צופיל באַשעפטיקט; אַנדערע צוליב עפּעס אַן אַנ־דער טעם. אָבער שרייבן פון צייט־צו־צייט מכּוח אַ ליטעראַרישן ענין, אַ בוך, אַ קאָלעגע — דאָס מיינט בשום־אופן נישט פּרעטענ־דירן אויפן טראָן פון דער הייליקער קריטיק, בפרט, — זאָל עס צום דריטן מאָל דאָ באַטאָנט ווערן! — אַז די מיינסטע פון די אויסגע־רעכנטע, אָדער אפשר זיי אַלע, — פון מיין ווייניקייט איז שוין אָפּגערעדט, — ווילן נישט דעם דאָזיקן טראָן, אפילו מ'זאָל זיי אָפּגילטן.

אָבער דעם כעלמער לוינט זיך פאַר זיין קלוגער „טעזע" צו פּראָקלאַמירן די אַלע פאַר קריטיקער, בכדי אין איין הרף־עין זיי אַראָפּצורייסן פון זייער גרויסער גדולה... ער האָט, אייגנטלעך, גע־קאָנט אַזוי אויסרעכענען אַבסאָלוט אַ ל ע שריפטשטעלער, —

און נישט נאָר יִדישע — מחמת יעדער שריפטשטעלער, ביי איט־לעכער אומה ולשון, דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורג, פּובליציסט, זאָגט אויך אַמאָל אַ וואָרט וועגן ליטעראַטור, וועגן קונסט. איז דאָך ליטעראַטור־קריטיק פאָרט נישט איינשטיינס טעאָריע, וואָס נאָר צוועלף אָדער דרייצן מענטשן קאָנען פאַרשטיין. איז טאַקע אַ חידוש אַפילו אויף אַ כעלמער, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט בלויז די עטלעכע נעמען, בעת אַזעלכע, וואָס די קריטיק איז טאַקע כמעט זייער אויסשליסלעך געביט, ווי נחמן מייזיל, וו. נאַטאַנזאָן, מ. וואַנווילד (ש. ל. קאַווע), ווינער, ב. גראָבאַרד און אַנדערע, פאַרגעסט ער, אָדער מאַכט זיך פאַרגעסן, און אונז — און זיי — וועט אפשר קיינמאָל נישט באַשערט זיין צו וויסן, אויב זיי דער־לויבט ער יאָ, אָדער דערלויבט זיי נישט, ווייטער צו שרייבן קרי־טישע אַרטיקלען...

טאָר טאַקע קיין שום ילוד־אשה, אַ חוץ דעם קישענעווער חכם, זיך נישט צורירן צום הייליקן פּעסל? יאָ, בעל־מחשבות האָט געמעגט און אויך ש. ניגער מעג, כאָטש צום לעצטן האָט ער אויך גענוג טענות. און נאָך זיי האָבן זיך באַוויזן נאָך עטלעכע, יִנגערע, ווי ב. ריווקין, דאָברושין, משה גראָס, ח. ליבערמאַן, וואָס וואָלטן מיט דער צייט מסתמא „זיך אויסגעריבן", ווי מ'זאָגט עס אין פּוילן, נאָר — אָדער שרייבן נישט, אָדער זיי קעמפן „קעגן נענאַ־טיוון", אָדער זיי „גליטשן זיך אויס". בקיצור, דאָס פּעסל מיט דער קריטיק וועט שוין מוזן בלייבן אין כעלם, אונטער דער שמירה און השגחה פון אויבער־קריטיקער טוטשינסקי.

אַט אַזוי כּסדר: די טויגן יאָ פאַר סאָלדאַטן (אין דער קרי־טיק) און די אַנדערע טויגן נישט. פאַרוואָס די ערשטע זענען גוט, אָדער שיער־נישט גוט, און די אַנדערע שלעכט — דאָס האַלט דער כעלמער נישט פאַר נויטיק צו באַווייזן, נישט מיט קיין ציטאַט, נישט אַפילו מיט אַ וועלכער־ס'איז אייגענער דערקלערונג. גאָרנישט — ער איז באַגלויבט! רייסט זיך דאָ דאָס וואָרט חוצפּה! אָבער וואָס איז שייך חוצפּה אין כעלם? ווי קאָן מען אָנווענדן אַזאַ וואָרט אויף איינעם, וואָס גלויבט באמונה־שלמה, אַז קריטיק איז אַ רפואה צו אַלע מכּות, אַז קריטיק איז אַזוי הייליק, אַז קיינער טאָר צו איר

נישט צוטרעטן, איידער ער איז זיך זיבן מאָל טובל אין דער בעל־מער מקווה; אויף איינעם, וואָס באַנוצט אין זיין שרייבעכץ אַזאַ יינגלשע מליצה, ווי „אין וואַלד פון שפּיזלעך״ (דער נאָמען פון זיין מאמר!), „חקירה־ליפּן״, „נאָרד־פּאָל־ווינטן פון קריזיס״, „זשעני־קרווינדלעך״, „די עכטע קריטיק קאָן איצט זיין סיי אַ רייניקדיקער שווערד, סיי אַ זילבערנער שטורעם־גלאָק״ און נאָך אַזעלכע צענדליקער מליצהרייען פון דער עליו־השלומדיקער משכּילישער ליטעראַטור, וואָס אין בעלם זענען זיי איצט שפּאָגל־נייע מאָדע?

וואָלט טאַקע נישט כּדאי געווען אָפּצושטעלן זיך אויף אַזאַ סאָרט שרייבעריי. איז עס דאָך אָבער געדרוקט אין אַזאַ אָנגעזעענעם זשורנאַל, ווי „דאָס פרייע וואָרט״ און דער רעדאַקטאָר איז ד״ר י. נ. שטיינבערג, טאָר מען דאָס בפירוש נישט פאַרבייגיין מיט שווייגן און מען מוז פרעגן דעם רעדאַקטאָר: איז באמת ביי אונז הפקר־פּיעטרושקע, אַז יעדער איינער קאָן קומען, ווען ער וויל און ווו ער וויל און מאַכן באַהויפּטונגען וועגן אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער, אַרויסגעבן פּסק־דינים איבער זיי סתּם אין דער וועלט אַריין, אָן דעם מינדסטן אָנדייט אויף באַוויז, פעסטשטעלונג, באַגרינדונג? די מעשה איז דאָך זייער פּשוט: אויב גלויבן אויפן וואָרט, פאַרוואָס איז אַ טוטשינסקי, אפילו ווען ער אַליין זאָל זיין אַ וויכטיקער שרייבער, מער באַגלויבט ווי משה נאַדיר, ב. גלאַזמאַן, זינגער, שכנא עפּשטיין, צייטלין, ראַוויטש, צבי הירשקאַן און די אַנדערע? איז דער סטאַזש פון דעם בעלמערם בראָשור, וואָס כ׳זע אַנאָנסירט און וואָס טראָגט דעם צאַצקעדיקן נאָמען „בין־השמשותן און שטורעמווינטן״ אַזוי געוויכטיק, אַז ער וועגט אַריבער אַלע יידישע שריפטשטעלער, וואָס ער דערמאָנט און פּסקנט זיי אָפּ; אָדער האָט ד״ר שטיינבערג פּשוט געוואָלט אַמוזירן די לעזער פון זיין טיף־ערנסטן זשורנאַל מיט אַביסל בעלמער חכמה?

בלייבט אַ קשיא.

איך זוך די פאַרלוירענע

צווישן דער גרויסער צאָל ביכער, בעלעטריסטישע און וויסנ־שאַפטלעכע, וואָס אַמעריקאַנער פאַרלאַגן האָבן אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן, וועט זיכער פאַרנעמען אַן אייגנאַרטיקן פּלאַץ דאָס בוך „אַי פאַינד די מיסינג" (איך געפין די פאַרלוירענע), וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס אין דעם פאַרלאַג „פאַראַר און ריינהאַרט". אין אָט־דעם ווערק באַשטעטיקט זיך צום בעסטן דער מאַקסים, אַז „דאָס לעבן איז די העכסטע דיכטונג", וואָרן מיר האָבן דאָ צו טון מיט פאַקטן, מיט אמתע מעשיות, וואָס לייענען זיך ווי ראָמאַנען, פאַרטראַכט פון גרויסע קינסטלער. דער פּסיכאָלאָג וועט אין דעם בוך געפינען אַ שלל מיט מאַטעריאַל.

דער דערציילער פון דעם בוך איז דניאל מ. אייזענבערג, אַ ניו־יאָרקער ייִד, דער אָנפירער פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט זוכן פאַרשווּנדענע מענטשן; און דער שרייבער איז דזשאָן ניקאָלאַס בעפעל. דער ערשטער האָט דערציילט און דער צווייטער האָט פאַרשריבן און ביידע האָבן זיי געגעבן דעם דריטן — דעם לעזער — דריי הונדערט זייטן רייכן און אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל און דערצו אַ היפּשע דאָזע אָנרעגונגס־שטאָף אויף נאָכצוטראַכטן.

פון דעם ביז־איצט־געזאָגטן איז שוין, מסתּמא, פאַר דעם לעזער קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם בוך האַנדלט זיך וועגן פאַר־שווּנדענע מענטשן. אַ סך וועלן אפשר אויפשטעלן מויל און אויערן: וואָס הייסט עפּעס — פאַרשווּנדענע מענטשן? מיר האָבן

אין די לעצטע יאָרן זייער פיל געהערט וועגן דעם „פאַרגעסענעם מענטש״; מיר האָבן אויך געהערט מכּוח לעגענדאַרישע „פאַר־שווּנדענע קאָנטינענטן״ און אימפּעריעס, ווי „אַטלאַנטיס״, דאָס „קעניגרייך מו״; אָבער אַ פאַרשווּנדענער מענטש? וואָס איז דאָס אַזוינס? וווּהין פאַרשווינדט ער?

אָבער אַזאַ מענטש איז דאָ, אַ פאַרשווּנדענער מענטש, און נישט איינער איז ער, נישט אַ צענטליק, אַפילו נישט קיין הונדער־טער. פאַרשווּנדענע מענטשן זענען דאָ אין די מיליאָנען. מעגלעך, אַז אין דעם געדיכטן מענטשן־שטראָם, וואָס שטויסט אונז ווי אַ מעכטיקע ים־כוואַליע אויף „טאַימס־סקוועער״, צי אין אַן אַנדער רוישיקער געגנט פון ניו־יאָרק, אָדער פון וועלכער אַנדער גרויס־שטאָט, באַגעגענען מיר זיך אויג אויף אויג, אָדער אַקסל אויף אַקסל, צי פוס אויף פוס, מיט אָט־די פאַרשווּנדענע מענטשן, נאָר מיר ווייסן נישט, אַז זיי זענען פאַרשווּנדן, אַז זיי זענען נישטאָ... בלויז אין איין יאָר, אין 1937, זענען אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע פאַרשווּנדן איבער אַ מיליאָן מענטשן. מענער און פרויען און יוגנט. אַ טייל פון זיי האָט זיך מיט דער צייט אָפּגע־זוכט. דאָס רוב איז ווי אין וואַסער אַריין.

ווּ פאַרשווינדן זיי? און דער עיקר: פאַרוואָס פאַרשווינדן זיי, אָט די הונדערטער טויזנטער מענטשן? געווים גייען דאָ אַריין אין חשבון אַ סך, זייער אַ סך, וואָס אַנטלויפן פון חובות, פון זייערע „בעסערע העלפטן״, פון שונאים, פון געזעץ, אָדער פון אומגינ־סטיקע באַדינגונגען. אָבער זייער פיל טויזנטער פאַרשווינדן אָן וועלכער־ס׳איז — באַוווּסטער — סיבּה. אַלץ איז, דאַכט זיך, גע־ווען אין אָרדנונג מיט זיי. זיי האָבן געהאַט אַלץ, וואָס אַ מענטש קאָן און וויל האָבן, האָבן אויסגעזען צופרידן און גליקלעך און דאָך — מיטאַמאָל נישטאָ זיי. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות קאָן עדות זאָגן וועגן איינעם אַזאַ פאַל, מיט זיין אייגענעם ברו־דער, אַ יונגערמאַן פון 28 יאָר, וואָס איז מיט אַכט יאָר צוריק פּלוצים פאַרשווּנדן אין לאָס־אַנדזשעלעס — פון דער רוישנדי־קער גאַס אַראָפּ, אינמיטן העלן טאָג — און נישטאָ קיין שפּור פון אים ביזן היינטיקן טאָג.

אָדער נאָך אזא פאַל: אין אַ הויז אין דער בראָנקס זיצט אַ פאַמיליע און פריינט ארום אַ טיש. מ׳פאַרברענגט פריילעך. מיטאַמאָל כאַפּט מען זיך, אז די ציגאַרעטן זענען אויסגעגאַנגען. דער יונגער 17־יאָריקער זון פון דער פאַמיליע גייט אַראָפּ קויפן ציגאַרעטן, טוט אפילו נישט אָן דאָס רעקל, ווייל ס׳איז באַלד דער־לעבן, אין ראָג גאַס. דאָס איז געווען מיט 22 יאָר צוריק. ביז היינטיקן טאָג איז ער נישט צוריקגעקומען מיט די ציגאַרעטן. ווּ איז ער אהינגעקומען? קיינער ווייסט נישט. נאַטירלעך איז ער ערגעץ דאָ — דאָ, ווּ די אַנדערע הונדערטער טויזנטער פאַר־שווּונדענע מענטשן. אָבער פאַר זייערע אייגענע זענען זיי פאַר־לוירן. ביי זייערע אייגענע אין הארץ איז געבליבן טרויער און אומ־רו וועגן דעם אומבאַקאַנטן גורל פון זייער בלוט און פלייש.

וואָס פאַרט מאַכט אַ מענטשן, אז ער זאָל אָן וועלכער־ס׳איז אויסערלעכער סיבה פאַרשווינדן — אזוי אומגעריכט, אפשר לויט אַ מאָמענטאַלן אימפּולס? דער איינציקער ענטפער אויף דער דאָ־זיקער פראַגע קאָן, לויט מיין מיינונג, זיין, אַז פאַרשווינדן איז אַן אַנדער פאָרם פון זעלבסטמאָרד. בעת ביי זעלבסטמאָרד גייט דער מענטש אינגאַנצן אַוועק פון דער וועלט, לעשט זיך אויס אין אומבאַוווּסטן, גייט ער אַוועק — אין דעם פאַרשווינדונגס־אַקט — בלויז פון דעם ביז־איצטיקן לעבן, פון אַלע קרובים, פריינט און באַקאַנטע, פון אומשטענדן און באַדינגונגען, וואָס האָבן אים אי נ ע ר ל ע ך נישט באַפרידיקט. ער אַליין בלייבט, אָבער אין אַן אַנדער רעאַליטעט, אָפט אונטער אַן אַנדער נאָמען. ער איז ווײ־טער „ער״, דאָך אַן „אַנדערער״. דער צווייטער „איך״ אין אים, וואָס האָט זיך כסדר, אָפט אומבאַוווּסטזיניק, געריסן צו „עפּעס אַנדערש״, האָט גובר געווען יענעם „איך״, דעם „ערשטן״, וואָס האָט זיך צופרידנגעשטעלט.

דאָ האָבן מיר, הייסט עס, צו טון מיט אַ „זעלבסטמאָרד״, ווּ דער „זעלבסטמערדער״ בלייבט לעבן. דאָס איז אפשר דער אויסגאַנג פאַר יענע, וואָס האָבן נישט קיין מוט צו שטאַרבן, וואָס דער לעבנס־ווילן אין זיי איז צו שטאַרק. אָבער אויך צו אזא „זעלבסטמאָרד״ דאַרף מען האָבן מוט. מיטאַמאָל איבעררייסן מיט

אלץ און מיט אלעמען, מיט נאָנטע און אייגענע, מיט סביבה, מיט באַשעפטיקונג — דערצו פאָדערט זיך א סך כּוח, א סך קוראַזש. נישט אלע אינערלעך־אומצופרידענע קאָנען אַזוינס באַווייזן. די לעצטע ווערן דערפאַר אמאָל אַרויסגעהאָלפן פון א פאַרבאָרגענעם כּוח, פון זייער אייגענער פסיכיק, פון דעם אונטערבאַוווּסטזיין. דאָ קומט — אַמנעזיע.

אַמנעזיע — דאָס פאַרלירן דעם זכּרון — דאָס איז שוין א שאַרפערע פאָרם פון „לעבעדיקן זעלבסטמאָרד". דער פאַרבאָרגענער, דער אינערלעכער ווילן טוט א מענטשן צוליב. ביסט אומצופרידן, ווילסט עפּעס אַנדערש, שטרעבסט צו ווערן אַן אַנדערער, א נייער — גוט! וויש איך אָפּ דיין זכּרון. אויס פאַרגאַנגענהייט, אויס דאָס אַמאָליקע. נישטאָ מער דער נעכטיקער, אַפילו נישט דער היינטיקער. אלץ איז פאַר דיר פון איצט אָן לויטער צוקונפט, לויטער ניי, דורכויס בּראשית. דער מענטש, וואָס האָט ביז דעם געגעבענעם מאָמענט געלעבט און געשטרעבט, געהאַט א באַשטימטן נאָמען און א באַשטימטע באַשעפטיקונג, געווען געקניפּט און געבונדן מיט אייגענע און נאָנטע, מיט סביבה, מיט א קייט פּאַסירונגען, מיט א באַשטימטן שיקזאַל — אָט דער מענטש איז טויט, דער דאָזיקער מענטש איז מער נישטאָ. ער איז פאַקטיש געשטאָרבן. א נייער מענטש — מיט א נייעם נאָמען — איז געבוירן געוואָרן און דער דאָזיקער מענטש מוז אלץ אָנהייבן פונדאָסניי.

א סך פון די אַמנעזיע־לײַדנדיקע ווילן זיך דערמאָנען, ווילן צוריק אַרויסרופן זייער אַמאָל. אפשר איז עס מער נייגעריקייט, ווי אמתער ווילן אויפצווועקן דעם איינגעשלאָפענעם מענטשן פון פריִער. אָבער זיי טוען עפּעס. און מיט אַזוינע איז לייכטער צו האַנדלען. זייער שווער, כּמעט אוממעגלעך איז צו היילן יענע אַמנעזיע־קראַנקע, וואָס ווילן נישט צוריקגיין צום אַמאָל, וואָס דער צווייטער „איך" איז ביי זיי שטאַרקער, ווי דער „ערשטער". סוף־כּל־סוף קאָן יעדער אַמנעזיע־קראַנקער געפינען עפּעס א שפּור, וואָס זאָל אים צוריקפירן צום אַמאָל: א וויזיט־קאַרטל, א בריוו, א פּאַפּירל, וואָס וואַלגערט זיך כּמעט ביי יעדן מענטשן אין א קע־

שענע. אָבער דער פאַקט, וואָס אַזוי פיל אַמנעזיע־ליידנדיקע זענען פאַרלוירן אויף שטענדיק, באַווייזט, אַז זיי ווילן פאַרבלייבן „אַנ־דערע", אַז זיי האָבן מורא זיך צו דערמאָנען, מורא פאַר דאָס גע־ווען, פאַר דער וועלט, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון זייער זכרון. זיי ווילן, אַז דער פריערדיקער מענטש זאָל בלייבן טויט, אין קבר פון זייער געדעכעניש — אַ זעלבסטמערדער.

אייגנטלעך איז איטלעכער פון אונז אַזאַ סאָרט „זעלבסט־מערדער" אין דער, אָדער יענער פאָרם — אין געוויסע מאָמענטן. דערמאָנט זיך, וויפל צייט איר גיט אָפּ אויף חלומות אויף דער וואָר. אינמיטן העלן טאָג, ביי דער אַרבעט, אָדער גייענדיק אין גאַס, אָדער פאָרנדיק אין באַן לאָזן מיר זיך פּלוצים אַריין אין אַלערליי פאַנטאַזיעס, ווו מיר דערשיינען גאַנץ אַנדערש און אין אַנדערע סיטואַציעס, ווי אין דער רעאַליטעט, וואָס רינגלט אונז אַרום. אין אונזער פאַנטאַזיע לעבן מיר איבער די וווּנדערלעכסטע זאַכן, העלדישקייטן און פּאַסירונגען. אָן אָט־דער אויסגעחלומטער וועלט, וואָס יעדער פון אונז באַשאַפט זיך זייט־ביי־זייט מיט דער „רעאַלער" וועלט, וואָלטן מיר אפשר נישט בכּוח געווען איבער־צוטראָגן די פאַרשיידענע צרות און די גרויקייטן פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

פאַרוואָס לויפן מיר אין טעאַטער, צום קאָנצערט, צו מיטינ־גען, צו באַנקעטן, צו־גאַסט? יאָ, דער ענטפער איז אויבן־אויף: קונסט און געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער אין דער אמתן זענען דאָס בלויז תּירוצים. דער אמתער אמת איז, אַז מיר אַנטלויפן כּסדר פון זיך, פון דער אייגענער רעאַליטעט. מיר האָבן מורא צו בלייבן מיט זיך. מיר האָבן מורא פאַר דאָס שטענדיקע, פאַר דאָס טאָג־טעגלעכע, וואָס ווערט רוטין און — מאָנאָטאָן. אין קינאָ, אָדער אין טעאַטער, אָדער אויף דער פאַרזאַמלונג ווערן מיר פאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער רעאַליטעט. מיר פאַרגעסן דאָרט אָן זיך און אָן אַלע צרות און אומצופרידנקייטן, וואָס רינגלען אונז אַרום טאָג־איין און טאָג־אויס.

דאָס אייגענע, נאַטירלעך, אין דער ליטעראַטור. מיר לייענען נישט אַזוי צוליב קינסטלערישן געניוס, ווי צוליב — פאַרשווינדן,

אנטלויפן פון זיך. פארשטייט זיך, אז וואס גרעסער דער קינסט־לער איז, אלץ מער כוח האט ער אונז צו פארטראגן אין אן אנ־דער וועלט. דא דארף אויך געזאגט ווערן, אז וואס אינטעליגענ־טער דער לייענער איז, אלץ קינסטלעריש־ראפינירטער מוז זיין דער כוח, וואס טראגט אים אוועק אין אן אנדער וועלט. פאר דעם פראסטן חי־וקים איז גענוג שמ״רס א ראמאן, א ,,דאים נאוועל״ מיט אומגעלומפערטע פאסירונגען. אבער פארמשפטן טארן מיר זיי נישט, די דאזיקע פראסטע לייט. אויך זיי ווילן אנט־לויפן פון זיך, פון זייער ווירקלעכקייט, ווי מיר ווילן אנטלויפן פון אונזערע.

דער קינסטלער אליין איז דאך אן אנטלויפער. דער סאמע פראצעס פון קינסטלערישן שאפן — אין יעדער פארם פון קונסט — איז אן אנטלויפן פון זיך. דער קינסטלער האט די קראפט צו באַ־שאפן אן אנדער וועלט, אן אנדער רעאליטעט פאר זיך און פאר אנדערע. דער עיקר טאקע פאר זיך, ווארן ס׳איז קודם־כל זיין איי־גענער ווילן צו אנטלויפן, צו אנטרינען, וואס פירט זיין פעדער, זיין פענזל, אדער וועלכן־ס׳איז קינסטלערישן אינסטרומענט. דער שוישפילער אנטלויפט אין אן אנדער מענטש אריין. די ארע־מע, פיזיש נישט שיינע און נעבעכדיקע, ראשעל, וואס טראכט אפילו נישט פון קיין בינע־קאריערע, ווערט די גרעסטע שוישפי־לערין, ווייל זי דערפילט אין דער שוישפילערישער קונסט דעם גרויסן כוח זיך צו פארטראגן אין אנדערע וועלטן.

דער קינסטלערישער רוח־הקודש, וואס מאכט אים אין שאַ־פונגס־פראצעס פארגעסן די גאנצע וועלט און פארוואנדלט אים אין א גאנץ אנדער פערזענלעכקייט, איז, אייגנטלעך, א פארם פון אמנעזיע. ער פארגעסט דעם ארום און זיך אליין און לעבט זיך אינגאנצן אריין אין זיין אויסגעחלומטער וועלט, אין געשטאלטן און פאסירונגען, וואס זענען אנדערש ווי אין זיין באוווסטזיניקער רעאליטעט און וואס דורך זיי קומען זיינע אינערלעכע, אפט אומ־באוווסטזיניקע, דראנגען און פארלאנגען צום אויסדרוק.

קורץ: דעם מענטשנס פארבארגענער ווילן צו זיין אן אנ־דערער און אנדערש; זיין אינערלעכע שטרעבונג צו אנדערע

וועלטן — אַט־די שטרעבונג, וואָס שטעלט צו אַזוי פּיל טויזנטער פאַרשווונדענע מענטשן און אַמנעזיע־קראַנקע, איז אויך אין אַ גרויסער, אויב נישט אין דער סאַמע גרעסטער, מאָס פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר אונזערע קונסטן און אפשר אויך פאַר אונזער וויסנ־שאַפט און פילאָזאָפיע. יעדער מענטש איז מער ווי איינער. דאָס האָבן שוין אונזערע זיידעס געוווּסט און דאָס האָט אַרויסגעבראַכט און באַשטעטיקט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע. מיר זענען צוויי און אַמאָל דריי און פיר — און אין יעדן פון אונז קומען פאָר אי־נערלעכע מלחמות צווישן די פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן, וואָס יעדער פון זיי רייסט זיך אַפּט אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג, אַט ווי דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם „ויתרוצצו" אין דער מאַמע רבקהס טראַכט.

אפשר, ווען די פאַרשיידענע „איכן" וועלן שלום ווערן אין דעם יחיד, וועט אויך קומען צו אַ שלום צווישן פעלקער און ראַ־סען. אפשר... אָבער בייז זיין דאַרפן מיר פונדעסטוועגן נישט אויף די יצר־הרעס און יצר־טובס אין אונזער פּסיכיק, וואָרן אָן זיי וואָלט אפשר די וועלט געווען פּוסט און וויסט, אָן קאָליר, אָן קונסט, אָן וויסנשאַפט, אָן פאַרבנרייכע פּאַסירונגען...

שעקספּירס משפּט...

וויליאם שעקספּיר — אַ בירגער פון דער שטאָט סטראַט־פאָרד, ענגלאַנד, אַן אַקטיאָר, דער זון פון אַ תּבואה־סוחר — האָט לאַנג, זייער לאַנג געוואַרט אויף זיין משפּט, אָבער, ענדלעך, זיך דערוואַרט. אמת, ס'איז נאָך אַלץ נישט קיין משפּט אין פולן באַטייט פונם וואָרט, מיט דער געהעריקער געריכטלעכער פּראָצע־דור און לעגאַליסטישע קליפּערלעך, אָבער אַ גוטער אָנהויב איז עס. צום ערשטן מאָל ווערט די באַשולדיקונג קעגן דעם דערמאָנטן סטראַטפאָרדער בירגער אַוועקגעשטעלט אויף אַ יורידישן באַזיס, און מ'מוז מודה זיין, אַז דאָס איז אַ גרויסע טובה פאַר מיסטער שעקספּיר. אין געריכט ווערן אַלע טענות, וואָס זענען אין משך פון אַזוי פיל יאָרן קעגן אים אַרויסגעשטעלט געוואָרן, בטל־ומבוטל. דעם תּבואה־סוחרס זון קומט אַרויס ריין.

איר שטויסט זיך מסתּמא אָן, אַז דער סטראַטפאָרדער ביר־גער, וואָס טראָגט דעם נאָמען וויליאַם שעקספּיר, איז דאָס טאַקע דער זעלביקער שעקספּיר, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען איבער דער גאָרער וועלט מיט אַזעלכע טעאַטער־שטיק, ווי „האַמלעט", „דער סוחר פון ווענעדיק" (שיילאָק), „קעניג ליר", „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ" און אַנדערע ווערק. אין וואָס ער ווערט באַשול־דיקט, איז אייך אפשר אויך באַוווּסט — זייער אַן ערנסטע באַשול־דיקונג: פּלאַגיאַט. ניין, נישט דאָס, וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט פרעמדע סיוזשעטן, נאָר עפּעס ערגערס: וויליאַם שעקספּיר זאָל האָבן אַרויסגעשטעלט זיין נאָמען אויף פרעמדע ווערק, בעת ער

אליין איז געווען אַ פּראָסטער חי־וקים, אפילו אַ גאַנץ שוואַכער אַקטיאָר, אָבער דערפאַר אַ כיטרער, געשייטער חברה־מאַן...

ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז שעקספּיר זאָל פּלאַגי־אירן אַזוי פיל טעאַטער־שטיק? אויף דעם זענען דאָ צוויי ענט־פערס. איין ענטפער איז, אַז אַלס טעאַטער־אייגנטימער האָט ער אָפּגעקויפט די ווערק פון אָרעמע מחברים און זיי מזכה געווען מיט זיין נאָמען — פּאַסירן דאָך אַזוינע זאַכן אויך אין דער היינ־טיקער צייט! דער צווייטער ענטפער איז, אַז אַזוי ווי אין שעקס־פּירס צייט איז דאָס טעאַטער געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקער מדרגה, און „בכבודיקע" מענטשן האָבן זיך דערמיט געשעמט, האָט אַ פּראָמינענטע פּערזאָן, וועלכער האָט געשריבן פּיעסעס, „גע־פועלט" ביי דעם אַקטיאָר און טעאַטער־אונטערנעמער, וויליאַם שעקספּיר, אַז ער זאָל פיגורירן אַלס דער מחבר פון די פּיעסעס. אַזוי־אַרום איז דער פּשוטער אַקטיאָר אַריין אין דער אייביקייט אויף יענעמס חשבון.

אַז שעקספּיר איז נישט דער מחבר פון שעקספּירס ווערק — צו אָט־דעם געדאַנק זענען געווען שעקספּיר־פאָרשער און כתם שריפטשטעלער, צווישן זיי ד ע ל י אַ ב י י ק אָ ן, אִ י ג נ אַ־ ט י ו ס ד אָ נ ע ל י און מ אַ ר ק ט וו ע י ן, געקומען אויפן גרונט פון באַרימטן סטראַטפאָרדערס ביאָגראַפיע. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ דריט־קלאַסיקער, קליינשטעטלדי־קער אַקטיאָר זאָל קאָנען שאַפן אַזעלכע געניאַלע ווערק, טייל פון זיי באַזירט אויף היסטאָרישע פּאַסירונגען; אַרויסזאָגן אַזוינע טי־פע געדאַנקען און באַווייזן אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע מייסטער־שאַפט. ס'איז כדאי דאָ צו ברענגען כאָטש איין ציטאַט פון אַ קאָ־מענטאַר אויף שעקספּירס ביאָגראַפיע, וואָס דער באַקאַנטער אַמע־ריקאַנער שריפטשטעלער, אַ ל י וו ע ר ה ע ר פ אָ ר ד, האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געמאַכט און וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אַנטי־שעקספּירישע אָפּהאַנדלונגען פון דעם מין.

„דער דאָזיקער שעקספּיר, — שרייבט הערפאָרד, — איז גע־ווען אַ סטראַטפאָרדער דאָרפסמאַן, וואָס מכוח זיין בילדונג און קולטור איז גאָרנישט באַקאַנט; וועמענס אונטערשריפט איז געווען

אַן עם־האַרצישע קאַטשערע; וועלכער האָט נישט געקענט קיין איין שפּראַך, אָדער מדינה, אַחוץ זיין אייגענער; וועלכער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר אויף אַ קליינעם שטייגער! אָבער געהאַט פאַרבינדונגען מיטן טעאַטער און האָט אים אין עטלעכע יאָר דערמעגלעכט זיך אומצוקערן אין זיין היימשטאָט און זיך איינגאַנצן אָפּגעבן צו לאַנד־קויף און תבואה־האַנדל, נישט טראַכטנדיק אפילו מער וועגן דער אויפפירונג, אָדער פּובליקירונג פון די טעאַטער־שטיק, וואָס ער זאָל האָבן געשריבן".

אין דעם זעלבן אַרטיקל רופט הערפאָרד אַן שעקספּירן „שאַנ־טאַזשיסט" און „פאַלסיפיקאַטאָר", אַזוי זיכער איז ער, אַז שעקס־פּיר האָט נ י ש ט געשריבן שעקספּירס ווערק. ווער־זשע דען האָט זיי געשריבן? די אַנטי־שעקספּירשע שעקספּיר־פאָרשער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ מחבר. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די קברים איין וויכטיקע פערזענלעכקייט נאָך דער אַנדערער, און איי־דער דער טינט איז פאַרטריקנט געוואָרן אויף איין בוך, וואָס שטעלט־צו אַ פאַרפאַסער פאַר שעקספּירס ווערק, איז שוין דער־שינען אַן אַנדער בוך מיט אַ נייעם פאַרפאַסער. פאַרשטייט זיך, אַז געזוכט האָט מען בלויז צווישן יענע, וואָס האָבן געלעבט אין איין צייט מיט דעם „סטראַטפאָרדער אַקטיאָר".

די גרעסטע שאַנסן אויף שעקספּירס קרוין האָט געהאַט דער גרויסער ענגלישער פילאָזאָף פ ר אַ נ ס י ס ב י י ק אָ ן. ס'האָט גע־הייסן, אַז בייקאָן האָט אַרויסגעשטעלט וויליאַם שעקספּירס נאָמען אויף זיינע פּיעסעס, סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געשעמט צו פאַרבינדן זיין נאָמען מיטן טעאַטער; סיי צוליב פּאָליטישע טעמים. בייקאָן איז, נעמלעך, געווען אַ גרויסער חשוב אין קעניגלעכן הויף, און אין די פּיעסעס ווערן קעניגלעכע פערזענלעכקייטן אָפּט אַרויסגעשטעלט אין קיין נישט איבעריק שיין ליכט. נישט לאַנג צוריק איז אַפילו אַרויסגעקומען ד זשיי עדו־אַ ר ד מ אָ ר ג אַ ן , אַ פאָרשער פון דער עליזאַבעטישער עפּאָכע אין ענגלאַנד, און „באַוויזן", אַז פראַנסיס בייקאָן, קעניג עדוואַרד דער זעקסטער און וויליאַם שעקספּיר זענען געווען איין און די זעלביקע פערזאָן — אַ מין דריי־אייניקייט...

אָבער בייקאָן איז נישט דער איינציקער פּרעטענדענט אויף שעקספּירס קרוין. טייל שעקספּיריאַנער האָבן אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט דעם לאָרד ר ו ט ל אַ נ ד און דווקא געוואָלט האָבן, אַז ער און נישט קיין אַנדערער, איז דער מחבר פון שעקספּירס ווערק. עס זענען געווען נאָך אַנדערע פּרעטענדענטן, שריפטשטעלער און נאָטאַבלען פון שעקספּירס צייט, וואָס מ'האָט זיי געוואָלט — אויפן יסוד פון אַלערליי קינסטלעך צונויפגעשטוקעוועטע „באַווייזן" — איבערגעבן שעקספּירס אומשטערבלעכקייט. אין דער אומגעהייער־רייכער שעקספּיר־ליטעראַטור זענען דאָ הונדערטער ביכער, וואָס זייערע מחברים האָבן זיך געשטעלט דעם צוועק צו דעמאַסקירן דעם סטראַטפאָרדער תבואה־הענדלערס זון. אַזוי, למשל, האָט די „שעקספּיר־פעלאָזשיפ", אַ געזעלשאַפט, וואָס צו איר געהערן אייניקע פון די וויכטיקסטע שעקספּיר־פאָרשער, פאַרעפנטלעכט בלויז אין די לעצטע פיר יאָר פ ע ר צ י ק ביכער, וואָס נעמען אַוועק פון שעקספּירן זיין גרויסע ירושה.

און אַט־דאָ קומען מיר צום לעצטן — און סענסאַציאָנעלסטן — פּרעטענדענט אויף שעקספּירס קרוין. אין די נאָר־וואָס דערמאָנטע פערציק ביכער ווערט פאָרגעשטעלט אַלס דער אמתער מחבר פון שעקספּירס ווערק ע ד וואַ ר ד ד י ־ ו ו י ר, דער זיבעצנטער לאָרד פון אָקספאָרד. אָבער דערהויפּט ווערן די באַווייזן פאַר דעם אָקספאָרדער לאָרד אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך „שעקספּיר אידענטיפיצירט", וואָס האָט אויפן שער־בלאַט אַ רעפּראָדוקציע פון עדוואַרד די־ווירס פּאָרטרעט, אַצינד דאָס אייגנטום פון הערצאָג פון פּאָרטלאַנד. און מ'מוז מודה זיין, אַז די ראיות, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעבראַכט, זענען זייער שטאַרקע.

קודם די רעפּראָדוקציע פון פּאָרטרעט. איר קוקט אויפן בילד פון עדוואַרד די־וויר און איר זעט פאַר זיך — שעקספּירן. דערזעלביקער אומגעווײנלעכער הויכער שטערן, די בויגנאַרטיקע ברעמען, די דינע וואָנסעס, די אייגענע געזיכטס־שטריכן, אפילו דערזעלביקער קאָסטיום. וואָס איז דערפון געדרונגען? דער מחבר פון „שעקספּיר אידענטיפיצירט" דרינגט דערפון, אַז דאָס פּאָפּולערע שעקספּיר־בילד, וואָס מיר אַלע קענען, איז נישט שעקספּירס, נאָר

עדוארד די־ווירס. דאָס הייסט, אַז די־ווירס דריי טעכטער, סוזאַן, די גרעפין פון מאָנטאָגמער; עליזאַבעט, די גרעפין פון דערבי; און ברידזשעט, די גרעפין בווירקשיר, וועלכע האָבן געירשנט זייער פאָטערס מאַנוסקריפּטן, האָבן געלאָזט באַנוצן זייער פאָטערס פאָרטרעט פאַרן בילד אויפן שער־בלאַט פון דער ערשטער אויפלאַגע פון זיינע ווערק. און די ווערק זענען אַרויס אונטער זייער פאָטערס פּסיידאָנים „וויליאַם שעקספּיר". אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט נישט צו טון געהאַט מיט וויליאַם שעקספּיר פון סטראַטפאָרד.

הייסט עס, אַז מיר ווייסן אַפילו נישט ווי דער „סטראַטפאָרדער אַקטיאָר" און „פּלאַגיאַטאָר" האָט אויסגעזען, וויבאַלד דאָס שעקספּיר־בילד, וואָס מיר קענען, איז גאָר די־ווירס... נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די אמתע סענסאַציע קומט ערשט — און ס'איז אַן ערשטקלאַסיקע סענסאַציע: מ'האָט געפונען אַ בוך, געבונדן אין רויטן טוך, וואָס אויף ביידע טאָוולען, דעם פאָדערשטן און דעם הינטערשטן, איז מיט גאָלד אויסגעגראַווירט: „די פּאָלשטענדיקע ווערק פון עדוארד די־וויר, זיבעצנטער לאָרד פון אָקספאָרד" — און צווישן די טאָוולען זענען איינגעבונדן אַלע טעאַטער־שטיק און לידער, וואָס זענען באַוווּסט אויף דער גאַנצער וועלט אַלס וויליאַם שעקספּירס. אויפן שער־בלאַט געפינען זיך אויך די ווערטער: „ערשטע אויפלאַגע".

דאָס דאָזיקע געפינס איז ווירקלעך אַ מיסטעריע. און עס פרעגן זיך אַ סך קשיות: ווו איז אָט־דאָס זעלטענע בוך געווען ביז אַהער? פאַרוואָס האָט די־וויר אויסגעקליבן דעם פּסיידאָנים וויליאַם שעקספּיר און אַפילו נאָך זיין טויט האָבן די טעכטער זיינע איבערגעלאָזט דעם פּסיידאָנים, כאָטש אין אַן אַנדער אָרט פון ענגלאַנד, אין סטראַטפאָרד, איז געווען אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען? דאָ קאָן דאָך שוין נישט גילטן דער תירוץ, אַז דער מחבר האָט זיך באַהאַלטן, וויבאַלד זיינע טעכטער האָבן דערלויבט צו באַנוצן זיין פאָרטרעט פאַר אַ בילד אויפן שער־בלאַט. שטעלט זיך פאָר, אַז טאָלסטאָי, למשל, זאָל האָבן אַרויסגעשטעלט אויף זיינס אַ שאַפונג אַ פּסיידאָנים, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן, און זיינע טעכטער זאָלן

דערנאָך פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק מיט טאָלסטאָיס בילד אויפן שער־בלאַט — וואָלט דאָס נישט גענוג געווען צו וויסן, ווער דער אמתער מחבר איז?

און נאָך אַ קשיא: אויב דער אָקספאָרדער לאָרד האָט געשריבן אונטערן פּסיידאָנים וויליאַם שעקספּיר, ווי קומט ווידער אַ בוך פון זיינע געזאַמלטע ווערק אונטער זיין אמתן נאָמען? עפּעס שטימט דאָ נישט. האָבן מיר צו טון מיט אַ פאַלסיפיקאַציע, אָדער דער חשק צו באַווייזן, אַז דער „פּראָסטער יונג" שעקספּיר איז נישט געווען דער מחבר פון די געניאַלע ווערק, האָט אַזוי פאַר־בלענדט געוויסע פאָרשער, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם חוש פון אַנאַליז? זעען מיר דאָך, אַז בעת אַ טייל פאָרשער גייט עס ממש אין לעבן „פעסטצושטעלן", אַז שעקספּירס ווערק האָט געשריבן עמעצער אַנדערש, גייט עס אַנדערע אין לעבן מבטל צו זיין שעקס־פּירס טאַלאַנט. מילא, טאָלסטאָי האָט שעקספּירן מוראדיק אַראָפּגעריסן צוליב מאָראַלישע מאָטיוון. אָבער אַנדערע ווילן טאַקע האָבן, אַז שעקספּיר האָט פּשוט נישט געקענט שרייבן. וואָלטער האָט אים אָנגערופן „באַרבאַר". דריידען האָט איבערגע־שריבן „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ", צו ווייזן וויאַזוי אַזאַ טעמע דאַרף באַהאַנדלט ווערן. נו, שעקספּירס „שלעכט געשריבן" שטיק לעבט ביזן היינטיקן טאָג, בעת דריידענס „גוט איבערגעשריבן", מוסטערהאַפטע ווערק איז שוין לאַנג פאַרגעסן...

איבערהויפּט אין די לעצטע פּאָר יאָר האָט זיך, ווי געזאָגט, שטאַרק פאַרמערט די צאָל שעקספּיר־דעמאַסקירער, באַזונדערס טאַ־קע זינט דעם דערשיינען פון דעם נייעם פּרעטענדענט, די־ווירע. ס'איז דעריבער שוין רעכט צייט געווען פאַרצובערענגען דעם גאַנצן ענין פאַר אַ געריכט, פאַר אַן עפנטלעכן משפּט. און דאָס האָט איצט געטון עדגאַר לי מאַסטערס, איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער פּאָעטן און ביאָגראַפן, דערצו אַזוינער, וואָס שרעקט זיך נישט פאַר „געטער". אין זיין ביאָגראַפיע פון איבערהעם לינ־קאָלן, צום ביישפּיל, רייסט ער אַראָפּ דעם „גרויסן באַפרייער" פון זיין פּיעדעסטאַל, צעשמעטערט אַלע לעגענדעס אַרום אים, אין היפּוך צו אַלע אָנגענומענע מיינונגען און לינקאָלן־טראַדיציעס. בקצור,

גישט דער יראת־הכבוד פאַר שעקספּירס אָנדענק האָט מאַסטערסן באַוויזגן צום משפּט — און „ריינוואַשונג״ — פון דעם סטראַט־פאָרדער גאון, נאָר די דאָקומענטאַרע באַווייזן, וואָס וואָלטן, ווי מאַסטערס גלויבט, איבערצייגט יעדע זשורי, אַז שעקספּיר איז טאַ־קע שעקספּיר.

עדגאַר לי מאַסטערס ווענדט זיך צו זיין פיקטיווער זשורי מיט אַזאַ רעדע:

„וואָס זענען די באַווייזן אין אַ געריכט פון געזעצלעכקייט? — פרעגט ער די געשווירענע — און ער ענטפערט: דאָקומענטאַ־רע ראיות. און אָט די ראיות עקזיסטירן נאָך: ס׳איז געווען אַ שעק־ספּיר, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין סטראַטפאָרד, דער זון פון אַ תבואה־סוחר. ער איז באַפּטיזירט (געטויפט) געוואָרן דעם 26־טן אַפּריל, 1564, לויט דעם קלויסטער־רעגיסטער. דערדאָזי־קער זון איז געוואָרן אַן אַקטיאָר אין לאָנדאָן, ווי דאָס ווערט באַ־שטעטיקט דורך דער לעגאַלער דערלויבעניש און די אַפּישן. און ער האָט געהאַט אַ חלק אין עטלעכע טעאַטערס אין לאָנדאָן און ער האָט דאָרט אויך געקויפט לאַנד.

„זיינע פריינט זענען געווען באַקאַנטע פיגורן: די דראַמאַ־טורגן מיטשעל דרייטאָן און בען דזשאָנסאָן; ריטשאַרד בוירבעדזש, דער גרעסטער טראַגיקער פון זיין צייט, וועלכער האָט געשפּילט האַמלעט; און אויך דזשאָן העמינג און הענרי קאָנדעל, וואָס זענען אויפגעטרעטן אויף דער בינע צוזאַמען מיט שעקספּירן.

„שעקספּיר אַליין האָט אין יאַנואַר, 1616, אויסגעשטעלט אַ צוואה, ווו ער האָט אָפּגעשריבן העמינגן און קאָנדעלן געלט אויף קויפן אָנדענק־רינגלעך. אין אַפּריל פון יענעם יאָר איז שעקספּיר געשטאָרבן און באַגראָבן געוואָרן אונטער דער קלויסטער־קאַפּע־לע. אין זיבן יאָר אַרום האָט מען אים דאָרט אויפגעשטעלט אַ מאָ־נומענט.

„ווען שעקספּיר איז געשטאָרבן, זענען בלויז זעכצן פון זיינע טעאַטער־שטיק פּובליקירט געווען און די בלעטלעך פון זיי, פול מיט דרוק־פעלערן, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבערן שטוב. הע־

מינג און קאַנדעל האָבן צונויפגעקליבן אַלע זעקס־און־דרייסיק שטיק, וואָס מיר קענען זיי איצט אַלס שעקספּירס, און זיי אַרויס־געגעבן אין אַ גרויסער פאַליאַ, מיט אַ בילד פון שעקספּירן אויפן שער־בלאַט, באַגלייט מיט טריבוטן (אין פערזן) פון בען דזשאָנ־סאָן און אַנדערע.

„העמינג און קאַנדעל האָבן אויך צוגעגעבן אַ פאָרוואָרט צו שעקספּירס שריפטן, ווו זיי שרייבן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום כּוונה צו קריגן פון זייער אויפטו פּראָפיט, אָדער רום. זיי זענען בלויז אויסן „צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַזאַ פאַרדינסטפולן פריינט און חבר, ווי אונזער שעקספּיר. ס'איז אַ ווערטפולע אונ־טערנעמונג און מיר זענען זיכער, אַז דער מחבר אַליין, ווען ער וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער דאָס געוווּנטשן — צוזאַמענ־צושטעלן און אַרויסגעבן זיינע שריפטן".

„דאָס קומט, — רעדט מאַסטערס ווייטער, — פון שעקספּירס יאָרן־לאַנגע חברים־אַקטיאָרן און די באַליבטע אויספירער פון זיין צוואה. זיי זענען אויך מוסיף, אַז שעקספּירס קאָמפּאָזיציע איז גע־ווען פליסיג, אָן טעותים. עפּעס ענלעכס האָט וועגן שעקספּירס קאָמפּאָזיציעס געשריבן דער דראַמאַטורג דזשאָן וועב־סטער, אין 1612.

„ווי איר זעט, ווייזן די דאָקומענטן, אַז אַ מענטש מיטן נאָ־מען שעקספּיר האָט עקזיסטירט, אַז ער איז געווען אַן אַקטיאָר, אַז ער האָט געהאַט טעאַטערס אין לאָנדאָן, אַז ער האָט געהאַט אָנגע־זעענע פריינט און צוויי פריינט זענען געווען אַזוי איבערגעגעבן זיין אָנדענק, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו לאָזן זיינע אומפאַרעפנטלעכטע ווערק פאַרלוירן ווערן און זיי האָבן זיי אויפגעקליבן און פאַרעפנטלעכט. מ'דאַרף אויך אין זינען האָבן, אַז די געדרוקטע בלעטלעך פון די שריפטן, וואָס זענען דערשינען ביי זיין לעבן, האָבן אַלע געטראָגן שעקספּירס נאָמען און די דאַטעס פון די יאָרן, ווען זיי זענען געדרוקט געוואָרן.

„קאָן די זשורי איצט אַרויסברענגען אַ פּסק־דין צום גונסטן פון דעם תּבואה־סוחרס זון?"

מאַסטערס איז זיכער, אַז יעדע זשורי וואָלט געמוזט, אויפן

גרונט פון די דאָקומענטאַרע עדות, איינשטימען, אַז שעקספּיר איז טאַקע געווען שעקספּיר, אַז ער אַליין, און נישט קיין אַנדערער, האָט געשריבן שעקספּירס ווערק. און מאַסטערס רעדע פאַר זיין פיקטיווער ז׳שורי איז באמת קורץ און שאַרף און גלאַטיק — שווין אפשר צו־גלאַטיק, צו איינפאַך, אַז מ׳ווונדערט זיך פשוט, וואָס די אַלע שעקספּיר־פאָרשער, וועלכע גלויבן נישט אין שעקספּירס אויספאָרשאַפט, זאָלן דאָס נישט וויסן. איז עס מעגלעך, אַז זיי זענען נישט באַקאַנט מיט די דערמאָנטע דאָקומענטן און פאַקטן? דאָס איז שווער זיך פאָרצושטעלן. אָבער וואָס וועלן זיי ענטפערן מאַסטערסן? ווייזט אויס, אַז דער דיספּוט ארום שעקספּירס אידענטיפיקאַציע וועט זיך נאָך אַזוי שנעל נישט ענדיקן...

די אייביקע טעמע: אַנטיסעמיטיזם*)

די צאָל ווערק — און מיינונגען — וועגן אַנטיסעמיטיזם איז גרויס. אַלערליי מאָטיוון ווערן צוגעשריבן דעם יידנהאַס — מאָטיוון פון ראַסע, רעליגיע, פּאָליטיק, עטיק און אפילו עסטעטיק. בעת טייל האַלטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיין שורש אין די גויאישע פאָראורטיילן, געפינען אַנדערע זיין מקור אין יידן גופא, אָדער אין דער מענטשלעכער געשיכטע אין אַלגעמיין. מיר דאַכט זיך, דעריבער, אַז מ'דאַרף דאָ אָנווענדן אַ היפּאָטעזע. לאָמיר אויף אַ מאָמענט אָננעמען, אַז אַלץ, וואָס די שונאי־ישראל זאָגן וועגן יידן, איז אמת און אַז די אַלע מוראדיקע חסרונות און אפילו פאַרברעכנס, וואָס מ'האָט דעם יידישן פאָלק צוגעשריבן אין פאַרלויף פון פיל יאָרהונדערטער, זענען נישט קיין פאַנטאַזיעס און בלבולים פון זייערע פאַרפאָלגער, נאָר ליגן טאַקע אין דער טבע פון יידנטום. נו, ווען מיר נעמען אַזוי אָן, ווערט עס אויך נויטיק זיך צו באַקענען מיט די באַשולדיקער, מיט די אָנקלאָגער פון יידישן פאָלק. די פּערזענלעכקייט פון אָנקלאָגער שפּילט אַ ראָלע אין יעדן פּראָצעס. אויב אין אַ געריכט זאָל דערשיינען אַ מענטש מיט אַ לאַנגן פאַרברעכערישן רעקאָרד אַלס דער, וואָס באַשולדיקט

---

*) די עסיי וועגן אַנטיסעמיטיזם איז פריער דערשינען אין ענגליש, דורך דער „איגל פּאָבלישינג קאָמפּאַני״, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1937, און איז אויסגערעכנט געווען אויפן נישט־יידישן לייענער. אָבער זי האָט אויך אַן אינטערעס פאַרן יידישן עולם, איבערהויפּט פאַר יענע, וואָס זיי קומט אויס צו דיסקוטירן מיט נישט־יידן וועגן דער פראַגע, וואָס ווערט דאָ באַרירט.

עמעצן אין א פארברעכן, וועלן אפילו יענע, וואס זענען גענייגט געווען צו גלויבן אין דעם אנגעקלאגטנס שולד, אנהויבן צווייפלען. ווי איז מעגלעך צו גלויבן דאס ווארט פון איינעם, וואס רויבן און מארדן, א פשיטא שוין זאגן ליגנס, זענען פאר אים אן אלטעגלעכע זאך? גאנץ אנדערש איז, ווען דער אנקלאגער איז באקאנט אלס אן ערנהאפטער, ערלעכער, ציכטיקער מענטש. דער ערשטער איינדרוק וועט זיין, אז א מענטש, ווי ער, וועט נישט סתם מאכן א בלבול אויף עמעצן.

ווער זענען די אנקלאגער פון יידישן פאלק? לאמיר זען: אויף דער גאנצער וועלט זענען דא צוויי מיליארד נפשות. פון זיי זענען קוים א 17 מיליאן יידן. פון די 17 מיליאן זענען א צוועלף מיליאן אויסגעפאלן אויף דריי לענדער — רוסלאנד, פוילן און די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, בעת די איבעריקע פינף מיליאן זענען פונאנדערגעווארפן אין קליינע חלקים איבער דער גאנצער וועלט. די יידן זענען קיינמאל נישט געווען צווישן די בעלבאטים פון דער וועלט, אפילו נישט דעמאלט, ווען זיי זענען געזעסן אין זייער אייגן, קליין לענדל. אויך דעמאלט זענען זיי כסדר געווען די קרבנות פון פרעמדע ארייגדרינגער, פון מעכטיקע אויבערהארן, רוימער, גריכן, אשורים.

נאכן פארלוסט פון זייער זעלבסטשטענדיקייט האבן די יידן שוין קיינמאל מער נישט פארזוכט דעם טעם פון אפילו אזא אומבאדייטנדיק און שטארק באגרענעצט מלוכה־לעבן, ווי דאס איז געווען אין ארץ־ישראל. אמת, די קולטור און ציוויליזאציע פון דער מענטשהייט זענען אויסגעשמאלצן געווארן אונטער דער גייסטיקער השפעה פון יידנטום, סיי דירעקט, סיי אינדירעקט — דורך דעם קריסטנטום און איסלאמיזם — א השפעה, וואס איז אפשר דאס גרעסטע וווּנדער אין דער גאנצער מענטשלעכער געשיכטע. אבער די השפעה זעט אויס — אין ליכט פון דער אומקריסטלעכער פירונג פון דער קריסטלעכער וועלט — צו זיין א ריין אויסערלעכע. ווען די וועלט וואלט זיך געפירט קריסטלעך, לויט די פארשריפטן פון דער ביבל, דעם אלטן און נייעם טעסטאמענט, וואלט דער ייד געהאט אלע אורזאכן צופרידן צו זיין און זיין גורל וואלט

א סך ליכטיקער געווען. ליידער איז עס נישט אזוי. וואָס איז נוגע דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פירונג פון דער וועלט — דאָ האָט שוין דער ייִד, ווי געזאָגט, גאָר קיין האַנט נישט, כאָטש ער האָט ארויסגעגעבן גרויסע שטאַטסלייט, סיי אין מיטלאַלטער, סיי אין די שפּעטערדיקע עפּאָכן. גענוג צו דערמאָנען ד׳איזראַעלין און וואַלטער ראַטענוי, אָבער דער ערשטער האָט געפירט בריטישע פּאָליטיק און דער צווייטער — דייטשישע פּאָליטיק און פאַר זיין דייטשישן פּאַטריאָטיזם האָבן אים די נאַצים באַלוינט מיטן טויט... ייִדן האָבן דערפון גאָרנישט געגאָסן און זענען ווייטער געבליבן היימלאָזע, פאַרפאָלגטע.

פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען און פעלקער זענען אויפגעקומען, מעכטיקע אימפּעריעס זענען צעשטויבט געוואָרן און מעכטיקע אימפּעריעס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון דעם ייִדס וואַנדערונג איבער דער וועלט. אומעטום און שטענדיק זענען די הערשער פון דער וועלט געווען נישט־ייִדן, די נישט־ייִדן האָבן געפירט און רעגירט דעם גורל פון נאַציעס און קולטורן. און וואָס פאַר א פירונג איז דאָס געווען? די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז א געשיכטע פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען. איין פאָלק קעגן אַנדערן און פאַרשיידענע גרופּעס אין איין און דעמזעלביקן פאָלק, איינע קעגן די אַנדערע האָבן כסדר געשאַרפט די שווערדן, געראַבט שטיקער לאַנד איינע ביי די אַנדערע, געהאַקט קעפּ, פאַרפליצט די וועלט מיט טייכן בלוט, מיט חורבן און טויט.

אזוי קייטלט זיך די געשיכטע פון דער וועלט — דור נאָך דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט — און יעדער רינג אין דער קייט איז רויט פון מענטשלעך בלוט; יעדער דור איז אָנגעפילט מיטן וויי־געשריי און גסיסה־כאָרכל פון די קרבנות פון מלחמות, קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס און בירגערקריגן. אָקאָרשט אין אונזער אייגענער צייט זענען מיר געווען די עדות פון א ריי גרוילעכע פאַרברעכנס. קודם די וועלט־מלחמה, ווו פיל פעלקער האָבן זיך געשניטן די העלזער איינע די אַנדערע, פאַרזייט די ערד מיט קברים פון צענדליקער מיליאָנען יונג־פאַרשניטענע לעבנס;

אָנגעפילט יעדעס לאַנד מיט הילפלאָזע קריפּלס, אַלמנות און יתומים; פאַרענדיקט דעם ספּעקטאַקל מיט אַ שענדלעכן פרידן, וואָס איז באַלד באַגלייט געוואָרן פון קליינע — לאָקאַלע — מלחמות אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דעם גלאָבוס. דער אויפשטייג פון פאַשיזם מיט זיינע שענדלעכע פאַרברעכנס; דער נאַצירעזשים אין דייטשלאַנד; דער הימלשרייענדיקער אָנפאַל פון איטאַליע אויף דעם הילפלאָזן קריסטלעכן ברודער אין עטיאָפּיע, ווו מ׳האָט מיט דער גרעסטער ברוטאַליטעט, אָן דעם מינדסטן רחמנות, אומגעבראַכט דורך באָמבעס, גיפטיקן גאַז און אַנדערע כּלי־משחית, צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער; די בלוטיקע אָרגיע אין שפּאַניע — דאָס אַלץ זענען בלויז עטלעכע בלוטיקע מאָמענטן אין דער מאָדערנער געשיכטע פון נישט־ייִדישער הערשאַפט.

די אַלע מינים אָנקלאָגער פון ייִדישן פאָלק האָבן דעם טרויעריקן מוט אַרויסצושטעלן אַלערליי טענות צו דעם, דורך דורות־געפּייניקטן ייִדישן פאָלק — טענות, וואָס ווידערשפּרעכן זיך איינע די אַנדערע, און וואָס אפילו, ווען זיי זאָלן אמת זיין, זענען זיי אוים אַזוי נישטיק, אַזוי אומבאַדייטנדיק קעגן די אומגעהויערע, בלוט־פאַרגליווערנדיקע פאַרברעכנס מצד די וועלט־הערשער, ווי נישטיק עס איז דער ציפער 17.000.000 אַנטקעגן 2.000.000.000. עס וואָלט אפשר געווען אַ קאָמפּלימענט דעם ייִדישן פאָלק, וואָס מ׳שרייבט אים, דער קליינער מחנה, צו אַזאַ אומגעהייערע מאַכט, וואָס שטעלט אין סכּנה די מעכטיקע מלוכות פון דער וועלט, אָדער ווי דער פאַל איז אין דייטשלאַנד, ווו אַ רעגירונג איבער עטלעכע און זעכציק מיליאָן מענטשן האָט געמאַכט פאַר דעם וויכטיקסטן פּונקט אין איר מלוכה־פּראָגראַם די מלחמה קעגן אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אויף איר טעריטאָריע — אָבער דער דאָזיקער „קאָמפּלימענט“ האָט דעם ייִדישן פאָלק צופיל קרבנות געקאָסט. און כאָטש די טענות פון די שונאי־ישראל, די אָפענע און די באַהאַלטענע, וואָס וואַרפן די שולד פון אַלע צרות אַרויף אויף דעם פּיזיש־קליינעם פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן ערד־קוגל, שטעלן מיט זיך פאַקטיש פאָר די גרעסטע קאָמעדיע, ווערט עס אָבער זייער

טראַגיש, ווען מ'טראַכט זיך אַריין אין די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער קאָמעדיע.

די באַשולדיקונגען קעגן ייִדנטום זענען אַזוי צאָלרייך, אַז נישט נאָר איין אַרטיקל, נאָר איין בוך וואָלט געווען צו קליין זיי אַלע אויסצורעכענען. טייל פון די באַשולדיקונגען האָבן די קריסט־לעכע פעלקער איבערגענומען פאַרטיקע פון די געצנדינער, וואָס האָבן זיי געהאַט געוואָרפן קעגן די ערשטע קריסטן, איבערהויפּט דעם בלוט־בלבול... אָבער די בלבולים, וואָס די קריסטלעכע שונאי־ישראל האָבן אַליין דערפונדן, זענען נישט קליגער און נישט אמתער, ווי די ווילדע מעשה, אַז ייִדן, וואָס טאָרן נישט עסן קיין איי, ווו ס'געפינט זיך אַ בלוט־טראָפּן, מוזן האָבן מענטשלעך בלוט פאַר זייער ריטואַל. אָבער דער דאָזיקער שענדלעכער בלבול האָט דעם ייִדישן פאָלק געקאָסט אָן אַ שיעור קרבנות — און נאָך ביים היינטיקן טאָג ליידן ייִדן פון אים אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענ־דער. צווישן די מער „ציוויליזירטע" טענות צום ייִדישן פאָלק געפינען מיר אַזעלכע: ייִדן זענען פּאַראַזיטן און עקספּלואַטאַ־טאָרן; ייִדן זענען רעוואָלוציאָנערן, רעבעלן; ייִדן זענען גאָט־לעסטערער, ייִדן זענען אַ פאָלק פון האַנדל־וואַנדל, פון שאַכער־מאַכער. מאָדערנע פיינשמעקער — אַזעלכע ווי, אַ שטייגער, אין אַמעריקע, ה. ל. מענקען, טעאָדאָר דרייזער און יודזשין אָ'ניל — וואַרפן פאַר דעם ייִדישן פאָלק, אַז עס איז אומקינסטלעריש. נו, די אַלטע טענה, אַז ייִדן זענען גאָט־לעסטערער, מחמת זיי ווילן בשום־אופן נישט אָנערקענען דאָס קריסטנטום — קלינגט טאַקע זייער אמת, כאָטש אויך שטאַרק קאָמיש — וואָרן ס'איז דאָך ווירקלעך אַ שפּאַס, אַז די, וואָס ייִדן האָבן זיי געגעבן רעליגיע, האָבן טענות, הלמאַי זייערע רעליגיעזע בענעפאַקטאָרן באַקערן זיך נישט צו דער אמונה פון די „באַקערטע", פאַרגעסנדיק דערביי, אַז דאָס קריסטנטום איז בלויז אַ קליינער טייל פון ייִדנטום, און אַז אין קריסטנטום איז גאָרנישט דאָ אַזוינס, וואָס איז נישטאָ אין ייִדנטום און אַז דאָס קריסטנטום איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן נישט פאַר ייִדן, נאָר פאַר די אַנדערע פעלקער, די היידן, וואָס דאָס ייִדנטום וואָלט פאַר זיי געווען אַ צו קאָמפּליצירטער און צו שווע־

רער יאָך — דערפאַר טאַקע האָט דאָס קריסטנטום אַריינגענומען אין זיך אַזוי פיל פּאַגאַניסטישע עלעמענטן, אַ זאַך, וואָס דאָס אָריגינעלע ייִדנטום וואָלט זיך נישט געקאָנט דערלויבן.

נאָר איך בין נישט אויסן זיך דאָ אַריינצולאָזן אין אַ טעאָלאָגישן דיספּוט, וואָס קאָן דעם ענין אָוועקפירן אויף זייטיקע וועגן. דערעיקרשט וויל איך דאָ אָנווייזן אויף דעם ווערט פון די טענות צום ייִדישן פאָלק. די מעשה מיט די ציגל, וואָס מ׳האָט די ייִדן אין מצרים געהייסן קנעטן און דערביי זיי קיין שטרוי נישט געוואָלט געבן, איז ממש סימבאָליש פאַר דער גאַנצער ייִדישער לאַגע צווישן די פעלקער. מ׳האָט ייִדן אין פאַרשיידענע צייטן פאַרבאָטן צו באַזיצן לאַנד־אייגנטום — און דאָס איז אויך אין אונזער צייט פּראַקטיצירט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און נאָך איצט אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. מ׳האָט זיי מיט געוואַלט אָפּגעריסן פון דער ערד און דערביי פון דער נאַטור, פון ערד־אַרבעט. מ׳האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט אין די צעכן, פאַרמאַכט פאַר זיי די אינדוסטריעס (און אויך דאָס ווערט איצט פּראַקטיצירט אין פּוילן), דערנאָך אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז ייִדן זענען אומפּראָדוקטיוו און לעבן פון עקספּלואַטאַציע. מ׳האָט ייִדן געטריבן פון לאַנד צו לאַנד, זיי געצוווּנגען צו אַ לעבן פון שטענדיקער אומזיכערקייט און דערמיט געבראַכט, אַז איינצלנע ייִדן זאָלן ווערן וווּכערערס, אָנזאַמלען קאַפּיטאַלן, כדי אין אַ שעה פון נויט צו קענען אויסקויפן זייערע לעבנס, ווי אויך פון דעם כּלל — און מ׳האָט געשאַפן די לעגענדע, אַז אַ ל ע ייִדן זענען רייך, בלוט־זויגער, וווּכערניקעס.

אויף וויפל די אַלע מעשיות האָבן אַ האַפט, קאָן מען זען אין די לעצטע עטלעכע דורות אין ארץ־ישׂראל, אין רוסלאַנד, אין ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערע לענדער, ווו ייִדן, פריי פון באַגרענעצונגען, ווייזן אַרוים אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן — און ליבע — צו אַגריקולטור, האָרטיקולטור, ווי צו שווערע אַרבעטן אין פאַבריקן, אין מינעס און אויף די שאָסייען. פּונקט אַזאַ ווערט האָבן די בבא־מעשיות וועגן דער ייִדישער אומקינסטלערישקייט, וואָס די פריִער דערמאָנטע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער האָבן ביי אַ גלעזל ווייַן אַזוי שאַרף אונטערגע־

שטראָבן, גלייך דערמיט וואָלטן זיי געוואָלט באַרעכטיקן דעם בלוי־טיקסטן אָנפּאַל אויפן ייִדישן פאָלק אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנד. לענדער, וואָרן קעגן אָט־דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָגראָם אויף ייִדן האָבן די ליבע פיינשמעקער קיין וואָרט נישט געזאָגט. דער גאַנצער פּזמון פון דער ייִדישער אומקינסטלערישקייט באַזירט זיך, ווי ס'זעט אויס, אויפן ביבלישן פאַרבאָט קעגן בילדער — לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה, פאַרגעסנדיק, אַז דעמאָלט, ווען אָט־דער פאַר־באָט איז פאַרפאַסט געוואָרן, איז עס געווען אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אין קאַמף קעגן פּאַגאַניזם און האָט זיך באַצויגן בלויז אויף דער פּלאַסטיק, אָבער נישט אויף אַלע אַנדערע געביטן פון דער קונסט — איז דאָך די ביבל אַליין דער העכסטער אויס־דרוק פון קונסט, נישט נאָר אין אינהאַלט, נאָר אויך אין פאָרם, אין סטיל. דער בית־המקדש און שפּעטער די ייִדישע סינאַגאָגעס אין פאַרשיידענע לענדער זענען מוסטערן פון אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט, כאָטש אויסערלעך איז ייִדן אין פאַרשיידענע צייטן פאַר־באָטן געווען זיך צו באַווייזן מיט שיינקייט, כדי אויסצוזען נע־בעכדיק אין פאַרגלייך צו די קריסטלעכע קירכעס. ווייסן באמת נישט יענע הערן, וואָס רעדן וועגן ייִדישער „אומקינסטלעריש־קייט", די נעמען פון די הונדערטער גרויסע ייִדישע מאָלער, סקולפּ־טאָרן, דיכטער, בינע־קינסטלער און מוזיקער? די ליסטע איז צו־לאַנג, זי דאָ אויסצורעכענען.

דער נישט־ייִד, וואָס איז פריי פון פאָראורטיילן און וועגט אָביעקטיוו די היסטאָרישע פאַקטן אין פאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן גורל, מוז דעריבער זיך פרעגן: פאַרוואָס ווערט דער ייִד פאַר־פאָלגט? אַ פראַגע, וואָס אויך ייִדן פרעגן. און די ענטפערס אויף דער פראַגע זענען פאַרשיידן. בעת, למשל, בערטראַנד ראָסעל זוכט דאָס צו דערקלערן מיט פיזיאָלאָגיש־פּאַטאָלאָגישן ווידערווילן צום פרעמדן, ווי דאָס קומט אויך צום אויסדרוק צווישן פאַרשיידענע מינים מוראַשקעס, ווייל דאָס לאַיד דזשאָרדזש פאַרענטפערן דער־מיט (אין זשורנאַל „ליבערטי" פון 6־טן מערץ, 1937), וואָס ייִדן האָבן אין משך פון די יאָרהונדערטער אויפגעהאַלטן זייער נאַ־ציאָנאַלן אייגנאַרט, פּרעזערווירט זייער אינדיווידואַליטעט אַלס

אָריענטאַליש פאָלק. דער לעצטער ענטפער איז דער פּאָפּולערסטער פון די הונדערטער ענטפערס אויף דער פריִערדיקער פראַגע, און— ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין — אויך דער פאַלשסטער. דער אמת איז, אַז ייִדן האָבן זיך יאָ אַסימילירט און אין טייל לענדער אַזוי שטאַרק, אַז מ׳קאָן זיי נישט אָפּטיילן פון דער איבעריקער באַפעל־קערונג, ווי דאָס איז דער פאַל אין פראַנקרייך און איטאַליע, ווי אַפילו אויסערלעך, מיט זייערע געזיכט־שטריכן, טונקעלע קאָמ־פּלעקציע און אַפילו זשעסטיקולאַציעס שיידן זיי זיך נישט אונטער פון די אַנדערע איינוווינער — און דאָך האָט עס זיי נישט גע־האָלפן, אויסצומיידן אַנטיסעמיטיזם מיט זיינע קאָנסעקווענצן.

וואָס איז נוגע דייטשלאַנד, וווּהין די ערשטע ייִדן זענען גע־קומען, ווי טייל היסטאָריקער זאָגן, כמעט אין איין צייט מיט די גערמאַנען, האָבן די נאַציס דערקלערט אַ בלוטיקן קרייץ־צוג קעגן ייִדן, נישט דערפאַר, וואָס די לעצטע האָבן זיך, חלילה, איזאָלירט, נאָר, אַדרבא, דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַ ס י מ י ל י ר ט, אַריינגעדרונגען אין דער „גערמאַנישער קולטור״ און דאָס גע־שריי איז דאָרט: ייִדן אַרויס פון אונזער קולטור! גייט זיך צו אייער אייגענער קולטור, שפּראַך און מנהגים! אין דעם זעלביקן לאַנד האָבן די אַנטיסעמיטן אויך נישט קיין טענה צו ייִדן, פאַרוואָס זיי ווילן נישט אָננעמען דאָס קריסטנטום, נאָר פאַרקערט: פאַרוואָס די ייִדן האָבן אויף די ווילדע פּאַגאַניסטישע גערמאַנען אַרויפגעצוווּנ־גען דאָס אָריענטאַלישע קריסטנטום, דעם ייִדישן דערלייזער מיט זיינע ייִדישע אַפּאָסטאָלן... אין דעם נאַציסטישן דייטשלאַנד וויל מען נישט נאָר נישט קיין אַסימילירטן ייִד, נאָר אַפילו איינער, וואָס זיין עלטער־עלטער־באָבע איז געווען אַ ייִדישע, מעג ער אַליין זיין אַ כשרער דייטש, ווערט באַטראַכט פאַר אַ ייִד. דער־פון קאָן מען, דאַכט זיך, זייער לייכט לערנען, אַז דער האַס קעגן ייִדן איז נ י ש ט דער פּועל־יוצא פון וועלכער־ס׳איז לאָזונג, אַפילו נישט פון וועלכן־ס׳איז איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל באַשטימטער באַשולדיקונג. דאָס איז אויך אַ גוטע לעקציע פאַר ייִדן, אַז וואָס זיי זאָלן נישט טון, וועט נישט טויגן און אַז אַסימילאַציע איז דאָס א ו מ ו ו י ר ד י ק ס ט ע שוץ־מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם.

בלייבט, הייסט עס, אַלץ אָפן די פראַגע, פאַרוואָס מ׳האָט פיינט ייִדן. דאָס מיינט אָבער בשום־אופן נישט, אַז די דאָזיקע פראַגע איז אָן אויסנאַמלעכע. וואָרן מ׳קאָן פּונקט אַזוי פרעגן: פאַרוואָס האָט איין פאָלק פיינט דאָס אַנדערע? פאַרוואָס האָבן פאַרשיידענע גרופּן אין דעם זעלביקן פאָלק זיך קעגנזייטיק פיינט און באַקעמפן זיך? בערטראַנד ראַסעלס אַנוויז אויף פיזיאָלאָגיש־פּאַטאָלאָגישע אינסטינקטן קאָנסטאַטירן, אמת, אַ צושטאַנד, אָבער פאַרענטפערן נישט די דערשיינונג. ווען מ׳איז דערצו מוסיף, אַז דער מענטש איז נאָך נישט צו ווייט אַוועק פון זיין אור־זיידן, דעם וואַלד־מענטש, די במעט־חיה, וואָס איז געווען פול מיט פאַר־דאַכטן, וואָס איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט געפאַרן, פּונקט ווי ער איז שטענדיק גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף אַנדערע — ווען מיר זענען דאָס מוסיף, דאָס הייסט: ווען מיר נע־מען אין באַטראַכט די אַטאַוויסטישע אימפּולסן, וואָס זענען אין דעם „ציוויליזירטן" מענטשן קוים פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ דיי־נער הויט פון קולטור, ווערט אונז פאַרשטענדלעכער דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון האַס, וואָס באַהערשט די וועלט. בעת די הערשע־רישע פעלקער מוזן אין דער צייט פון פרידן קאָנטראָלירן זייער קעגנזייטיקן מיסטרוי און קנאה־שנאה, צוליב אַרמייען און פּלאַנן, און לאָזן פריי זייער גאַנצע בעסטיאַליטעט בלויז אין צייט פון מלחמה, דאַרף מען זיך מיטן ייִד נישט צערעמאָניען. דער ייִד איז אומעטום אין אַ קליינער מינאָריטעט, אומבאַוואָפנט, אומבאַשיצט, דערצו אַן אייגענער בירגער, וואָס קיין אַנדער מלוכה וועט זיך פאַר אים נישט אָננעמען, קאָן מען זיך דערלויבן אויסצוגיסן דעם גאַנצן צאָרן אויף אים — אויך אַ טייל פון דעם האַס, וואָס מ׳טראָגט קעגן די מעכטיקע שונאים און וואָס בנוגע זיי מוז מען אים איינהאַלטן ביז אַ פּאַסיקן מאָמענט...

לגבי ייִדן קומען אין דער שנאה צו זיי צום אויסדרוק אויך אַנדערע — פּסיכאָלאָגישע — מאָמענטן, אפשר אומבאַוווסטזיני־קע. למשל, אַ געפיל פון פאַרדרוס, וואָס בעת מיר, די הערשערישע פעלקער, מוזן באַגיין אַלערליי פאַרברעכנס, בלוטיקע מעשים, כדי אָנצוהאַלטן אונזער מאַכט, גייט זיך אַרום אַ פאָלק, פריי פון

מלוכה־לעבן און ממילא אויך פריי פון אחריות פאר דעם גאנצן בלוטיקן וועלט־פלאנטער, פארבלייבנדיק מאראליש־ריין. דער גרויסער רוסישער קינסטלער און מאראל־פילאזאף, לעוו טאלסטאי, וועלכן מ'האט גערופן „דאס געוויסן פון רוסלאנד", האט אפן מקנא געווען די יידן זייער עקזיסטענץ אן א שטאט, אן די אלע איבלען פון שטאט — ארמיי, פאליציי, דיפלאמאטישע אינטריגעס. מ'קאן זיך דעריבער פארשטעלן, אז דאס, וואס האט ביים גרויסן רוסישן מאראליסט ארויסגערופן די קנאה פון באוווּנדערונג, זאל ביי פראסטע בשר־ודמס, צי זיי געהערן צום המון, אדער צו דער עליטע, ארויסרופן די קנאה פון האס און זיי זאלן ביי זיך אפ־מאכן, אז שוין דערפאר אליין זענען יידן ווערט קלעפּ... אבער די קלעפּ רופן ווידער אין די שלעגער ארויס דאס שולד־געפיל און בכדי צו פארשרייען דאס געוויסן, וואס רייסט זיך פון מענטש־לעכן לאבירינט, באווארפט מען דעם קרבן מיט אלערליי באשול־דיקונגען און בלבולים, צו באַרעכטיקן דעם שרעקלעכן אומרעכט קעגן אים. אין דאזיקן קאמפלעקס פון באוווּסטזיניקע און אומ־באוווּסטזיניקע סיבות פון יידנהאס דארף מען אויך ארייננרעכע־נען דעם מאטיוו פון פחדנות, דאס וועלן אנטלויפן פון דער איי־גענער אחריות און ארויפווארפן אלע שולדן אויף אן אנדערן: „דער ייד איז שולדיק אין אלע צרות!" דאס מאכט די באשולדי־קער אליין גרינגער. דערצו איז עס טאקע באקוועם — מ'ווענדט דערוויל אפ די אויפמערקזאמקייט צו די אייגענע פעלערן און פארברעכנס. זיי אליין זענען גאט די נשמה שולדיק און ווען נישט דער פארשאלטענער ייד, וואלט די וועלט געווען א גן־עדן. אויב זיי אליין, די באשולדיקער, גלויבן נישט אין דעם, קריגן זיי אבער גע־נוג נאראנים, וואס נעמען־אן די בבא־מעשה פאר גוט געלט.

דער ייד באצאלט אזוי־ארום דעם „ביל" פאר צרות און אומגליקן, וואס אנדערע ברענגען אויף דער וועלט און אויב אפילו די גייסטיקע פירער פון דער מענטשהייט שווייגן, אדער קומען־אפ מיט לייכטזיניקע דיסקוסיעס, — טא וואס זאל דער ייד טון, בעת ער ווערט אכזריותדיק אטאקירט פון אלע זייטן? זיכער קאן אים דא נישט העלפן זיין מאנען רעכט אויף עקזיסטענץ אין נא־

מען פון די נביאים, די שפּינאָזאַס, איינשטיינס, פרוידס און אנדערע גרויסע גייסטער, וואָס ער האָט געגעבן דער מענטשהייט, באַטש אין זיין הילפלאָזיקייט חזרט ער דאָס אָפט איבער, גלייך דער ייִד וואָלט נישט געהאַט קיין רעכט צו לעבן אויף אונזער ערד אָן זכות־אבות. אָבער זייענדיק כּסדר באַוווּסטזיניק אויפן פאַקט, אַז די וועלט איז נישט זיינע, אַז אַנדערע האָבן גאַנץ ערדיש ווערק פאַרכאַפּט פאַר זיך און באַהאַנדלען עס ווי זייער פּריוואַט אייגנטום, מוז ער אָנקומען צו אַלערליי פאַרצווייפלטע טענות. דאָך איז סוף־כּל־סוף זיין שטאַרקסטער וואָפן זיין אייביקער אָפּטימיזם, וואָס באַזירט זיך אויפן גלויבן אין ענדלעכן טריומף פון דער גערעכטיקייט, אַלמענטשלעכן פרידן און צווישן־פעלקערלעכער ליבע, ווי דאָס האָט פאָרגעזאָגט דער נביא ישעיה.

אמת, אויך דער ייִדישער אָפּטימיזם איז ביי מאַנכע — ווי, אַ שטייגער, ביי אַרטור שאָפּענהויערן, — אַ חסרון, וואָס ווערט געוואָרפן דעם ייִד אין פּנים אַריין. אָבער מיט דעם דאָזיקן גרויסן „חסרון", וואָס האָט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, אויפגעהאַלטן זיין קיום, וועט זיך שוין דער ייִד מוזן האַלטן, וואָרן וואָס בלייבט דער מענטשהייט בכלל — אויסער האָפענונג אויף אַ ליכטיקער צוקונפט?

אין משוּגענע טעג

כאָטש די אַרטיקלען, וואָס קומען דאָ אַריין אין דעם
אָפּטייל א. ג. „אין משוגענע טעג“, פאַרנעמען זיך
מיט אַ „צייט־טעמע“, אַ פּאָלעמיק מיט דייר חיים
זשיטלאָווסקי און אַנדערע יִדישע שריפטשטע־
לער וועגן זייער באַציִונג צו קאָמוניזם און
פאַשיזם, דאָך נעם איך זיי אַריין אין בוך,
גלויבנדיק, אַז זיי האָבן מער ווי
אַ פאָריבערגייענדיקן ווערט—מחמת
אין זיי ווערן פאַררעגיסטרירט די
שטימונגען און טענדענצן אויף
דער יִדישער גאַס אין
אַ באַשטימטער היסטאָ־
רישער עפּאָכע, אין
דער עפּאָכע פון
דיקטאַטור און
דעלוזיעס.

אַן אָפענער בריוו צו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

געערטער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי!

איך בין נישט געגאַנגען צו אייער אָפענער דעבאַטע מיט משה אָלגין וועגן דער נייער רוסישער קאָנסטיטוציע, אָבער איך זע, אז די דעבאַטע וועט איבערגעחזרט ווערן אין פילאַדעלפיע און מסתמא אויך אין אַנדערע שטעט; אויב איך זאָל מיטאַמאָל באַפאַלן ווערן פון אַ נייגיר צו הערן, וואָס איר און אָלגין האָבן צו זאָגן וועגן „סטאַלינס קאָנסטיטוציע״, ווי די „איזוועסטיא״ און „פּראַוודאַ״ באַצייכענען זי, וועל איך דעריבער נאָך קענען האָבן דאָס פאַרגעניגן, פאַר עטלעכע דאָלער באַן־הוצאות.

אָבער איך בין שטאַרק מסופק, צי אַזאַ נייגיר וועט מיך טאַקע באַפאַלן. נו, אָפנהאַרציק גערעדט: איך בין הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז איך וועל נישט פאָרן צו דער דעבאַטע, פּונקט ווי איך בין נישט געגאַנגען צו איר, נישט, חלילה, דערפאַר, וואָס איך בין נישט פאַראינטערעסירט אין אייער אַרגומענטאַציע, אין אייערע געדאַנקען און אידייען. אַדרבא, איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיי און האָב אַ טיפן רעספּעקט פאַר אייער פּערזענלעכקייט. אָט טאַקע דערפאַר קאָן איך נישט גיין צו אַ דעבאַטע, וואָס איר האָט פאַרפירט מיט אַ פּראָמינענטן מיטגליד פון אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט געבראַכט שאַנד און שפּאָט אויף דעם סאָציאַליזם; פון אַ פּאַרטיי, וואָס פאַראומרייניקט דעם נאָמען „רעוואָלוציאָנער״, וואָס דערפירט, דורך איר טאַקטיק, די גאַנצע וועלט צום פאַשיזם.

מיט אייער דערשיינען אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אין די לעצטע חדשים געהאַט איין עובדה,

צו טאַנצן אויף די קברים פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס סטאַלין דער־מאָרדעט סיסטעמאַטיש, ווי ער האָט זינט 1929 געטאַנצט אויף די קברים פון די ייִדישע מאַרטירער אין ארץ־ישראל און גראַטולירט די אַראַבישע פּאָגראָם־מאַכערס, די גערונגנגענע מערדער פון די רייִ־בע עפענדים, — מיט אייער דערשיינען, זאָג איך, אויף איין פּלאַט־פאַרמע מיט אָט־דעם מענטשן גיט איר בלויז צו פרעסטיזש דעם דאָזיקן ציניש קברים־טענצער און זיין בלוט־ און מאָרד־פּאַרטיי.

נאָך טרויעריקער איז אייער אויפטריט מיט מ. אָלגין אויף איין פּלאַטפאָרמע גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די מאָסקווער ערד איז נאָך נאַס פון דעם בלוט פון די פריש־דערשאָסענע רעוואָלוציאָנערן און נייע אַזעלכע שחיטות ווערן דאָרט צוגעגרייט; אין דעם מאָ־מענט, וואָס אין שפּאַניע האָבן די מאָסקווער שלוחים צעבראָכן דעם פאַרייניקטן פאָלקס־פראָנט דורך בלוט־בלבולים און פראָצעסן קעגן אַלע, וואָס פאַלן נישט כורעים פאַר דעם מאָדערנעם יאָהאַן גראָזני, יאָסיף דעם ערשטן; פאַר דעם ביסל הילף, וואָס די מאָסק־ווער דעספּאָטן האָבן געגעבן דער שפּאַנישער פאָלקס־רעגירונג, האָבן זיי זיך גענומען דאָס רעכט צו פּראָווען דאָרט דיזעלביקע בלוטיקע שטיק, ווי אין רוסלאַנד, און העלפן דערמיט די פאַשיס־טישע אַנפאַלער.

מיט זיינע מיטלאַלטערלעכע פּראָצעסן אין מאָסקווע האָט סטאַלין אַריינגעשפּילט די פאַשיסטן און רעאַקציאָנערן פון אַלע לענדער אין די הענט אַריין. היטלער יובלט, מוסאָליני רייבט זיך די הענט פון הנאה. די שוואַרצע כוחות אין אַמעריקע פרעגלען זיך פון נחת.

נאָר... אייער דעבאַטע האָט גאָרנישט צו טון דערמיט. די דע־באַטע פאַרנעמט זיך מיט דער נייער רוסישער קאָנסטיטוציע. פרעג איך אייך: ווי קאָן מען רעדן רויִק, אַקאַדעמיש מכּוח אַ קאָנסטי־טוציע, בעת די קאָנסטיטוציע ווערט געפייערט מיט — קוילן אין די קערפּערס פון סטאַלינס געוועזענע חברים? וואָס איז אַ קאָנסטי־טוציע, אויב דער מענטש איז נישטאָ? וואָס זענען ווערטער און פּאַראַגראַפן, ווי שיין זיי זאָלן נישט קלינגען, ווען די מעשים זענען מיאוס, שמוציק, בלוטיק?

פאַלט איך גאָרנישט איין, חשובער ד״ר זשיטלאָווסקי, אַז די קאָנסטיטוציע, וואָס גאַראַנטירט בלומרשט אַביסל פרייהייט פון וואָרט און פרעסע פאַר סטאַלינס 170 מיליאָן שקלאַפן, איז אפשר אין אַ געוויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מאָסקווער פּראָצעסן, פאַר די דערמאָרדעטע אַלטע רעוואָלוציאָנערן? גלויבט איר נישט, אַז איידער די קאָנסטיטוציע גייט אַריין אין קראַפט, „באַזייטיקט״ סטאַלין אַלע יענע, וואָס קענען נאָך אפשר טאַקע וועלן זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער בלומרשטער פרייהייט? פאַר די ברייטע מיליאָניקע מאַסן האָט ער קיין מורא נישט — זיי האָט שוין סטאַלין געמאַכט פאַר ראָבאָטן. אויב אַזאַ ליכטיקע פערזענלעכקייט און קאָמוניסטישער סימפּאַ־טיקער, ווי אַנדריי זשיד, האָט זיך שוין געקענט אויסדריקן, אַז אפילו אין נאַצי־דייטשלאַנד איז דער מענטש נישט אַזוי דערני־דעריקט, ווי אין סאָוויעטישן לאַנד, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי די מענטשלעכע פערזענלעכקייט זעט־אויס אין סטאַלינס גן־עדן.

אַלגינס חברים שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום זאַך — פאַרראַט, שקר, שווינדל, מאָרד און מסירה זענען פאַר זיי כשר ויושר.

די קאָמוניסטן דופען איינגאַנצן אויף די ווידוים פון די אָנגע־קלאָגטע אין די מאָסקווער פּראָצעסן און זיי פרעגן ציניש: פאַר־וואָס האָבן זיי זיך מודה געווען? דערויף קאָן מען זיי צוריק־פרעגן: טאַקע, פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען — אפילו, ווען זיי זענען יאָ שולדיק?... צו אַלע השערות מכוח זייערע ווידוים וויל איך מוסיף זיין נאָך איינע: זיי האָבן זיך מודה געווען (אויך צו־ליב דעם), וואָס די באַשולדיקונג איז אַזוי משוגע, אַזוי אומזיניק, אַזוי אידיאָטיש, אַז זיי האָבן געוווסט, דאָס קיין שום קלאָרער מענטש וועט זייערע ווידוים נישט גלויבן. איך בין מסופק, אויב זיי וואָלטן זיך מודה געווען אין עפּעס, וואָס קאָן זיך יאָ לייגן אויפן מענטשלעכן שכל...

דערלויבט מיר נאָך צום סוף צו דערמאָנען די מעשה מאָריץ האָלגרען, וואָס די קאָמוניסטן האָבן מיט אַזאַ פרייד צעשמירט: אָט זעט נאָר, — פויקן און ליאַרעמען זיי, — ווי אַ פּראָמינענטער

שריפטשטעלער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם טראָצקי־פּאַרטיידי־קונג־קאָמיטעט און באַלד רעזיגנירט, ווייל ער האָט אויסגעפונען דעם אמת, אַז סטאַלין און זיין משפט איז גערעכט און אַז טראָצקי איז שולדיק. נו, איך דערוועג זיך צו פאַרדעכטיקן, אַז האָלגרען האָט לכתחילה זיך אָנגעשלאָסן אָן טראָצקי־קאָמיטעט, כּדי צו רעזיגנירן, וואָרן עפּעס צו־שנעל האָט ער דאָס געטון, צו גיך „אויסגעפונען דעם אמת". וואָס אַזוינס האָט ער אויסגעפונען, דער דאָזיקער האָלגרען און ווי־אַזוי האָט ער דאָס אויסגעפונען? — דאָס זאָגט ער אונז נישט אויס. ער ווייזט אונז אויך נישט אָן דעם דף אין טראָצקיס שריפטן, וווּ דער געוועזענער באָלשעוויסטישער קריגס־קאָמיסאַר פּרעדיקט די פאַרטיליקונג פון סטאַלינען און דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. פאַרגעסן אַפּנים, פונקט ווי די קאָמוניסטן פאַרגעסן די אַלע פּראָמינענטע מיטגלידער פון טראָצקי־קאָמיטעט, וואָס האָבן אויסגעפונען גאַנץ אַנדערע זאַכן און זיי וועלן נישט רעזיגנירן, ביז דער אמת וועט אָפן באַוויזן ווערן.

חשובער דאָקטאָר זשיטלאָווסקי! — איך ווייס ווויל, אַז איר זענט נישט קיין קאָמוניסט, נישט פון סטאַלינס, נישט פון טראָצקיס חדר, פונקט ווי איך בין עס נישט; און איך ווייס אויך, אַז איר זעט דעם גאַנצן בלוטיקן שווינדל פון סטאַלינען און זיינע חברים אין איראָפּע און אין אַמעריקע. אויב איך האָב פאַר אייך איבערגעחזרט דעם גאַנצן ענין, איז עס דערפאַר, וואָס דער ענין לאָזט נישט רוען, וואָס ער האָט געעפנט אַ ווונד אין האַרץ פון יעדן מענטש, וואָס די ווערטער „יושר", „אמת" און „פרייהייט" זענען פאַר אים נישט קיין פוסטע קלאַנגען. דערפאַר טוט מיר ווי, ווען איך זע ווי אַזאַ עטישער מענטש, ווי איר, אַזאַ אומבאַפלעקטער רעוואָלוציאָנער, מיט אַזאַ ליכטיקער פאַרגאַנגענהייט, ווי אייערע, שטעלט זיך אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געוואָרן דער סינאָנים פון אַלץ, וואָס איז שקר, אומעטיש, אומווירדיק, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער און בלוטיק. נעמט נישט פאַר אומגוט.

אַ מוסטער — פֿאַר וועמען?

בעת איך האָב געשריבן מיין „אָפענעם בריוו צו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי״ (זע „פר. אַרב. שט.״ פון 19־טן פעברואַר 1937), ווו איך שטעל אַרויס די טענה, פאַרוואָס אַזאַ עטישע פּערזענלעכ־קייט, ווי דער חשובער יִדישער געלערנטער איז, דערשיינט אויף איין טריבונע מיט משה אָלגין, דעם קברים־טענצער פון דער „פרייהייט״, האָב איך דעמאָלט דעם מינדסטן חשד נישט געהאַט, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט וועלכע ס׳איז קאָנצעסיעס סטאַלינס קאָמוניזם; אַדרבא, איך האָב קלאָר געדענקט די שאַרף־קעגנערישע שטעלונג פון געוועזענעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן טעאָרעטיקער צו דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, ווי צו איר פּראַקטישער אָנווענדונג אין רוסלאַנד.

אָבער אין דער צייט, וואָס דער זעצער האָט געזעצט מיין „אָפענעם בריוו״ און צוגעגרייט די קאָרעקטור, איז אין „טאָג״ (פון 14־טן פעברואַר) דערשינען ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקל „סטאַליניזם און טראָצקיזם״ — און אָט־דאָס אַרטיקל האָט אין מיר אַרויסגערופן דעם חשד, אַז לענינס טעאָרעטישער מתנגד האָט זיך פּלוצים אַ היפּשן רוק געטון צום קאָמוניזם און דוקא אין דער ריכטונג פון סטאַלינס קרעמל, סיידן מיינע חושים נאַרן מיך אָפּ.

דער חשובער דאָקטאָר באַציט זיך אין זיין מאמר דער עיקר אויף דער דערקלערונג פונם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר טראָיאַ־נאָווסקי אין דער „ניו־יאָרק טיימס״ מכּוח די אונטערשיידן צווישן סטאַלינס און טראָצקיס דרכים.

מילא, וואָס דאָס אַלץ האָט צו טון מיט די מכשפה־פּראָצעסן

אין מאָסקווע, מיט די בלבולים אויף אַלטע רעוואָלוציאָנערן, אַז זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט היטלערן, יאַפּאַן און מיט אַלערליי אינטריגאַנטן — דאָס ווייסט אפשר איין גאָט אין הימל און איין סטאַלין אויף דער זינדיקער ערד.

„אונטער דער לעצטער דערקלערונג (אַז רעוואָלוציעס קענען נישט עקספּאָרטירט ווערן אין אַנדערע לענדער) שרייבן מיר זיך אונטער מיט ביידע הענט, — רופט אויס ד״ר זשיטלאָווסקי — אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז נישט קיין עקספּאָרט־אַרטיקל. יעדעס לאַנד דאַרף זי ביי זיך אַליין אויסוויטיקן, און בויען דעם סאָציאַליזם אַזוי און מיט אַזעלכע מענטשלעכע מעטאָדן, אין פולער דעמאָקראַטיע און פרייהייט, אַז פאַר די אַנדערע פעלקער זאָל דער סאָציאַליזם, שוין אין דעם פּראָצעס פון זיין פאַרווירקלעכונג, ווערן אַן אמתער מאַגנעטישער נס לגוים״.

ד״ר זשיטלאָווסקי שטרייכט־אונטער די ווערטער „מענטש־לעכע״, „דעמאָקראַטיע״, „פרייהייט״ און „מאַגנעטישער״, אָבער ער זאָגט אונז נישט, צי אָט־די ווילע זאַכן זענען, לויט זיין מיינונג, יאָ, אָדער נישט בנמצא אין דער סאָוויעטישער אָרדנונג; נאָר אַז מ׳לייענט ווייטער, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער לי־בער דאָקטאָר גלויבט טאַקע, פון דער העלער הויט, אַז סטאַלינס אונטערטאַנען זענען יאָ טועם די פריער־אויסגערעכנטע צוקער־לעקעכלעך. אַ סימן האָבן מיר, אַז ווו ד״ר זשיטלאָווסקי גלויבט עפּעס נישט, אָדער יאָ, מאַכט ער דערפון נישט קיין סוד.

בין איך נישט גערעכט געווען, בעת איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ חשד, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט זיך פּלוצים אַ רוק געטון צום קאָמוניזם און דווקא צום סטאַליניסטישן?

אָבער לאָמיר דאָס פאַרבייגיין און זיך צוריקקערן צום סאַמע עיקר פון טראָיאַנאָווסקיס דערקלערונג, וואָס האָט אַזוי אינספּי־רירט ד״ר ח. זשיטלאָווסקין, נעמלעך: אַז די סאָציאַליסטישע בוויונג פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אַנ־דערע פעלקער, אָנרעגן זיי נאָכצוטון דעם רוסישן ביישפּיל, אַנ־שטאָט טראָצקיס „וועלט־רעוואָלוציע״, וואָס שטיצט זיך אויף זיין

גלויבן, אַז אַ רעוואָלוציאָנערער אינזל אין ריזיקן קאַפּיטאַליסטישן ים מוז פאַרשוועבקט ווערן פון די מעכטיקע כוואַליעס.

איז רוסלאַנד געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט? יאָ, זי־כער. אָבער לײַדער נישט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט; לײַדער נישט פאַר די פּריוויליטס־קעמפנדיקע, נאָר — פאַר דער רעאַקציע. ש. דובנאָוו האָט מיט אַ צייט צוריק אויסגעצייכנט באַוויזן (אין דער „צוקונפט") ווי ביז דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע" האָט די וועלט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שוידערלעכן ביישפּיל פון אַבסאָ־לוטן אונטערדריקן יעדן פרייען געדאַנק, פון אַזאַ פאַרוואַנדלען דעם מין מענטש אין אַ גולם, אין אַ ראָבאָט; דאָן איז געקומען מוסאָליני און האָט קאָפּירט דעם קאָמוניסטישן ביישפּיל פאַר זיינע צוועקן, פאַר די צילן פון קאַפּיטאַליזם — אַן אימיטאַציע, אויף וואָס דער אָפיציעלער פאַשיסטישער טעאָרעטיקער און היסטאָרי־קער, מ אַ ל פּ אַ ר ט ע, איז אָפן מודה; דערנאָך איז געקומען היטלער און נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון מאָסקווע און רוים.

און וואָס פאַרא מוסטער איז רוסלאַנד געוואָרן פאַר די ראַ־דיקאַלע, ליבעראַלע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין אַלע לענ־דער? אַ מוסטער, וואָס מ׳וויל נ י ש ט נאָכטון, אַ מוסטער, וואָס מ׳וויל פון אים אַנטלויפן וואָס ווייטער. מיט דעם אויסנאַם פון די געשוווירענע קאָמוניסטן וויל קיינער נישט אַזאַ רעוואָלוציע און אַזאַ אָרדנונג ווי אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד. אָבער אויך צווישן די קאָמוניסטן איז נישט שלום־ושלוה. די מאָסקווער טאַקטיק האָט זייערע רייען כסדר געשפּאָלטן, ווי זי האָט אָן אויפהער געשפּאָלטן די אַרבעטער־רייען, אַרויסגערופן קעגנזייטיקן מיסטרוי, פאַרדאַכט, באַשולדיקונג און האַס. אין אָנהויב האָט מען באַקעמפט דעם פאַרייניקטן פראָנט און ווען טראָצקי האָט, פאַר היטלערס אויפ־שטייג צו דער מאַכט, גערופן די דייטשישע קאָמוניסטן זיך צו פאַרייניקן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, כדי צוזאַמען צו באַ־קעמפן די היטלעריסטישע געפאַר, האָט די קאָמוניסטישע פּרעסע דאָס גענומען פאַר נאָך אַ באַוויז פון זיין פאַרראַט: „זעט, טראָצקי רופט צו פאַרייניקן זיך מיט די סאָציאַל־פאַשיסטן!"... דערנאָך איז מען פּלוצים געוואָרן אָנהענגער פון פאַרייניקטן פראָנט, איז

מען אוועק אַזוי ווייט ווי פאַרייניקן זיך אין אַמעריקע מיטן נעגערישן גאָט, דעם „פאַטהער דיוואַין", און אין אַלע אַנדערע לענדער, מיט אַלע סאָרטן רעאַקציאָנערע עלעמענטן. איצט זידלט מען טראָצקין, אַז ער איז אַ צעברעכער פון פאַרייניקטן פראָנט...

די לעצטע צוויי פּראָצעסן האָבן, לויט מיין מיינונג, געגעבן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ דער רעוואָלוציע. איז דאָך אַפילו די במעט־קאָמוניסטישע „ניישאָן" געקומען צום אויספיר, אַז אין יעדן פאַל זענען די מאָסקווער פּראָצעסן ספּעקטאַקלען, וואָס מוזן אַרויס־רופן אַ שוידער. זענען די אָנגעקלאָגטע אומשולדיק, הייסט עס דאָן, אַז סטאַלין איז דער ערגסטער פאַרשווערער, אינטריגאַנט און טיראַן. זענען זיי יאָ שולדיק, איז נאָך ערגער: דאַן באַווייזט עס, אַז די פירער פון באָלשעוויזם, לענינס נאָנטסטע חברים, די גרינדער פון סאָוויעטישן רעזשים, זענען פאַררעטער, באַנדיטן, אויסוואורפן. אויב אַזוי, וועמען זאָל דער אַרבעטער, דער אינטעליגענט, דער פריהייטס־ליבנדיקער מענטש, יאָ געטרויען? אַן אַנאַליז פון דער דאָזיקער טראַגעדיע מוז אַריינפירן אין פּעסימיסטישע און דעפּיטיסטישע שטימונגען, ברענגען צו ציניזם און רעזיגנאַציע.

דאָס האָט מאָסקווע אויפגעטון.

און צוליב וואָס? — אַלץ, כּדי צו באַווייזן, אַז שבת פאַר זיך, אַ היימישע רעוואָלוציע, מיט אַ נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, איז בעסער און קליגער ווי שבת פאַר דער וועלט, ווי די אַרבעט פאַר אַ וועלט־רעוואָלוציע? גראָד אין דער לעצטער צייט זעען מיר, ווי די טעאָריע פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" פאַלט־פונאַנדער ווי אַ קאָרטן־שטיבל. דער פאַשיזם וואַקסט אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער. מוסאָליני, היטלער און זייערע חברים טריומפירן, טוען, וואָס זיי ווילן און פירן אַלץ אויס. שפּאַניע האָט מען אָפן פאַרקויפט, פאַרראַטן. ענגלאַנד ווייזט בולט אַרויס אירע סימפּאַטיעס מיטן פאַשיזם. דער פאַשיסטישער רינג אַרום רוסלאַנד ווערט אַלץ דיקער און ענגער. דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט קאָנצעסיעס צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז געצוואונגען צו מאַכן ווייטערדיקע און ווייטערדיקע קאָנצעסיעס, לויט דעם אַלטן כּלל, וואָס זאָגט: „גיב דעם הונט איין פינגער און ער

וועט וועלן די גאַנצע האַנט״; רוסלאַנד וועט זיך אַזוי־אַרום ביס־לעכווייז אַריינקאָנצעסיעווען אין קאַפּיטאַליסטישן מויל אַריין און איר רעוואָלוציע וועט האָבן דעמזעלביקן סוף, ווי די פראַנצווי־זישע.

דאָס אַליץ, אויב אַליץ וועט גיין כּשורה, על־פּי אומפאַרמייד־לעכער עוואָלוציע; אויב, הייסט עס, די פאַשיסטישע לענדער וועלן פריִער זיך נישט וואַרפן אויף איר. אין אַזאַ פאַל פון נויט וועט סטאַלין אַפילו נישט האָבן ווער עס זאָל אים העלפן — וואָרן צו־ריקרופן זיינע דערמאָרדעטע קאַמעראַדן פון „יענער וועלט״ וועט ער נישט קענען... און אין אָנבליק פון אַזאַ פּערספּעקטיוו גרויסט זיך נאָך מאָסקווע מיטן זיג פון דער טעאָריע וועגן „סאָציאַליזם אין איין לאַנד, ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע פעלקער״. די טראָצ־קיסטן האָבן באמת אַלע אורזאַכן ביטער חוזק צו מאַכן פון אַזאַ נצחון.

נאָר... די צרה מיט די טראָצקיסטן איז, וואָס זיי גלויבן, אַז אין אַליץ איז שולדיק דער סטאַליניזם. ווייטער איז דער קאָמוניזם אין דער בעסטער אָרדנונג. זיי זעען נישט איין, אַז דאָס אומגליק שטעקט אין קאָמוניזם גופא, צי דאָס איז לענינס, אָדער סטאַלינס, אָדער טראָצקיס, וואָרן עס איז דאָך קלאָר, אַז עפּעס איז דער מער מיט אַן אידייע, וואָס דערמעגלעכט אַזעלכע בלוטיקע מעשים — און דער מער איז גאָר אַ סך: דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם, וואָס פאַרלייקנט די גאַנצע גייסטיקייט פון דער וועלט, וואָס זעט אין דעם מענטש לויטער חומר, לויטער מאַשין; וואָס זעט אין דעם וועלט־געשעען נישט מער ווי עקאָנאָמישע פּראָצעסן. אָבער איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל גערעדט מכּוח די דאָזיקע „בלויזן״ אין קאָמוניזם — אין מאַרקסיזם בכלל, — אז איך וואָלט זיך אַליין גערדאַרפט איבערחזרן. נו, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן.

סטאַלין און היטלער...

דעם 14־טן מערץ האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי געפרעגט (אין „טאָג״): „היטלער אָדער סטאַלין?״ און דווקא געוואָלט באַווייזן, על־פּי שכל־הישר, אַז די אַלע, וואָס זענען אויפגעשווידערט געוואָרן פון סטאַלינס רציחות, גרייטן־צו דעם באָדן פאַר היטלערן. נישט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַר די פאַשיסטישע דיקטאַטורן, ווי דאָס איז אָפן מודה מאַלפּאַרטע, מוסאָליניס בוזעם־פריינט און היסטאָריקער פון פאַשיזם; נישט סטאַלין שטאַרקט די הענט פון רוים און בערלין מיט זיין אויסראָטן די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די פירער פון די סאָוויעטישע אַרמייען, אינדוסטריעס און פון אַלערליי „פּלענער״ — נאָר די, וואָס דערוועגן זיך אַ פּיפּס צו טון קעגן דעם ערגסטן טיראַן און פאַררעטער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אָבער ד״ר זשיטלאָווסקי האָט נישט געוואַרט, אַז מיר זאָלן אים ענטפערן אויף זיין קלאָץ־קשיא. געציילטע טעג נאָך זיין דערמאָנטן מאמר האָט ער זיך אַליין געענטפערט אויף דער קשיא: „היטלער אָדער סטאַלין?״. אין זיין אַרטיקל וועגן „עסטרייכס אַנשלום״ („טאָג״, 21־טער מערץ) האָט ער קלאָר באַוויזן, אַז נישט די, וואָס פּראָטעסטירן קעגן סטאַלינען, נאָר, אדרבא, יענע, וואָס שפּרינגען פאַר סטאַלינען „קדוש״, זענען אויך פאַר היטלערן, פאַר געררינגן און פאַר געבעלסן. זשיטלאָווסקיס מאמר פון 21־טן מערץ איז אין גייסט נאַציסטיש. יעדער גוטער נאַציסימפּאַטיקער וואָלט זיך געקענט דערויף אונטערשרייבן.

שוין דאָס אַליין, וואָס אונזער נאַציאָנאַליסטישער טעאָרע־טיקער נעמט־אָן פאַר ,,גוט געלט'' אַלע געמיינע, נידערטרעכטיקע ליגנס פון געבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום, איז זייער אינ־טערעסאַנט. דער סאַמע אָנהויב פון זשיטלאָווסקיס ,,אַנשלוס''־מאמר איז באַזירט אויף אַזעלכע שקרים. ,,דער עסטרייכישער קאַנצלער — פאַרזיכערט אונז דער געוועזענער סאָציאַליסט־רעוואָ־לוציאָנער — האָט איינגעלאַדן דעם דייטשישן רייכס־קאַנצלער, (אַז) ער זאָל קומען מיט אַן אַרמיי און העלפן דורכפירן די פאַריי־ניקונג פוןביידע דייטשישע מלוכות אין איין דייטשישן רייך. דער דייטשישער רייכס־קאַנצלער איז געקומען, האָט פּראָקלאַמירט די פאַרייניקונג, וואָס איז פּ אַ ק ט י ש דורכגעפירט געוואָרן אָן אַ טראָפּן פאַרגאָסענעם (פאַרגאָסן — א. אַ.) מענטשלעכן (מענטשלעך — א. אַ.) בלוט און אונטער דעם יובל פון דער עסטרייכישער באַפעלקערונג''.

מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד אונזער דאָקטאָר רעדט דאָ מכּוח די צוויי קאַנצלערס! נאַר, מילא, דאָס איז אַ באַזונדערער ענין. דער עיקר איז דאָ — די צוויי ,,אומפּינקטלעכקייטן'' אין איין פּאַראַגראַף. וועלכער ,,עסטרייכישער קאַנצלער'' האָט דאָך איינגעלאַדן דעם דייטשישן רייכס־קאַנצלער? צוויי עסטרייכישע קאַנצלערס, וואָס כאָטש גוטע דייטשן, האָבן בשום־אופן נישט גע־וואָלט די פאַרייניקונג, מיט וועלכער זשיטלאָווסקי איז זיך אַזוי משמח, האָט היטלער ברוטאַל באַזייטיקט: דאָלפוסן האָט מען דער־מאָרדעט און שושניגן האָט מען משלח געווען מיט כּוח פון דער איי־זערנער פויסט, פון דער דייטשישער אַרמיי. דער ,,עסטרייכישער קאַנצלער'', וואָס האָט אויסגעפירט היטלערס (און ד''ר זשיט־לאָווסקיס?) מיסיע, איז געווען דער ,,אינערן־מיניסטער'', וואָס היטלער האָט אַרופגעצוווּנגען אויף דער עסטרייכישער רעגירונג. ערשט נאָך דער ,,איינלאַדונג'' האָט היטלער זיין עסטרייכישן משרת באַשטימט פאַר קאַנצלער, כּדי מיט אַ טאָג שפּעטער צוצו־נעמען פון אים דאָס קאַנצלער־בענקל און אים באַשטימען פאַר גע־נעראַל־גובערנאַטאָר פון עסטרייך.

די ,,אומפּינקטלעכקייט'' נומער צוויי איז וועגן דער פריד־

לעכקייט פון דעם „אַנשלוס”. באַלד ווי היטלערס אַרמיי איז אַריין אין עסטרייך, האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ בלוטיקע וואַקכאַנאַליע פון מאָרדן און זעלבסטמאָרדן. דאָס בלוט פון יידן און פון אַלע, וואָס זענען קעגנעריש צום היטלעריזם, גיסט זיך דאָרט טאָג־טעג־לעך. די נישט־פאַשיסטישע וועלט גרויזלט און באַגלייט מיט פאַרצווייפלטע בליקן די הונדערטער לויהס אין ווין און אין די אַנ־דערע עסטרייכישע שטעט און שטעטלעך. אָבער געבעלסעס פּראָ־פּאַגאַנדע־מיניסטעריום און — להבדיל — אונזער ד”ר זשיטלאָוו־סקי פאַרזיכערן, אַז אַלץ איז דאָרט צוגעגאַנגען פרידלעך, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

היטלער האָט זיך אונטערגעאיילט און צוויי טעג פאַר שוש־ניגס פּלעביסציט אַריינגעמאַרשירט אין עסטרייך מיט זיין אַרמיי, מיט הונדערטער טאַנקען, האָוויצערס און עראָפּלאַנען, ווייל דער „פירער” האָט געוווּסט, אַז אין אַ פּלעביסציט וועט ער פאַרלירן.

די קאָרעספּאָנדענטן פון די אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער צייטונגען און טעלעגראַפן־אַגענטורן (אויסער, נאַטירלעך, פון דייטשלאַנד), וואָס זענען געווען אויפן אָרט און גוט באַקאַנט גע־ווען מיט די שטימונגען פון דער באַפעלקערונג האָבן, פּונקט ווי היטלער, געוווּסט, אַז דער גרויסער רוב פון די עסטרייכער וואָלט געשטימט קעגן אַן „אַנשלוס”. ד”ר זשיטלאָווסקי פאַרזיכערט אונז אָבער, אַז אפילו אָן היטלערס אַרמיי וואָלט דער „אַנשלוס” גע־ווונען אין אַ פּלעביסציט. טאָ צוליב וואָס האָט היטלער זיך אַזוי געאיילט און אַריינמאַרשירט מיט זיינע בלוטיקע חילות, אַנשטאָט איבערצוּוואַרטן צוויי טעג און באַווייזן דער וועלט, אַז די עסטריי־כער האָבן אים טאַקע געוואָלט?

און פאַרוואָס האָט היטלער געדאַרפט אַזאַ גרויסע אַרמיי, באַוואָפנט ביז די ציין, אויב עס איז אמת, וואָס ד”ר זשיטלאָווסקי (און דאָס דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום) פאַרזיכערן אונז, אַז די עסטרייכער האָבן ממש געחלשט נאָך היטלערן? די ווינער קאָרעספּאָנדענטן פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָבן דערציילט ווי מ’האָט מיט בייטשן אַרויסגעטריבן די אַרבעטער פון די עסטריי־כישע פאַבריקן און זיי געצוווּנגען צו מאַרשירן אין די גאַסן־

פאַראָדן לכּבוד היטלערן. אָבער דער סטאַליניסט, ד״ר זשיטלאָווס־קי, וויל אונז איינשמועסן, אַז די עסטרייכישע באַפעלקערונג האָט געיובלט און זיך באמת געפרייט מיט היטלערס אָנקומען.

יעדער אָנשטענדיקער מענטש איז אויפגערודערט געוואָרן פון גערינגס ציניזשער, ברוטאַלער און קאַניבאַליסטישער רעדע וועגן היטלערס „אַריינמאַרש אין עסטרייך״. ד״ר זשיטלאָווסקי באַלעקט זיך אָבער פון זיין רעדע און שעמט זיך נישט אונז צו זאָגן, אַז פון גערינגס ליפּן — פון די מיאוסע ליפּן פון איינעם פון די שוידערלעכסטע סאַדיסטן און משוגעים — האָט גערעדט די גע־רעכטיקייט. די „דייטש־אַמעריקאַנער קולטור־ליגע״ פּראָטעסטירט — צוזאַמען מיט אַלע אָנשטענדיקע און קולטורעלע דייטשן אי־בער דער גאַנצער וועלט—קעגן היטלערס ברוטאַלער פאַרגוואַלטיקונג פון עסטרייך. אָבער ד״ר זשיטלאָווסקין טוט עס אַ ווילדע הנאה. ער טאַנצט שיער נישט פון פרייד, וואָס דייטשן האָבן זיך פאַראייניקט מיט דייטשן, באשר די צוויי פעלקער האָבן אַ געמיינשאַפטלעכע שפּראַך און קולטור.

צוליב דער דאָזיקער געמיינשאַפטלעכער קולטור איז זשיט־לאָווסקי גרייט מיט פרייד אָוועקצוגעבן היטלערן (ווען עס זאָל זיך נאָר ווענדן אָן אונזער דאָקטאָר) אַ שטיק טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ שטיק פראַנקרייך, אַ שטיק פּוילן און האָלאַנד און שוועדן און דענעמאַרק — „אַ חוץ שווייצאַריע״. פאַרוואָס „אַ חוץ שווייצאַ־ריע״ זאָגט אונז באַוווער זשיטלאָווסקי נישט אויס. מיט וואָס איז דער שווייצאַרישער קאַנטאָן, וואָס איז באַוווינט פון דייטש־רעדנ־דיקע מענטשן, אַ גרעסערער יחסן, ווי די אַנדערע לענדערייען, וואָס פאַרמאָגן גרויסע דייטשישע פעלקערשאַפטן? סיידן דערפאַר, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דאָרט אַמאָל געוווינט — אַמאָל־אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנער. און פאַרוואָס נישט אָוועקגעבן היטלערן יאָרקוויל און מילוואָקי, וואָס האָבן אויך גרוי־סע דייטשישע באַפעלקערונגען? — וויל דאָך היטלער קאָלאָניעס!

אָט ווזהין אַ סטאַליניסט קאָן זיך פאַרקייקלען! דאָך... איז דאָס אפשר דאָס איינציקע מאָל, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי איז קאָנ־סעקווענט. אויב אָננעמען סטאַלינען מיט אַלע זיינע בלוטיקע

מעשים, דעם סטאלין, וואס קוילעט אוים אין איין וואך מער קאָ־מוניסטן ווי היטלער און מוסאליני צוזאמען אין זייער גאנצער הערשאפט — פארוואס אויך נישט אננעמען היטלערן, וואס באַ־קעמפט דאך אויך די קאמוניסטן און איז א שותף מיט טאוואַ־רישטש בעניטא מוסאליני און טאווארישטש מיקאדא אין דעם אנטי־קאמוניסטישן טראקטאט?

אפשר וואלט אונז ד״ר זשיטלאווסקי מער נישט געדארפט איבערראשן מיט זיינע שכלדיקע איינפאלן, פלענער און טעאָריעס — אט דער דאקטאר, וואס אין דער צייט פון די בלוטיקע פאגראָ־מען אויף יידן אין צארישן רוסלאנד, איז ער פלוצים ארויסגעַ־שפרונגען מיט אן עצה־טובה צום יידישן פאלק, אז עס זאל זיך אוועקזעצן און אנערקענען יעזוסן; פונדעסטוועגן, ווען היים זשיטלאווסקי איז אין איין שיינעם פרימארגן איפגעשטאנען אויף דער „לינקער זייט" און אנגעהויבן זיך בוקן צו סטאלין הקדוש, זענען מיר פארט איבערראשט געווארן. סטייטש, ווי קומט עס צו א סאציאליסט־רעוואלוציאנער? — האבן מיר זיך געפרעגט. און נאך גרעסער איז געווען דאס חידוש, וואס גראד אין דער צייט פון סטאלינס בלוטיקסטן טעראר, פון סטאלינס שענדלעכסטער קאנטר־רעוואלוציע, איז ד״ר זשיטלאווסקי געווארן א פארטיידיקער פון סטאלינס גרוילהאפטע מעשים.

מיר — דאס הייסט: איך און א סך אנדערע — האבן אפילו זשיטלאווסקים פלוצימדיקן סטאליניסטישן „איבערקער" געוואלט דערקלערן מיט זשיטלאווסקים — אנטי־קאמוניזם... מיר האבן גע־לערנט אזא פשט: ווען סטאלין האט פארשפארט אין טורמעס און געמארדעוועט סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן און אנדערע סאציאַ־ליסטן פון זשיטלאווסקים חדר, האט אונזער חשובער יעזוס־פאר־טיידיקער געליטן צער און צארן. אבער איצט, אז סטאלין הרגעט בלויז קאמוניסטן, איז זיך דער אנטיקאמוניסט, ד״ר חיים זשיט־לאווסקי, אזוי מחיה און ער איז אזוי דאנקבאר סטאלינען, וואס ער פארטיליקט די קאמוניסטישע פירער און די קאמוניסטישע רע־וואלוציע, אז ער האט פון גרויס התפעלות געגומען זינגען שירה צו אים.

אָבער דעם דאָקטאָרס לעצטע צוויי פּאַרטיידיקונגס־אַרטיקלען פאַר סטאַלין און היטלער האָבן געפּטרט די נאַר־וואָס דערמאָנטע „טעאָריע" אונזערע און מיר זענען געקומען צום „איבערצייג", אַז ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך טאַקע אָוועקגעשטעלט צווישן היטלער און סטאַלין, נישט ווי אַ דאַמבע, חלילה, נאָר ווי אַ פאַר־בינדונגס־שטריך. דערביי איז כּדאַי אין זינען צו האָבן, אַז זשיט־לאָווסקיס שמחה מיט היטלערס פּאַרכאַפּן עסטרייך, באשר דאָ האַנדלט זיך וועגן איין ראַסע, מיט איין געמיינשאַפטלעכער שפּראַך און קולטור, שטימט מיט זשיטלאָווסקיס אַלטער בלוט־טעאָריע — אַ טעאָריע, וואָס איז אין תּוך נאַציסטיש, ווייל זי לערנט אונז, אַז יידן — און שליסלעך אויך אַנדערע פעלקער — באַזיצן עפּעס אַ ספּעציעל ראַסן־מאַשינקעלע אין זייער „איך", אין זייער בלוט, אָדער מאַרך, אָדער איינגעווייד — דאָס איז דאָך שוין נישט קיין גרויסער אונטערשייד...

מסתּמא וואָלט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי אויך מחיה געווען, ווען רוזוועלט שיקט אַריין אַן אַרמיי קיין קאַנאַדע און פּאַרכאַפּט די דאָמיניע אויפן גרונט, וואָס אין ביידע לענדער הערשט דיזעל־ביקע שפּראַך און קולטור; אָדער ווען פראַנקרייך פּאַרכאַפּט דעם וואַלאָנישן טייל פון בעלגיע; צי ווען מעקסיקאָ פּאַרכאַפּט גוואַ־טעמאַלאַ און אַנדערע צענטראַל־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן. ווי־באַלד אַ מענטש איז אַזוי פּאַרקאָכט אין „שפּראַך און קולטור", אַז צוליב זיי איז ער גרייט צו באַרעכטיקן אַלע ברוטאַליטעטן, אַלע געמיינהייטן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. אינדירעקט האָט זשיטלאָווסקיס ליבע צו געמיינשאַפטלעכער שפּראַך און קולטור אויך אַ שייכות צו סטאַלינען, וואָרן פאַרוואָס פּאַרטיליקט סטאַלין די פירער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט רעדן ז י י ן שפּראַך, די סטאַליניסטישע שפּראַך...

לויט דער באַרימטער זשיטלאָווסקיאַנישער לאָגיק קאָן אויך אַט־דאָס זיין אַ „דערקלער" פאַר אונזער דאָקטאָרס שותּפותדיקער ליבע פון די בערלינער און מאָסקווער דיקטאַטאָרן...

אָבער ד"ר זשיטלאָווסקי איז דאָך פאָרט אַ נאַציאָנאַלער, אַ נאַציאָנאַליסטישער ייִד, דער דערפינדער און באַגרינדער פון

דער יידישער ראַסן־טעאָריע — דערמאָנט ער זיך, צום סוף פון זיין אַרטיקל, וועגן „אַנשלוס", אַז יידן ווערן פון היטלערס מאַרש צעטרעטן ווי ווערים. אָבער דערצו האָט דער ליבער דאָקטאָר אַ גוּ־טע, שׂכל־הישרדיקע עצה: „פּאַר אונז, ווי פאַר אַ פּאָלק, שטייט שוין לאַנג, — שרייבט זשיטלאָווסקי, — די אויפגאַבע, אַ קלאָרע ווי דער טאָג: מיר מוזן אַרויס פון אונטער די רעדער פון דער מאָדערנער געשיכטע"...

נו, דאַרפן מיר עפּעס זאָרגן? דאַרפן מיר קלאָגן אויפן גורל פון די יידן אין פּוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, רומעניע? עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַלץ, וואָס מיר דאַרפן טון, איז — אַרויס פון אונטער די רעדער פון דער מאָדערנער געשיכטע. „דהאַטס אָלל". דאָס איז דאָך לייכטער ווי אַרויסנעמען אַ האָר פון דער מילך. איר פּאַרשטייט, רב ייד? זייט נישט קיין עקשן און קריכט, זייט מוחל, אַרויס פון אונטער די רעדער און — הערט אויף דרייען אַ היטל! ווי אַזוי מ'קריכט אַרויס פון אונטער די רע־דער און וואָס דאָס מיינט אַזוינס בכלל? דאָס, זעט איר, דאַרפט איר שוין אַ פרעג־טון דעם שׂכל־הישרדיקן דאָקטאָר אַליין. שרייבט אים אָן אַ בריוול — און די ישועה וועט קומען אַזוי לייכט, אַזוי גרינג.

קורץ: וואָס איז שייך אונז, יידן, זענען מיר שוין געהאָלפן...

מאָסקווער פּראָצעסן על־פּי לאָגיק

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אַן עטיש־ריינע פּערזענלעכקייט, אַן אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער און אַ גייסטרייכער שריפטשטעלער. אין אַט־די דריי מעלות זיינע קאָן דער מינדסטער ספק נישט זיין. ד״ר זשיטלאָווסקי איז אויך אַ שטרענגער בעל־שכל, אַ ריינער לאָגיקער. אויך אין דעם איז קיין ספק נישטאָ. די צרה איז נאָר, וואָס אין זיין „אונטערנעם״ (ווי מ׳וואָלט דאָס וואָרט „אונטערנעמונג״ געדאַרפט מקצר זיין על־פּי זשיטלאָווסקיס ייִדיש) צו זיין שטענדיק און אומעטום לאָגיש, דערגייט ער צו אַזעלכע אומלאָגישקייטן, צו אַזעלכע נאַיִווע אויספירן, אַז מ׳מוז זיך פּשוט וווּנדערן ווי אַ בר־דעת קאָן זיך דערטראַכטן צו זיי.

צו זיינע גרעסטע אומלאָגישע לאָגישקייטן, אָדער לאָגישע אומלאָגישקייטן, געהערן, לויט מיין מיינונג, זיין „ווידערגעבורט פון דער ייִדישער רעליגיע״, ווו דער חשובער דאָקטאָר פּרעדיקט אַ מין „ערזאַץ״־ייִדישקייט, אַ ייִדישקייט אָן ייִדישן אינהאַלט; זיין „רעוויזיע פון אַלטן דרייפוס־פּראָצעס״, פון יעזוסן, הייסט עס; זיין „נייע גאולה־אידייע״, ווו ער האָט זיך דערטראַכט צום געניאַלן פּלאַן, אַז אַ מיליאָן ייִדן זאָלן חתמענען אַ פּעטיציע צום פעלקער־בונד, מיטן „אַנוווייז״, דאָס זיי האָבן נישט קיין לאַנד און זיי מוזן האָבן אַ לאַנד — וועט, פאַרשטייט זיך, דער פעלקער־בונד זיך דערשרעקן פאַר דעם מיליאָן ייִדישע חתימות און באַלד דעם ייִדישן פאָלק אונטערטראָגן אַ מדינה... ואחרון אחרון חביב: ד״ר זשיטלאָווסקיס סעריע אַרטיקלען (אין „טאָג״) מכּוח די מאָסקווער פּראָצעסן.

אין פלוג איז ד"ר זשיטלאָווסקי דער פּאַסיקסטער מענטש צו שרייבן וועגן סטאַלינס משפּטים. אַליין אַן אַלטער רוסישער רעד וואָלוציאָנער, טעאָרעטיקער, מיטגרינדער און מיטקעמפער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, דורכגעזאַפּט מיט דער רוסישער קולטור און רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם רוב פון די „הויפּט־העלדן" אין דעם קאַמף, וואָס גייט איצט אָן צווישן די פאַרשיידענע פראַקציעס אין ראַטנפאַרבאַנד — איז ווער נאָך, ווי ער, אַזוי באַרעכטיקט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן? וועמענס מיינונג, ווי זיינע, קאָן אין דעם ענין זיין אַזוי וויכטיק און געוויכטיק?

דעריבער, ווען ד"ר זשיטלאָווסקי פאַרזיכערט אונז, אַז על־פּי עוואָלוציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועדליק דער מאָראַליטעט, אָדער „אַמאָראַליטעט", וואָס האָט כּסדר באַהערשט די רוסלענדישע רעוואָלוציאָנערן, קאָן מען, מעג מען און דאַרף מען אָננעמען, אַז די באַשולדיקונגען קעגן די אָנגעקלאָגטע אין ביידע פּראָצעסן זענען ריינער אמת — מוזן מיר צו זיך זאָגן: נו, ד"ר זשיטלאָווסקי ווייסט מסתּמא וואָס ער רעדט! און אויב ער קומט צו אַזאַ אויספיר, בלייבט אונז קיין אַנדער ברירה נישט ווי אָננעמען דעם מאָסקווער פּסק־דין, כאָטש מיר מעגן דערביי פאַרדאַמען די טויט־שטראָפן און דאָס איילעניש, זיי דורכצופירן.

אָט־אַזאַ מחשבה דאַרף, הייסט עס, על־פּי שׂכל־הישר, אויפגיין אין אונז, נאָכן איבערלייענען ד"ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקלען, אַפילו ווען אונז זאָל דערביי שאָקירן דער רויִקער, קאַלטער, „שׂכלדיקער" טאָן, וואָס באַהערשט זיין סעריע, גלייך דאָ וואָלט זיך נישט געהאַנדלט מכּוח מענטשלעכע לעבנס, נאָר מכּוח עפּעס אַ ריין־אַבסטראַקטער פראַגע. דער עיקר אָבער איז, וואָס באַלד קומען אויפן זינען ד"ר זשיטלאָווסקיס אַנדערע „לאָגישקייטן" און מיר ווערן מסופּק אויך אין זיינע אויספירן לגבי די מאָסקווער פּראָצעסן. מיר דערמאָנען זיך, למשל, אַז נאָך שטאַרקער ווי ער גלויבט איצט אין דער שולד פון זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, ראַדעק, סאָקאָלניקאָוו און טראָצקי, האָט ער אַמאָל נישט געגלויבט אין דער שולד פון יונה אַזעוו...

איז עס נישט טשעקאווע, וווּהין די „ריינע לאגיק" קאן אמאל דערפירן? בורצעוו האט פארגעלייגט א שלל מאטעריאלן, וואס האבן ממש געשטאכן די אויגן מיט זייער „איבערצייג", אז אזעוו איז א פראוואקאטאר; אבער בלויז צוויי מיטגלידער פון רעוואלו־ציאנערן קאמיטעט — ד"ר זשיטלאווסקי און וויקטאר טשערנאוו — האבן געהאט א גאנץ אנדער „באצי" צום ענין, נישט געשענקט די פאקטן קיין „אויפמערק" און געהאלטן שטאל און אייזן פון אזעווס אומשולד און לויטערער ריינקייט. א נס, וואס לאפוכין, געוועזענער הויפט פון דער רוסישער אכראנע, איז געווארן א בעל־תשובה און באשטעטיקט בורצעווס באווייזן — א נישט וואלט אזעוו אפשר ארויס א געלייטערטער און בורצעוו וואלט פארשאלטן געווארן אלס וויסטער בלבול־מאכער...

אויף אזעוון האט דער חשובער דאקטאר, ווי איר זעט, נישט געגלויבט. אויף די באשולדיקטע אין די מאסקווער פראצעסן גלויבט ער יא. אויף וועלכן לאגישן יסוד שטיצט ער זיין גלויבן? אויף דעם יסוד, וואס רעוואלוציאנערן זענען א גאנץ אנדער סארט מענטש און ווערן באהערשט פון א גאנץ אנדער לאגיק. וואס ביי אונז איז אוממאראליש, קאן ביי זיי זיין — מאראליש. אין אנדערע ווערטער: רעוואלוציאנערן האבן אנגענומען דער יעזויטישן פרינ־ציפ, אז דער צוועק בשרט די מיטלען — פאר דער רעוואלוציע איז אלץ דערלויבט. דערויף ברענגט ער פאר עדות נעטשאיעוון (און פארשווייגט דעם פאקט, אז ער איז פאר זיין אמאראליטעט מאר־דאמט געווארן פון די אנדערע רעוואלוציאנערע פירער), לענינען און נאך עטלעכע רעוואלוציאנערע פירער.

בקיצור איז די מעשה אזוי: זינאוויעוו, קאמעניעוו, ראדעק, סאקאלניקאוו און אנדערע אלטע באלשעוויקעס האבן געזען ווי סטאלין גייט אלץ ווייטער אוועק פון לענינס וועג, ווי ער האט זיך אפגעזאגט פון דער וועלט־רעוואלוציע, האט זיך אפגעזאגט פון נאך א סך עיקרים, וואס זענען הייליק יעדן אמתן לעניניסט — טא ווי קענען זיי שווייגן? ניין, זיי קענען נישט און וועלן נישט שווייגן. וואס־זשע זאלן זיי טון, כדי פטור צו ווערן פון סטאלינען? האבן זיי זיך פארבונדן מיט היטלערן, יאפאן און מיט אנדערע שלעק (דער

ליבער דאָקטאָר האָט פאַרגעסן די גיפטיקע באַצילן), וואָרן מיר וויסן דאָך שוין, אַז צוליב רעוואָלוציע איז אַלצדינג כשר. זיי האָבן אויך דורכגעפירט אַלערליי סאַבאָטאַזש, אויסגערעכנט דערויף, אַז דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד זאָל, ביים אויסברוך פון אַ מלחמה, פאַר־לירן. אַזוי־אַרום וועט מען פּטור ווערן פון סטאַלינען און מ'וועט איינפירן אין רוסלאַנד דעם אמתן קאָמוניזם. אמן סלה!

זייער אַ לייכטער וועג, זייער לאָגיש, זייער קלוג...

דאָ פרעגט זיך בלויז אַ קליינטשיק פראַגעלע: אויב דער צער פון טראָגן איז שוין יאָ אַזוי גרויס, אויב סטאַלין איז דער איינצי־קער שטיין אין וועג פון אמתן קאָמוניזם, ווי דאָס האָבן איינגעזען די פריער־דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערן, — על־פּי ד״ר זשיטלאָווסקיס אויספיר, — האָבן זיי דאָך פּשוט געקענט נעמען און דערהרגענען סטאַלינען — און פּטור אַן עסק. דער חשובער דאָקטאָר איז דאָך מודה, אַז אַפילו מאַרקסיסטן אָנערקענען טעראָר אַלס קאַמפּס־מיטל, ווען די אומשטענדן פאָדערן דאָס. חוצדעם איז דאָך דאָס אַ סך גרינגער און אַפילו מאָראַלישער ווי פאַרבינדן זיך מיט די נאַצים, מיט יאַפּאַן, מיט אַלע שוואַרץ־יאַרן; ווי פאַרסמען טויזנטער אַרבע־טער, סאַבאָטירן און אַרויסרופן אַ מלחמה און דאַדורך אומברענגען מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס.

אַז די „פאַרשווערער״ האָבן לייכט געקאָנט אַפּרוימען סטאַ־לינען פון וועג — דאָס איז קלאָר. זענען זיי דאָך געשטאַנען נאָענט צו אים טאָג־איין און טאָג־אויס. און דער פאַקט אַליין, וואָס זיי האָבן אים נישט אָפּגערוימט פון וועג, באַווייזט אונז קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן נישט זיין, אַז די אַלע באַשולדיקונגען, וואָס מען האָט אַרויסגעבראַכט אין די מאָסקווער פּראָצעסן, זענען נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן, ווייסטע בלבולים, בלוטיקע בבא־מעשיות, שוין נישט צו רעדן פון די פאַרשיידענע „לעבער״ אין די באַשולדיקונגען, די מעשה מיט דעם האָטעל „בריסטאָל״, וואָס עקזיסטירט נישט, מיט דעם עראָפּלאַן, וואָס איז נישט געפלויגן און מיט ראָמס באַגעגענען טראָצקין אין אַ פאַריזער וואַלד, בעת טראָצקי האָט זיך געפונען 200 מייל פון דאָרט, אונטער אַ שטרענגער פּאָ־ליציייאישער שמירה, דערצו אַ קראַנקער אין בעט.

ד״ר זשיטלאָווסקי וויל נאָך אונטערשטיצן זיין ,,לאָגיק'' מיט זייטיקע ראיות און כּדי צו באַרעכטיקן סטאַלינס פּראָצעסן און די ברוטאַלע מאָרדן, ווייזט ער אָן דערויף, אַז תּיכּף נאָך די פּראָצעסן זענען דייטשלאַנד און יאַפּאַן געוואָרן מילדער אין זייער שפּראַך בנוגע דעם סאָוו.־פֿאַרבאַנד. פֿאַרוואָס? ווייל זיי האָבן געזען, אַז די קאַץ איז אַרויס פֿון זאַק. זייערע אַרויסהעלפֿער אין רוסלאַנד זענען פֿאַרשיט — און צו דעם האָט טאַקע סטאַלין געצילט מיט זיינע משפּטים, פֿאַרזיכערט אונז דער ליבער דאָקטאָר.

הויבט זיך די גאַנצע מעשה נישט אָן. ווי נאָר דער יאַפּאַנישער אויסערן־מיניסטער האָט אונטערגעשריבן דעם אַנטי־קאָמוניסטישן אָפּמאַך מיט היטלערן, האָט אים דער יאַפּאַנישער ,,פּריווי־קאָונסיל'' (דער קרוינראַט, וואָס דאָס מיינט פּאַקטיש דער מיקאַדאָ אַליין) אַרויסגערופֿן און אים אויסגעשייגעצט דערפֿאַר; אין פּאַרלאַמענט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געשריי, אַז דאָס וועט הרגענען דעם פֿישעריי־קאָנטראַקט מיט רוסלאַנד און אויך די פּרעסע האָט שאַרף קריטיקירט דעם אויסערן־מיניסטער, אמת, נישט מאהבת סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, אָבער דער עיקר איז, וואָס דאָס איז פֿאָרגעקומען תּיכּף נאָך דעם אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך, אַ שטיק צייט פֿ אַ ר די פּראָצעסן. אויך היטלערס נירנבערגער רעדע האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט זיין זיכערקייט, אַז זינאָוויעוו און ראַדעק וועלן אים העלפֿן פֿאַרכאַפּן אוקראַינע און דעם אוראַל, וואָרן אויף די נאַצי־קאָנגרעסן אין נירנבערג איז היטלער אַלעמאָל חוצפּהדיקער און ווילדער ווי געוויינטלעך. אַדרבא, דער שכל־הישר (זאָל מיר ד״ר זשיטלאָווסקי מוחל זיין!) זאָגט אונז גאָר אונטער, אַז אויב היטלער וואָלט באמת אַזוי זיכער געווען צו קריגן הילף פֿון רוסלענדישע רעוואָלוציאָנערן, וואָלט ער געמאַכט אַ שוויג וועגן דעם, כּדי דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד צו קאָנען איבעראַשן מיט אַן אומגעריכטער מיליטערישער אַטאַקע.

די ריינע לאָגיק האָט, ווי מיר זעען, ד״ר זשיטלאָווסקין ווידער פֿאַרפֿירט — צו ריינער אומלאָגיק.

ציטערדיקע הענט...

באַלד ווי סטאַלין האָט אָנגעהויבן זיין פאַשיסטישע קאָנטר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד דורך אויסמאָרדן אַלע אָנגעזעענע קאָמוניסטן, האָבן די מאָסקווער קאָרעספּאָנדענטן פון אַמעריקאַנער צייטונגען און סתם שרייבער זיך גענומען גריבלען אין דער רוסישער נשמה. ווי קומט עס, וואָס באַשולדיקטע אַלטע רעוואָלוציאָנערן שפּייען זיך איינער דעם אַנדערן אין פּנים אריין, זענען זיך מודה אין פאַרברעכנס, וואָס קיין שום בר־דעת וועט נישט — און קאָן נישט — גלויבן, אַז זיי זענען באַגאַנגען? איז דער ענטפער: די רוסישע נשמה... דאָסטאָיעווסקי... מיסטישע לאַבירינטן אין דער רוסישער פּסיכיק. אָט אַזוי זענען די רוסן!... און דאָס האָט זיך באַצויגן אפילו אויף די יידישע רעוואָלוציאָנערן און אויף דעם גאַליציאַנער ראַדעק. גיי און טענה זיך אוים מיט אַנגלאָ־זאַקסישע צייטונגס־לייט, וואָס זענען פון דער העלער הויט געוואָרן פּסיכאָלאָגן!

אָבער אָט קומט אויך אונזער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אַרויס מיט אַזאַ סאָרט פּסיכאָלאָגיע. ביי אים איז עס שוין נישט די רוסישע נשמה, נאָר די רוסישע הענט, וואָס הויבן זיך נישט, וואָס ציטערן, וואָס אַז זיי לייגן זיך אריין אין קעשענע, קאָנען זיי שוין פון דאָרט נישט אַרויסקריכן, ווי זיי וואָלטן צוגעקלעפּט געוואָרן צום רעוואָלווער, וואָס געפינט זיך דאָרט... בקצור, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ נייע פּסיכאָלאָגיע — די פּסיכאָלאָגיע פון הענט. די דאָזיקע הענטישע פּסיכאָלאָגיע אַנטוויקלט פאַר אונז ד״ר זשיטלאָווסקי אין זיין

מאמר „דער אטענטאַט אויף לענינען" („טאָג" פון 28־טן אויגוסט) און עס איז באמת כּדאַי אַ קוק צו טון, אויב די נייע, זשיטלאָווס־קיאַנישע, פּסיכאָלאָגיע האָט עפּעס אַ ממשות. אויב יאָ — וועט מען דאַרפן שאַפן אַ נייעם קורס אויף די פּסיכאָלאָגישע פאַקולטעטן פון די אוניווערזיטעטן. אויב נישט — וועט די פּסיכאָלאָגיע מוזן פאַר־בלייבן נישט נאָר אין הענט, נאָר אויך אין פּיס.

אין וואָס, אייגנטלעך, גייט עס דאָ?

איינע פון די האַרבע קשיות, וואָס מ'האָט אוועקגעשטעלט פאַר די מאָסקווער תּליונים, איז געווען אָט־די קשיא: אויב ס'איז אמת, אַז די אָנגעקלאָגטע קאָמוניסטישע וועטעראַנען האָבן געפּלאַנט צו דערמאָרדן סטאַלינען, פאַרוואָס האָבן זיי דאָס נישט געטון? וואָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן? זענען זיי דאָך געשטאַנען נאָנט צום „פּי־רער", געקאָנט צו יעדער צייט צו אים צוקומען. אויב זיי־האָבן אים פּאָרט נישט „אַראָפּגענומען" (ד"ר זש. מיינט: אָפּגערוימט), איז דאָס אַליין דאָך דער בעסטער באַווייז, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. אויף דעם דאָזיקן אַרגומענט, ווי אויף אַ סך אַנדערע, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן לגבי די מאָסקווער פּראָצעסן, האָבן די תּליונים אין מאָסקווע און זייערע הורא־שרייער אין די פאַרשיידענע לענדער, נישט געגעבן — און נישט געקענט געבן — קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער. זיי האָבן געפּאָדערט, אַז מ'זאָל זיי גלייבן אויפן וואָרט. יאַגאָדאַ, וואָס איז נאָך דאַמאָלס געווען אַן אָדם גדול ונורא, און ווישינסקי און אול־ריך וועלן דאָך קיין ליגן נישט זאָגן. נו, די „אויסוואורפן", „פאַר־רעטער" און ל י ג נ ע ר זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, סאָקאָלניקאָוו און די אַנדערע „סוואָלאָטשעס", וועלן דאָך אוודאי און אוודאי קיין ליגן נישט זאָגן — אויף זיך אַליין...

די גרויסע וועלט איז אָבער נאָך אַלץ געווען סקעפּטיש. געווען — ביז ס'איז געקומען ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, דער געוועזענער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, דער געוועזענער אַנטי־קאָמוניסט, און אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל געפונען אַן ענטפער — און פאַרענטפערונג — פאַר די מאָסקווער תּליונים. פּלוצים און מיטאמאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ביי אים ליגן בריוו פון איינעם אַ רעוואָלוציאָנער

מיטן נאָמען פּ אַ ב ר י ק אַ נ ט און אין די בריוו ווערט דער־ציילט וועגן לענינס אַ תּלמיד, וואָס אים באַצייכנט ער אַלס „פּלוני״, און וואָס סאַווינקאָוו האָט אים כּמעט היפּנאָטיזירט, אַז ער זאָל „אַראָפּנעמען״ לענינען, אויף מאַמע־לשון מיינט עס: מאַכן לענינען מיט אַ קאָפּ קירצער. אָבער מיט דעם גאָספּאָדין פּלוני איז געשען ממש די אייגענע מעשׂה, וואָס מיט אונזער מאַמע, חברטע רבקה, בעת זי האָט געטראָגן דעם וועלט־באַרימטן צווילינג, יעקב און עשׂו. איז זי פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ בית־המדרש, האָט זי יעקב געשטויסן; איז זי פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ טומאה, האָט זי עשׂו געשטויסן.

בשעת גאָספּאָדין פּלוני האָט גערעדט מיט סאַווינקאָוון, האָט עס אים געשטויסן צו שיסן לענינען; אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען צו לענינען, האָט עס אים געשטויסן צו דערשיסן סאַווינ־קאָוון. דער עיקר איז, וואָס דער דאָזיקער פּלוני האָט כּסדר געטאַפּט דעם רעוואָלווער (אָדער באָמבע, אָדער קינזשאַל) אין זיין קעשענע, גרייט „אַראָפּצונעמען״ איליטשן, אָבער ער איז כּסדר געבליבן ביים טאַפּן. לענינען, ווי מיר ווייסן, האָט ער נ י ש ט דערשאָסן. נו, — רופט אויס ד״ר זשיטלאָווסקי, מיט טריומף, — פאַרוואָס זיך נישט פאָרשטעלן דאָזעלביקע מיט סטאַלינען? מ׳האָט זיך טאַקע געדרייט אַרום אים מיט פּיסטאָלעטן, נאָר די הענט האָבן זיך נישט געהויבן. און סטאַלין איז עד־היום אַ נישט־געקוילעטער. אדרבא, ער איז, ברוך־השם, געזונט און שטאַרק צו קוילענען יעדן טאָג צענדליקער און הונדערטער קאָמוניסטן און סתּם מענטשן.

אין פּלוג קאָן זשיטלאָווסקיס הענט־פּסיכאָלאָגיע אויסזען — דעם נאַיוון לייענער — זייער פּסיכאָלאָגיש... יעדנפאַלס וועלן זיך די קאָמוניסטן אָן דעם אָנכאַפּן. מיינע קאָמוניסטישע קאָלעגן האָבן מיך שוין טאַקע געצווינגן ביים אַרבל: „געלייענט ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקל וועגן דעם אַטענטאַט אויף לענינען?״... און איך בין זי־כער, אַז דאָס באַטרעפנדיקע אַרטיקל וועט ווייט און ברייט ציטירט ווערן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. ס׳וועט פאַר איר זיין אַן אבן־טוב, און ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס אַ ליאָדע משה כּץ האָט נישט לאַנג צוריק פון אים חוזק געמאַכט און באַשפּיגן, וועט אַצינד נאָך געהויבענער ווערן ביי סטאַלינס שמשים. זיין מאמר איז

פאַר זיי נאָך אומגעהייער וויכטיקער ווי זיין אַנשלוס אין דעם „יידישן קולטור־קאָנגרעס".

אַז דער אָביעקטיווער — און אינטעליגענטער — לייענער נעמט אָבער אַנאַליזירן ד"ר זשיטלאָווסקיס העגט־פּסיכאָלאָגיע, ווערט פון איר כּהרף־עין אַש און שטויב, גאָרנישט מיט גאָרנישט. קודם שטעלט זיך אַוועק די קשיא: פאַרוואָס האָט דער חשובער דאָקטאָר געוואַרט אַזוי לאַנג מיט פאַבריקאַנטס „זכרונות", אויב זיי געפינען זיך שוין ביי אים אַזוי פיל יאָרן? אַט־די זכרונות וואָלטן דאָך ד"ר זשיטלאָווסקין פאַרשפּאָרט צו שרייבן אַ לאַנגע סעריע אַרטיקלען וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן. און מיר ווייסן דאָך, אַז אין יענע אַרטיקלען האָט ער אַרויסגעבראַכט גאַנץ אַנדערע טעאָריעס, פּשטלעך און פּלפּולים וועגן די פּראָצעסן, ודוים און אומ־ברענגונגען. צוליב וואָס האָט אים דאָן געטויגט דער משל מיט דער קאַץ אין זאַק אין די קולוארן פון אַ האָטעל, אַז ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ פּאַרטיקן נמשל: די האַנט, וואָס הויבט זיך נישט?

מילא, האָט ד"ר זשיטלאָווסקי אפשר די גאַנצע צייט פאַרגעסן, אַז ביי אים אין שופלאָד ליגן אַזוינע וויכטיקע בריוו. דאָס קאָן גרייכער פּאַסירן. אָבער דער ליבער דאָקטאָר האָט אויך פאַרגעסן, אַז אויף לעונינען האָט מען סוף־כּל־סוף י אָ געשאָסן, אַז ביי דאָראַ קאַפּלאַן האָט זיך י אָ געהויבן די האַנט. קורץ: פאַר אונז שטייען צוויי רעוואָלוציאָנערן, וואָס ביי איינעם הויבט זיך נ י ש ט די האַנט און ביים צווייטן הויבט זיך י אָ די האַנט — איז דאָס, אָן ספק, אַ היפּשער פּראָצענט, וואָס וועגט־אַריבער ד"ר זשיטלאָווס־קיס העגט־פּסיכאָלאָגיע, וואָס מאַכט די דאָזיקע טעאָריע בטל ומבוטל. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ: אויב פון צוויי האָט זיך ביי איינעם געהויבן די האַנט צו שיסן לעונינען, האָבן זיך צווישן די צענדליקער און הונדערטער, וואָס סטאַלין האָט אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, זיכער געפונען כּאָטש עטלעכע, וואָס אויך ביי זיי האָבן די הענט זיך געקאָנט אַ הויב טון...

קיינער וועט דאָך קיינעם נישט איינרעדן, אַז זינאָוויעוו און זיינע חברים, אַ פּשיטא שוין אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע מיליטער־לייט ווי טוכאַטשעווסקי, גאַמאַרניק, יאַקיר און די אַנדערע, וואָס

זענען דורכגעגאַנגען מלחמות, בירגער־קריגן און פּאַרטיי־עקזעקו־ציעס, האָבן געהאַט אַזעלכע ציטערדיקע הענט, וואָס האָבן זיך בשום־אופן נישט געקאָנט הויבן צו דערשיסן סטאַלינען, אויב — זיי וואָלטן עס באמת געפּלאַנט. וועלכער קלאָרער מענטש וועט דאָס גלויבן, אַז זייערע הענט האָבן זיך אַזוי נישט געהויבן צו „ליקווי־דירן" דעם מאָדערנעם איוואַן גראָזני, אַז זיי האָבן אַזש געמוזט קאָנספּירירן מיט יאַפּאַן און דייטשלאַנד, זיי צוזאָגן גאַנצע שטיקער רוסלאַנד, כּדי, אַזוי־אַרום, דורך אַן „אומוועג" פון פּאַרראַט און ימים בלוט פון מיליאָנען מענטשן, פּטור צו ווערן פון סטאַלינס רעזשים?

ווײ, ווײ! ווי איז אונז אַלעמען, אַז אַפילו ד"ר זשיטלאָווסקי קאָן זיך פאָרשטעלן אַזאַ מוראדיקן, אַזאַ ווילדן אומזין!

דאָ דאַרף מען אויך אין זינען האָבן, אַז דער געהיימניספּולער פּלוני, מכּוח וועלכן פאַבריקאַנט האָט אין זיינע בריוו דערציילט זשיטלאָווסקין, וואָלט אפשר אויך געהויבן די האַנט, ווען נישט די באַדינגונגען פון יענער צייט, וואָס זענען דורכויס אַנדערש ווי די איצטיקע, נאָך צוואַנציק יאָר באָלשעוויסטישער הערשאַפט. דעמאָלט האָבן זיך געדרוקט די דייטשישע אַרמייען אויף דער יונגער רע־וואָלוציע; דעמאָלט האָבן מאַרשירט די ווייסע אַרמייען פון די קאָלטשאַקס, דעניקינס און פּעטלורעס און ווי זיי האָבן דאָרט גע־הייסן; אין יענעם פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע האָט ביי אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכן רעוואָלוציאָנער געמוזט ציטערן נישט נאָר די האַנט, נאָר אויך דאָס האַרץ: וועט דער אַטענטאַט אויף לענינען נישט ברענגען קיין בהלה? וועט דאָס נישט אַריינוואַרפן די פּאַרטיידיקער פון דער רעוואָלוציע אין אַ פּאַניק? וועט אַזאַ אַקט נישט פאַר־שטאַרקן די ווייסע אַרמייען?

אָבער איצט... איצט איז דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד אַן ערנוויר־דיקער מיטגליד אין דער אימפּעריאַליסטישער פעלקער־ליגע, אַ שותּפטע צו די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, מיט באַפּראַקטע און באַצילינדערטע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין אַלע מדינות; איצט וואָלט די רעוואָלוציע נישט אויסגעזעצט געוואָרן דער מינדסטער געפאַר, ווען סטאַלין ווערט באַזייטיקט. בפרט, אַז זיינע פּאַרטיי־

שונאים זענען איבערצייגט, אז ער האט די רעוואלוציע אוועקגעפירט אויף די וועגן פון פארראט, פון קאנטר־רעוואלוציע און אז מיט זיין באזייטיקונג וועט, אדרבא, די רעוואלוציע געראטעוועט ווערן פון א זיכערן טויט. קלאר דעריבער, אז ווען זיי וואלטן באמת געפלאנט אן אטענטאט אויף סטאלינען, וואלט שוין סטאלין לאנג געווען אויף „יענער וועלט". אויב סטאלין לעבט נאך, איז עס נישט מחמת זיינע שונאימס הענט ציטערן, נאר ווייל עס ציטערט זייער סאציאל־דעמאקראטיש, מארקסיסטיש געוויסן, וואס איז דורכויס קעגן אינדיווידועלע טעראריסטישע אקטן.

קיין ספק נישט, אז צווישן די קאמוניסטישע פירער אין רוסלאנד הערשט א שטארקע אומצופרידנקייט מיט סטאלינס טאקטיק, מיט זיינע פאשיסטישע דרכים, אבער זיי, די קאמוניסטישע פירער, סיי פון דער אלטער גווארדיע, סיי פון די יונגטלעכע, האלטן נישט פון א „הויף־מארד", פון טעראריסטישע אקטן. אזוי איז דאס אלעמאל געווען מיט די מארקסיסטן, וואס אויף די סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן (און פריער אויף דער „נארָדנאיא וואליא") האבן זיי געקוקט ווי אויף אומזיניקע מערדער, אין בעסטן פאל: ווי אויף פארפירטע, וואס ווייסן נישט די אמתע וועגן פון פאלקס־אויפשטאנד. די מארקסיסטיש־פרומע קאמוניסטן אין רוסלאנד קעמפן דעריבער קעגן סטאלינס קאנטר־רעוואלוציע דורך פראפאגאנדע, דורך אויפקלערונג; און אז די דאזיקע פראפאגאנדע האט ארומגעכאפט די ברייטסטע — און פארשיידנארטיקסטע — קרייזן פון רוסלענדישן פאלק באשטעטיקט סטאלין אליין דורך זיינע טאג־טעגלעכע מאסן־שחיטות.

דערפאר טאקע, וואס די אומצופרידנקייט מיט דער רעאקציאנערער קאנטר־רעוואלוציע וואקסט זיך אזוי שטארק און אזוי שנעל פונאנדער, ווי א וואלד־פייער, איז סטאלין קודם אויסן צו פארמיאוסן די פאראנטווארטלעכע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. זייער טויט אליין איז ניט גענוג. זייער טויט וועט זיי, אדרבא, מאכן פאר מארטירער און נאך שטארקער אויפבלאזן דעם ווידערשטאנד קעגן סטאלינס אייגנארטיקן פאשיזם. דעריבער מוז מען זייערע נעמען שענדן אין די אויגן פון פאלק, זיי דערקלערן פאר

פאַררעטער, פאַר אגענטן פון יאפּאַן און דייטשלאַנד, פאַר פאַרגיפ־טער פון אַרבעטער, פאַר סאַבאָטירער און — פאַר אַלץ, וואָס אין קאָרט איז. צי דאָס וועט סטאַלינען העלפן, איז אַן אַנדער פראַגע. אָבער דער פרומער מאַרקסיזם פון זיינע קרבנות איז די בעסטע דערקלערונג פאַר דעם רעטעניש, פאַרוואָס דער ערגסטער פאַר־ברעכער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, יאָסיף סטאַלין, געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע.

„כשר" און „טריפה"

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט די פּאָלעמיק אַרום זיינע צוויי טרויעריק־באַרימטע מאמרים — איינעם, ווו ער בענטשט סטאַלינען, לכבוד זיינע מאַסן־הריגות, און איינעם, ווו ער בענטשט היטלערן, לכבוד זיין פאַרגוואַלטיקונג פון עסטרייך — אויסגעברייטערט צו אַן אַלגעמיינעם וועלטלעכן און יידישן קולטור־ענין, צו אַ פּאַראַלעל צווישן „מיר" און „זיי", צווישן דעם עם־ישראל און די אומות־העולם, הייסט עס. זיין אויספיר איז — ווי דער „קאָפּ" איבער זיין אַרטיקל: נישטאָ קיין „כשר" און „טריפה" אין דער קולטור־אַרבעט פון אַ פאָלק („טאָג", 30־טער אַפּריל). דער מוסר־השכל דאַרף פאַר אונז זיין, אַז מיר דאַרפן שליסן אַ פאַריייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, זיך חברן און משתתף זיין מיט זיי, מחמת זיי, די קאָמוניסטן, זענען פונקט אַזעלכע יידן, ווי מיר אַלע — אַ סימן: מיר אַלע רעדן דיזעלביקע שפּראַך: יידיש.

אָט־אַזוי האָט ד"ר זשיטלאָווסקי אָפּגעפּסקנט אַ שאלה אין הלכות יידישקייט, מאָראַל, נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, און באַלד אויף מאָרגן האָט צ. ב. גאָלדבערג אים אַרויסגעגעבן סמיכה. „ד"ר זשיטלאָווסקי — שרייבט ער — איז אונזער דענקער פּאַר־עקסעלאַנס — די ריינע פאַרנונפט פון יידישן וואָרט". און ב. צ. ג. ראַט, אַז מ'זאָל דאָס דאָזיקע אַרטיקל זשיטלאָווסקיס אַרויסגעבן אין אַ באַזונדערער בראָשור און זי פונאַנדערשיקן צו אַלע אינטעליגענטן אין לאַנד. דערביי פאַרזיכערט ער, אַז דאָס וואָלט געווען די ערשטע אַנטי־נאַציישע בראָשור אויף יידיש — קעגן

יִדישן נאַציזם. וואָס פאַרא „יִדישער נאַציזם" איז דאָס? וואָס, איר ווייסט נאָך נישט? דער יִדישער נאַציזם איז אָט וואָס: אויב ד"ר זשיטלאָווסקי קריטיקירט דאָס יִדישע פאָלק, טראַכט אויף אים אויס אַלערליי בלבולים, איז דאָס פרייע מיינונג. אויב אָבער עמעצער קריטיקירט ד"ר זשיטלאָווסקין און ווייזט־אָן אויף דער פאַלשקייט פון זיינע הנחות, איז דאָס שוין נישט קיין פרייע מיי־נונג, נאָר נאַציזם. די אמת־האַטענטאָטישע מאָראַל.

נאָר, ווי זאָגט מענדעלע מוכר־ספרים — נישט דאָס בין איך אויסן.

דאָ איז קודם־כּל כּדאי אַ קוק צו טון ווי־אַזוי ד"ר זשיט־לאָווסקי קומט צו זיין אויספיר, אַז נישטאָ קיין כּשר און טריפה אין דער קולטור־אַרבעט פון אַ פאָלק. ראשית, פאַרזיכערט ער אונז, אַז ביי די אומות־העולם איז פּונקט ווי ביי אונז: אויך ביי זיי זענען דאָ קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער פון סטאַלינען און סתם גייטראַלע; ושנית, פאַרזיכערט ער אונז, איז ביי אונז נישט ווי ביי די אומות־העולם. ביי אונזערע ליבע גויאישע שכנים מעג מען רעדן וואָס מ'וויל, טון, וואָס מ'וויל און ס'איז שאַ־שטיל. און ביי אונז? ביי אונז הרגעט מען מסתּמא מענטשן אין די נאָסן פאַר האָבן אַן אַנדער מיינונג. ראָמען ראָלאַן — אינפאָרמירט אונז דער חשובער דאָקטאָר — האָט נאָך ביז־אַהער נישט געפּראָטעסטירט קעגן מאָסקווער פּראָצעסן און עמיל וואַנדערוועלדע האָט דערקלערט, אַז מ'דאַרף די רוסישע רעוואָלוציע נעמען ווי זי איז. „פאַרוואָס — פרעגט ער — וואַרפט מען אים נישט אַריין אין חרם? פאַרוואָס שליידערט מען אים נישט אַרויס פון דער פראַנצויזיש־בעלגישער קולטור־ספערע?" קומט דערפון אויס, אַז אויף דער יִדישער גאַס טוט מען נישט מער, נאָר מ'וואַרפט און מ'שליידערט... אמת, פון נישט־פּראָטעסטירן ביז פאַרענטפערן און רעכטפערטיקן די מאָסק־ווער רציחות איז נאָך אַ ווייטער מהלך, פונדעסטוועגן האָט מען אויך ד"ר זשיטלאָווסקין נישט געלייגט אין חרם און נישט „אַרויסגע־שליידערט" פון דער יִדישער קולטור־ספערע.

אָבער ווי דער רבי, אַזוי זיינע חסידים. אויך וויליאַם צוקער־מאַן ברענגט אַרויס — אין זיין פאַרטיידיקונג פון זשיטלאָווסקין

(,,פר. ארב. שטימע'', 15־טער אפּריל), אז אַ סך ראַדיקאַלן אין אייראָפּע האָבן וועגן היטלערס עסטרייכישן ,,אַנשלוס'' געזאָגט דאָס איינענע, וואָס ד''ר זשיטלאָווסקי — און דאָך זענען זיי נאָך גע־זונט און שטאַרק. צוקערמאַן פאַרשווייגט דערביי די שאַרפע קריטיק, וואָס די דאָזיקע ראַדיקאַלן האָבן געמוזט אויסהערן קעגן זייער שטעלונג. נו, איז מען דאָך אויך ביי אונז אָפּגעקומען מיט קריטיק, מיט פּאָלעמיק, טאָ מה־רעש? אָבער ד''ר זשיטלאָווסקין און זיינע חסידים גייט עס, ווייזט אויס, ממש אין לעבן צו באַווייזן, אַז ביי די אומות־העולם איז אַ גליקלעכע וועלט, פול מיט פרייער מיינונג און טאָלעראַנץ, נאָר ביי אונז, יידן, איז נישטאָ קיין פּיצל טאָלע־ראַנץ. ביי אונז האַלט מען אין איין מחרים זיין, פאַרפאָלגן און שיסן. פונדעסטוועגן גייט אפילו אַלגין אַרום פראַנק און פריי, אַן אַ לייב־וואַך, און שאַפט זיך אומגעשטערט זיין ,,קולטור'', באַפאַלט אומגעשטערט אַלעמען, וואָס האַלטן נישט סטאַלינען פאַר קיין יע־זוס־קריסטוס. נישט מער — מיר ווילן זיך נישט חברן מיט די אַל־גינס, מיר ווילן נישט זיין קיין שותפים צו זייער פּאָגראָם־העצעריי אין ארץ־ישראל, צו זייערע רציחות אין רוסלאַנד, צו זייער דעמאַ־גאָגיע אומעטום און צו זייער מין ,,קולטור'' — קומט אונז דער־פאַר מחרים זיין, אָדער שיסן? ס'טייטש, זשיטלאָווסקי און זיינע מאמינים רעדן דאָך פון פרייער מיינונג, פון טאָלעראַנץ, טאָ פאַר־וואָס זאָלן נאָר זיי מעגן געניסן דערפון און מיר — גאָרנישט?

מילא, גיי מאַן יושר און לאָגיק ביי דער ,,ריינער פאַרנונפט פון יידישן וואָרט'', אַז דער דאָקטאָר באַגרייפט אפילו נישט די טראַגעדיע פון ראָמען ראָלאַנס שווייגן, די טראַגעדיע פון אַ שיין־גייסט, וואָס האָט, אין אַ וועלט פון רשעות, זיך געוואָלט צו עפּעס צוטוליען, איז פאַרבלענדט געוואָרן פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און ווען סטאַלין האָט אָנגעהויבן זיין בלוטיקע אָרגיע, איז דער דאָזיקער ,,פראַנצויזישער טאָלסטאָי'' פאַרגלי־ווערט געוואָרן אין שווייגן, נישט האָבנדיק דעם קוראַזש פון אַ לעאָן בלום, אויסצושרייען צו מאָסקווע: ,,פאַרוואָס צווינגט מען אונז אויסצוקלויבן צווישן דעם וואָרט, וואָס איז אַ געפאַר, און דעם שווייגן, וואָס וואָלט געווען אַ חרפה?''. אָבער אפילו אַן אַ טיפערן

ארײנבליק אין דער ראַלאַן־טראַגעדיע — וואָס פאַרא משל איז דאָס? נו, און אַז גערהאַרד הויפּטמאַן אין דײטשלאַנד און קנוט האַמסון איז נאָרוועגיע, בײדע נישט קײן קלענערע, אויב נישט קײן גרעסערע קינסטלער פון ראָלאַנען, זענען מיט לײב און לעבן צוגעשטאַנען צו היטלערן — דאַרפן מיר אפשר נאָכטון זײער בײשפּיל?

אויב ד״ר זשיטלאָווסקי וויל מיט אַזעלכע ראיות אונז אין עפּעס איבערצײגן, קאָן מען אים, ווי ס'איז צו זען, מיט דיזעלביקע ראיות צוריקשלאָגן; און אויב ער וויל דערמיט אַלץ פאַרשטאַרקן דעם אײנדרוק, אַז בײ אַנדערע פעלקער זענען די באַציִונגען צווישן די פאַרשײדענע גרופּעס אַנדערש ווי בײ אונז, וועט עס אים נישט העלפן, מחמת מיר ווײסן אויך, וואָס אויף דער וועלט קומט פאָר. דער ענגלישער, אָדער פראַנצויזישער ליבעראַל, דעמאָקראַט, סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט, קאָנסערוואַטאָר און קאָמוניסט רעדן און שאַפן טאַקע אויף דערזעלביקער שפּראַך און זענען קינדער פון דעמזעלביקן פאָלק, אָבער קײנער וועט אונז נישט אײנשמועסן, אַז זײ זיצן אַלע פרידלעך בײ דעם זעלביקן קולטור־טיש, קושן זיך אין די פּיסקלעך, חברן זיך, האַלוביען זיך און גיבן זיך הסכמות אײנע די אַנדערע. נישט נאָר פּאָליטישע ריכטונגען רײסן זיך אַרום און באַנוצן זיך אַפילו מיט פיזישע אַטאַקעס, נאָר אַפילו ריכטונגען אין דער קונסט האָבן נישט קײן שלום־ושלוה און זענען אײנע די אַנדערע מבטל.

אַקוראַט אַזוי איז עס בײ אונז (אָן די פיזישע אַטאַקעס). איז טאַקע טשיקאַווע, אַז גראַד די, וואָס לערנען אונז כּסדר, אַז מיר זאָלן זיך אויפפירן ווי „בײ לײטן״, ווילן אין דער אמתן, אַז מיר זאָלן זײן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. ד״ר זשיטלאָווסקי פאַרגעסט דערבײ אַפילו, אַז יענע פעלקער זיצן אויף אַן אײגענער טעריטאָריע, בעת מיר זענען עקסטעריטאָריאַל. דאָס הײסט, אַז מיר געפינען זיך אין אַן אויסנאַם־לאַגע און עס וואָלט אפשר גאָרנישט געשאַדט, אַז מיר זאָלן יאָ אָנווענדן אויסנעמלעכע מיטלען, כּדי צו דערהאַלטן אונזער נאַציאָנאַלן קיום, כּדי צו באַשיצן זיך פון צעשטערערישע עלעמענטן. אַפילו דער שאַרפסטער ייִדישער ראַדיקאַל וועט נישט

לייקענען, אַז ווען נישט די פֿאַרשיידענע געבאָטן און פֿאַרבאָטן, די אַלערליי מחיצות און צאַמען, וואָס די יידישע רעליגיע האָט אויפֿגעשטעלט ,וואָלט דאָס יידישע פֿאָלק שוין אפשר לאַנג פֿאַר־שוואונדן צווישן די פֿעלקער. די רעליגיע האָט געשאַפֿן אַ גייסטיקע טעריטאָריע, גייסטיקע גרענעצן פֿאַרן פֿאָלק.

די ברידער שטיינבערג, ב. ריווקין, לעיעלעס־גלאַנץ, וו. נאַ־טאַנסאָן, מנחם באָריישאַ און אַנדערע, וואָס פֿאַרטיידיקן די באַשאַ־פֿונג פֿון אַ נייער גייסטיקער טעריטאָריע, אַ נעאָ־רעליגיעזע, אַ משיחיסטישע, אַ נביאיש־עטישע, אָדער וואָס דאָס זאָל נישט זיין, פֿאַרשטייען דעריבער דאָס יידישע פּראָבלעם בעסער און טיפֿער, ווי אונזער „נאַציאָנאַלער פֿילאָזאָף", הגם ער פּטרט זיי אָפּ, אין זיין פֿריִער־דערמאָנטן אַרטיקל, מיט איין פֿעדער־שטריך. דער סטאַלי־ניזם האָט אונזער דאָקטאָר אַזוי פֿאַרבלענדט, אַז מער ווי סטאַ־לינס פּרצוף קאָן ער נישט זען. ווען ער וואָלט יאָ געקענט זען עפּעס אַנדערש, וואָלט ער. בכלל זיין גאַנצן מאמר וועגן „כשר" און „טריפֿה" אַדרעסירט נישט צום יידישן פֿאָלק, נאָר צו מאָסקווע. אָנשטאָט טענות האָבן צו אונז, פֿאַרוואָס מיר שליסן־אויס די קאָ־מוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער און ממש מיר לאָזן זיי נישט אָטעמען די לופֿט פֿון דער יידישער קולטור־ספֿערע, וואָלט ער אַזאַ טענה געדאַרפֿט אַרויסשטעלן צו די קאָמוניסטישע הערשער פֿון רוסלאַנד.

דאָרט, אין רוסלאַנד, אין דעם אַזוי־גערופֿענעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, — דאָרט שליסט מען דאָך אויס אַלע, וואָס דענקען אַביסל אַנדערש, אַלע, וואָס זענען נישט הונדערט פּראָצענט סטאַ־ליניסטיש. דאָרט האָט מען דאָך פֿון סאַמע אָנהויב פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פֿאַרמשפּט צום טויט די גאַנצע „בורזשואַזע" קולטור און אַריינגעלייגט אין חרם די גרעסטע גייסטער פֿון דער מענטשהייט; ערשט לעצטנס האָט מען דאָרט, אין די פּעדאַגאָגישע צייטשריפֿטן, פֿאַרעפֿנטלעכט אינסטרוקציעס צו די לערער פֿון אַסטראָנאָמיע, אַז זיי זאָלן נישט ברענגען אויף די ליפּן איינשטיינס איינהייטלעכע רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע, באשר די דאָזיקע טעאָריע שמעקט מיט טעאָלאָגיע (און אין אמתן באַשטראָפֿט

מען דערמיט איינשטיינען פאַר זיין אַנטי־קאָמוניזם); דאָרט, אין רוסלאַנד, זענען די טורמעס איבערגעפּאַקט מיט די שענסטע זין און טעכטער פון לאַנד און טויזנטער ווערן דערשאָסן פאַר דעם מינדסטן „אָפּנויג" פון סטאַלינס ליניע, כאָטש זיי זענען אַלע מיטגלידער פון דער זעלביקער רוסלענדישער משפּחה און רעדן — מערקט אייך, הער דאָקטאָר! — דיזעלביקע שפּראַך.

אויך אויסער רוסלאַנד, אין די קאַפּיטאַליסטישע „גלות־לענדער", האָבן די קאָמוניסטן זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלץ און אַלעמען, פון דער גאַנצער „בורזשואַזער" וועלט, פון אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָס זענען נישט פאַרליבט אין דיקטאַטור. ערשט, ווען סטאַלין האָט אַ ווונק געטון, אַז אַ „פאַרייניקטער פראָנט" אין די „קאַפּיטאַליסטישע לענדער" איז נויטיק פאַר זיין פּאָליטיק, האָבן די קאָמוניסטן זיך אָנגעהויבן יאָגן נאָך קונדן אומעטום, ווו נאָר זיי לאָזן זיך כאַפּן — אפילו אין דער קאַטוילישער קירך. אָבער דער „פאַרייניקטער פראָנט" איז גילטיק בלויז אין „גלות". אין הייליקן רוסלאַנד גופא איז דאָ אַ פאַרייניקטער פראָנט בלויז אין די פינסטערע קאַזעמאַטן און ביים „ווענטל", ווו מען פייניקט און מען שיסט אַלע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, אָבער דער עיקר — קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אַ וואָרט, אָדער אַ ווונק פאַרזינדיקט ביים מעכטיקן זעלבסטהערשער.

דאָך האָט ד"ר זשיטלאָווסקי דעם טרויעריקן מוט צו וואַרפן אין פּנים אַריין אונז — נישט סטאַלינען און זיינע משרתים — אַז מיר זענען נישט טאָלעראַנט, אַז מיר דערלאָזן נישט קיין פרייע מיינונג. דאָס איז די לאָגיק פון אונזער „דענקער פאַר־עקסעלאַנס". אַזוי רעדט די „ריינע פאַרנונפט פון יִדישן וואָרט".

דער קאזאַק הנגזל...

די קאָמוניסטיש־יידישע שרייבער האָבן באַשלאָסן, אַז זיי קע־נען לענגער נישט פאַרשווייגן די מוראדיקע אָנפאַלן אויפן סאָוויעטן־פאַרבאַנד מצד די דריי גרעסטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן: א. אַלמי, יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס־גלאַנץ. זיי האָבן זיך געכאַפּט אין צייט, וואָרן די סכנה איז זייער גרויס: פון איין זייט דייטשלאַנד, פון דער צווייטער זייט יאַפּאַן, פון דער דריטער זייט טראָצקי מיט אַ באַנדע מעקסיקאַנער און פון אַ פערטער זייט די דריי דערמאָנטע שריפטשטעלער — דאָס וואָלט געמיינט דער סוף פון סטאַלינס רוסלאַנד. נו, האָבן אונזערע קאָמוניסטישע קאָלעגן איינשטימיק אָפּגעמאַכט, אַז זיי מוזן אויפהויבן אַ געוואַלט, אַ ליאַרעם — און זיי האָבן אויסגעקליבן זייער וויכטיקסטן פאַרשטייער, ל. כאַנוקאָוו, אַז ער זאָל אַזאַ געשריי טון, אַז די ערד זאָל אַזש ציטערן.

האָט דער נעמלעכער ייִד באַלד אויסגעטרונקען עטלעכע שיטע־רע אייער און זיך היסטעריש צעשריגן אין „אַן אָפענעם בריוו צו די ייִדישע שרייבער", אַז זיי זאָלן למען־השם אָפּשטעלן די „היסטערי־שע" אַטאַקעס, וואָס די דערמאָנטע דריי: אַלמי, גלאַטשטיין און לעיעלעס, מאַכן אויפן סאָוויעטן־פאַרבאַנד — אַז נישט איז ער אומגליקלעך. ווי אַזוי די ייִדישע שרייבער קענען אונז אָפּשטעלן, ווייס אפשר איין גאָט אין הימל. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט נאָך דער י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַריין נישט קיין אייגענע „טשע־קאַ", און געדונגענע מערדער, וואָס זאָלן אָפּראַמען פון וועג, וועמען מ'דאַרף, האָט ער אויך נישט. איז טאַקע שלעכט — די „פּריוו־היט"־לייט.

און עס איז בפירוש אַ גרויסער נס, וואָס דער י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַריין קאָן אונז גאָרנישט טון — אַנדערש וואָלטן מיר אוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייער פּאַסקודנער לאַגע. עס וואָלט אונז, נעמלעך, אויסגעקומען צו ברעכן אַ קאָנטראַקט, וואָס מיר, די דריי, האָבן ערשט מיט דרייצן טעג צוריק געשלאָסן מיט היט־לערס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, מיט מוסאָלינים אַ ספּעציעלן שליח און מיט אַ דעלעגאַט פון מאָנטע־קאַרלאָ, אַז מיר זאָלן אומ־געריכט באַפאַלן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און אים צעררייסן ווי אַ הערינג.

נאָר — שפּאַס אָן אַ זייט! אדרבא, זאָל אונז דער מחבר פון דעם „אָפענעם בריוו" אָנווייזן, ווו און ווען מיר זענען לעצטנס באַפאַלן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, סיידן סטאַלין איז ביי אים דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד און דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז סטאַלין. נו, געוויס, ביי די נאַציס איז היטלער — דייטשלאַנד; און ביי די שוואַרץ־העמדלדיקע איז מוסאָליני — איטאַליע; יעדן פּראָטעסט קעגן די בלוטיקע מעשים פון די צוויי פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן באַצייכענען זיי ווי אַן אָנפאַל אויף דייטשלאַנד און איטאַליע. אַמאָל איז צאַר ניקאָלאַי געווען רוסלאַנד. איצט איז עס — סטאַלין. דאָס איז קיין נייעס נישט. לואי דער 14־טער האָט שוין געזאָגט: „דער שטאַט — דאָס בין איך!" און די קאָמוניסטן, וואָס האָבן איבערגענומען אַ סך געבאָטן און מעטאָדן פון די יעזויטן און אינקוויזיטאָרן, האָבן אויך אָט־דעם כּלל איבערגענומען.

נאַטירלעך, לויט מיין איינענער מיינונג, איז נישט נאָר סטאַ־לין נישט רוסלאַנד, נאָר אפילו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז עס נישט. אַ לאַנד באַשטייט פון פאַרשיידענע מענטשן, מיט פאַר־שיידענע כאַראַקטערן, פאַרשיידענע געדאַנקען און געפילן, מיט פאַרשיידענע וועלט־אַנשויונגען. אויב איין פּאַרטיי ווערט צופעליק די הערשערין פון דעם לאַנד און צווינגט אַרויף, מיט דער הילף פון מיליטערישער מאַכט, פון ברוטאַלע מיטלען, איר דעה אויף אַלעמען, מיינט עס בשום־אופן נישט, אַז זי איז דאָס לאַנד, אַז זי רעפּרעזענטירט די באַפעלקערונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי רע־פּרעזענטירט בלויז איין ריכטונג אין יענעם ריזיקן לאַנד; און אויב

עס איז דאָ עפּעס ביי אַלע בירגער גלייך, וואָס זי רעפּרעזענטירט, איז די שרעק, די דערשלאָגנקייט און די געפּאַלנקייט, וואָס די הערשנדיקע פּאַרטיי האָט דאָרט אַרויסגערופן.

נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדערער ענין. דער עיקר איז אַצונד, אַז אַן אָנפאַל אויף סטאַלינען מיינט בשום־אופן נישט קיין אָנפאַל אויפן סאָוויעטישן פאַרבאַנד. עס איז דאָך לעכערלעך אַרויסצושטעלן טענות צו די יידישע שרייבער, פאַרוואָס זיי פאַרשוויגן „די גרעסטע נבלה פון דער היינטיקער צייט" — די פּראָצעסן קעגן סטאַלינס בלוטיקע הריגות. איר הערט עפּעס? נישט סטאַלין איז באַגאַנגען די גרעסטע נבלה מיט זיינע פּראָצעסן, מיט די ווילדע, אידיאָטישע מעשיות און מיט דעם דערשיסן אַלטע רעוואָלוציאָנערן, דערצו אין אַזאַ איילעניש, גלייך האַלטן זיי אַביסל לענגער אין תפיסה, ביז מ'וועט קאָנען גרינטלעכער אונטערזוכן די באַשולדיקונגען, וואָלט געווען אַ תיפּפּדיקע געפאַר פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע; ניין, נישט סטאַלין. די גרעסטע נבלה באַגייען נאָר די, וואָס פּראָטעסטירן קעגן די בלבולים און מערדערייען; די, וואָס גלויבן נישט די ווילדע מעשיות, און אין דער איילעניש צו דערשיסן די אָנגעקלאָגטע, ווי אין דעם שטערן טראָצקין אַרויסצוקומען מיט זיינע באַווייזן פאַר אַן אומפּאַרטייאישן געריכט, זעען זיי די בעסטע באַשטעטיקונג, אַז אַלץ, וואָס איז דערציילט געוואָרן אויף די מאָסקווער מכשפה־פּראָצעסן, איז פּונקט אַזוי אמת, ווי די ווידוים אויף די אַמאָליקע מכשפה־פּראָצעסן און אויף די פאַרהערן פאַר טריבונאַלן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

נאָך אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם „חשד", אַז די פּראָצעסן זענען אַ „פּריים־אָפּ", קאָן מען זען אין דער דעפּעשע פון וואָלטער דוראַנטי אין דער ניו־יאָרקער „טיימס" וועגן דער שמחה אין די סאָוויעטישע צייטונגען מיט אַ ידיעה פון יאַפּאַן, „וואָס באַווייזט", אַז די „טראָצקיסטן" האָבן טאַקע זיך פאַרבונדן מיט די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן. אויב מ'איז אַזוי שטאַרק זיכער געווען מיט דער באַשולדיקונג און די „ווידוים" אויף די פּראָצעסן, אַז מ'האָט אויף זייער יסוד דערשאָסן אַזוי פיל אַלטע רעוואָלוציאָנערן, די

גרינדער פון סאָוויעטישן סיסטעם — טאָ צוליב וואָס זיך נאָך פּאַטשקען מיט נייע באַשטעטיקונגען?... און וואָס פאַר אַ באַשטעטיקונג איז דאָס אייגנטלעך? עפּעס אַ יאַפּאַנישער גענעראַל זאָל זיך האָבן אַרויסגערעדט, אַז ער האָט געקריגן געוויסע אינפאָרמאַציעס וועגן דער רוסישער אַרמיי. פון וועמען? פון אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן אין רוסלאַנד. און דער אויספיר פון „איזוועסטיאַ" און „פּראַוודאַ" איז, אַז — טראָצקיסטן...

איר הערט אַ מעשה? ערשט לעצטנס האָט מען פאַרמשפּט אַ געוועזענעם הויכן באַאַמטן פון אַמעריקאַנער פלאָט פאַר אַרויסגעבן סודות דער יאַפּאַנישער רעגירונג. אין יעדן לאַנד זענען דאָ שפּיאָנען, נישט נאָר פרעמדע, נאָר צווישן די אייגענע בירגער, וואָס פאַרקויפן סודות צו פרעמדע רעגירונגען. אין רוסלאַנד זענען זיכער אויך דאָ אַזעלכע. פאַראַן נאָך דאָרט גענוג צאַריסטן, געוועזענע אַדליַיט — און טייל פון זיי האָבן גאַנץ פעטע שטעלעס סיי אין דער אַרמיי, סיי אין דער „געפּעאו", ווו מ'נוצט אויס זייער קענטעניש, זייערע ידיעות, זייערע דערפאַרונגען. אויב דרינגען, אַז געוויסע מיליטערישע סודות פון רוסלאַנד האָט יאַפּאַן באַקומען פון טראָצקיסטן, פאַרוואָס זאָל מאָרגן די אַמעריקאַנער רעגירונג נישט אויפבויען די זעלביקע טעאָריע, אַז יאַפּאַן קריגט סודות פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן? פאַרוואָס זיי טוען דאָס, קאָן פּונקט אַזוי קלוג דערקלערט ווערן. זיי, די קאָמוניסטן, זענען זיכער, אַז ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי און פלאָט זאָלן ליידן אַ מפּלה אין דער קומענדיקער מלחמה מיט יאַפּאַן, וועט גרינגער זיין צו מאַכן אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין אַמעריקע.

דער קלוגער דוראַנטי, וואָס איז אַזוי באַליבט ביי די קאָמוניסטן, האָט זיך אַפילו קיין קרים נישט געטון אין זיין דערמאָנטער דעפּעשע. יאָ, דוראַנטי איז זייער קלוג. ער האָט דאָך דאָס געשאַפן די טעאָריע, וואָס דאַרף דערקלערן די ווידוים אויף די מאָסקווער פּראָצעסן — די רוסישע נשמה... און טאָמער גלויבט איר אים נישט, הייסט ער אייך לייענען דאָסטאָיעווסקין... מילא, דאָס, וואָס דער רוב באַשולדיקטע איז באַשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט קיין „רוסישע נשמות" און איינער פון זיי,

ראַדעק, איז אַ גאַליציאַנער, דאָס קימערט אים נישט; אָבער לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז אַלע אָנגעקלאָגטע זענען הונדערט־פּראָצענטי־קע רוסן — וואָס באַווייזט דאָס? סינקלער לואיס, למשל, איז דער אַמעריקאַנער „ביט"־שרייבער, קאָן מען דערפאַר זיין „בע־ביט"־פּסיכאָלאָגיע אָנווענדן אויף אַלע אַמעריקאַנער? און אַנ־דער „טיימס"־שרייבער, וואָס האָט באַזוכט טראָצקין אין מעק־סיקע, וווּנדערט זיך, וואָס אין אַזאַ האַלב־טראָפּיש לאַנד, וואָס האָט די טבע איינצושטילן די בלוטן, איז טראָצקי פונדעסטוועגן געבליבן אַזוי שטורמיש... דערביי פאַרגעסט ער צוויי זאַכן, ערשטנס, אַז טראָצקי איז אין מעקסיקע בלויז געציילטע וואָכן; צווייטנס, אַז גראָד די מעקסיקאַנער זענען זייער היים־בלוטיקע און אַז מעקסיקע איז דאָס לאַנד פון שטענדיקע רעוואָלוציעס...

איך דערמאָן די צוויי חכמים פון דער „טיימס", בלויז, כּדי צו ווייזן, אויף וויפל מ'קאָן זיך פאַרלאָזן אויף באָאָבאַכטונגען פון אַזעלכע שרייבער; אָבער אַבי איינער שרייבט מער־ווייניקער גינ־ציק פאַר סטאַלינען, ווערט ער ביי די קאָמוניסטן אַ גאַנצער הייל־קער, אַ גאון, יעדנפאַלס דער בעסטער עדות. דעמאָלט איז כּשר די „טיימס". זאָל אָבער אַ מיטאַרבעטער פון דער „טיימס", צי פון וועלכער אַנדערער גרויסער צייטונג, אַרויסזאָגן אַ וואָרט פון קריטיק אויפן סאָוויעטן־פאַרבאַנד און איר וועט זיך מיט זיינע רייד באַנוצן, וועלן די קאָמוניסטן אויפהויבן אַ געשריי: אהא, איר שטיצט זיך אויף אַ שרייבער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונג!

יאָ, אַזוי זענען זיי, אונזערע קאָמוניסטן. אָט, למשל, אין דעם דערמאָנטן „אָפענעם בריוו צו די יידישע שרייבער" פאַרזוי־כערט דער מחבר, אַז גלאַטשטיין, לעיעלעס און אַלמי „קוקן אַרויף מיט ליבשאַפט און צוטרויען" צו טראָצקין, כאָטש דער דאָזיקער ייד ווייסט גאַנץ גוט, אַז נישט גלאַטשטיין און נישט איך זענען טראָצקיסטן. וואָס איז נוגע מיר, האָב איך טראָצקין נישט קיין סך ליבער פון סטאַלינען. טראָצקי איז באַגאַנגען גענוג מערדערייען, בעת ער האָט געהאַט די מאַכט; ער איז עס אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ירידה פון דער רוסלענדישער רעוואָ־לוציע, אָבער איצט איז ע ר דער קרבן — און נישט ער אַליין:

הונדערטער אַלטע רעוואָלוציאָנערן ווערן צוזאַמען מיט אים באַ־שולדיקט אין ווילדע, אומזיניקע, אידיאָטישע זאַכן, וואָס שענדן דעם נאָמען פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, פון דעם נאָמען „רעוואָלוציאָנער"; וואָס שפּילן די פאַשיסטן אין די הענט אַריין, העלפן דער רעאַקציע און שוואַכן אָפּ די הענט פון אַלע, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער, שענערער וועלט.

איז דאָס נישט קלאָר?

און איז נישט קלאָר, אַז די קאָמוניסטן שרייען אַזוי, נישט מחמת זיי גלויבן טאַקע ביי זיך אין האַרצן, אַז טראָצקי, זינאָ־וויעוו, ראַדעק, סאָקאָלניקאָוו און די אַנדערע האָבן זיך פאַרבונדן מיט נאַצים און יאַפּאַנער און אַז סטאַלין איז דער איינציקער היטער פון דער רעוואָלוציע, דער גערעכטסטער און קלוגסטער פון אַלע מענטשן; זייער געשריי נעמט זיך קודם דערפון, וואָס זיי ווילן פאַר־שרייען דאָס פּיצעלע געוויסן, וואָס איז נאָך אין זיי פאַרבליבן; און דאַן — ווייל מ'דאַרף היטן די פּאַרטיי־ליניע. גערעכט, צי נישט גערעכט — ס'איז מיין פּאַרטיי. ווידער לויט דעם אַלטן רע־אַקציאָנער־שאָוויניסטישן כּלל: „מיין פאָטערלאַנד — גערעכט, אָדער אומגערעכט".

מיט מיין גאַנצן ווידערווילן צו די קאָמוניסטן, קאָן איך זיך, ווי איר זעט, נישט פאָרשטעלן, אַז זיי זענען באמת אַזעלכע בהמות, צו גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון די מאָסקווער פּראָ־צעסן; איך שטעל זיך אויך פאָר, אַז ביי זיך ווייסן זיי גאַנץ וווּיל, אַז מ'קאָן זיין אַ גוטער קאָמוניסט און פונדעסטוועגן נישט גלויבן, אַז סטאַלין איז דער קלוגסטער און גערעכטסטער מענטש, פּונקט ווי מ'קאָן זיין אַ גוטער ציוניסט, נישט גלויבנדיק, אַז אַלץ, וואָס ד"ר וויצמאַן טוט, איז אויסער קריטיק, אָדער ווי מ'קאָן זיין אַ גוטער יידישיסט און צו דער זעלבער צייט נישט מיינען, אַז אויב ד"ר חיים זשיטלאָווסקי זאָגט עפּעס, איז פאַרפאַלן... די קאָמוניסטן פון דער „פרייהייט" און „דעילי וואָרקער" פעלט פּשוט מוט צו רעוואָלטירן — שרייען זיי אויף אַנדערע. איר זעט דאָך, וואָס עס טרעפט מיט מוטיקע קאָמוניסטן — פריער מיטן

מיט־רעדאַקטאָר פון „דעילי וואָרקער", דזשיימס קייסי, און לעצטנס מיטן רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער רוסיש־קאָמוניסטי־שער צייטונג „נאָווי מיר" — אַרויסגעוואָרפן און פּאַרטיק. אַ גע־טרייער קאָמוניסט מוז צובאַמקען צו אַלץ, וואָס דער קאָמוניסטי־שער פויפּסט אין מאָסקווע זאָגט און טוט; אַ געטרייער קאָמוניסט מוז זיין ווילנלאָז, געוויסנלאָז, אַ טרום און אַ לעמעשקע.

פירער־קולט

די טראַגעדיע פון אונזער צייט דריקט זיך אויס נישט נאָר אין דער צעיושעטער רשעות, וואָס איז באַפאַלן די וועלט, נאָר אויך אין דער גלייכגילטיקייט צום ווייגעשריי פון קרבן; נישט נאָר אין די מעשים־תעתועים פון די פאַרשיידענע דיקטאַטאָרן, נאָר אויך אין דער שטילער הסכמה, ווי אין דער אָפענער אַפּאָלאָ־געטישער און פּלומרשט אידעאָלאָגישער באַרעכטיקונג מצד אַלער־ליי פיינע לייט, וואָס גלאָצן די אויגן און שפּילן די ראָלע פון צדיקים, צווישן זיי שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט צוטרוי צו זייער וואָרט און דרך־ארץ פאַר זייער מיינונג, אַלצאיינס, צי מיר זענען יאָ, אָדער נישט איינשטימיק געווען מיט זיי.

אַ פּחד באַפאַלט, ווען מיר דערהערן פּלוצים, ווי מענטשן פון אונזער אייגענעם קרייז, פון אונזער אייגענער שטוב; ווי מענטשן, וואָס מיר האָבן יאָרנלאַנג זיך באַגעגנט מיט זיי, מיט־געאַרבעט מיט זיי אין פאַרשיידענע באַוועגונגען און אין אָרגאַני־זאַציעס און געזעסן מיט זיי ביי איין טיש, פאַרטיידיקן און באַ־רעכטיקן גזלה און רציחה, בלבול און שקר און אַלע פינסטערע מעשים אין אונזער אומגליקלעכער צייט. דאָס געפיל, וואָס מיר לעבן דערביי איבער, איז ווי פון איינעם, וואָס אַנטדעקט פּלוצים אין זיין אייגן הויז, אין זיין אייגענער משפּחה, אַ מאַניאַק, אַ משוגע־געוואָרענעם, אין וועלכן ס'האָט זיך „באַזעצט" אַ לוסט צו מאָרדן און איבערן הויז שוועבט שטענדיק די מורא, אַז דער

מטורף וועט אומגעריכט אימיצן פון די שטוביקע דערלאַנגען מיט
אַ האַק איבערן קאָפּ.

לאָמיר, אדרבא, אַ קוק טון אין אונזער אייגענער שטוב —
אין דער ייִדישער שטוב. וואָס זעען מיר? ייִדישע שריפטשטעלער
און קולטור־טוער, מענטשן פון אונזער אייגן בלוט און פלייש,
אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען זייער דערציִונג אין חדרים און אין
ישיבות, זענען געוואָרן די ליידנשאַפטלעכע פּאַרטיידיקער פון מאָסן־
מאָרד; זיי טאַנצן מיט התפעלותדיקער שמחה איבער די הונ־
דערטער און טויזנטער קברים, וואָס דער גרויזאַמער דיק־
טאַטאָר, סטאַלין, פאַרפלאַנצט טאָג־טעגלעך איבער אַ זעקסטל
פון דער ערד. און אויב אימיצער דערוועגט זיך צו צווייפלען אין
דער גערעכטיקייט פון די שוידערלעכע מאָרדן, אָדער פון די אַראַ־
בישע רציחות אין ארץ־ישראל, ווערט ער פאַרשריגן און באַשפּיגן,
ווי דער ערגסטער.

מילא, האָבן מיר נאָך ווי־עס־איז געשאַפן אַ מחיצה צווישן
אונז און סטאַלינס משרתים אויף יוניאָן סקווער. נאָך אין 1929,
בעת די ייִדיש־קאָמוניסטישע פּרעסע האָט מיט פרייד זיך סאָלי־
דאַריזירט מיט די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, נאָך דער שחיטה,
וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג אין
ארץ־ישראל, האָט מען די „פרייהייט”־שרייבער אַרויסגעוואָרפן פון
י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַריין. דעמאָלט האָבן אויך עטלעכע מיטאַר־
בעטער פון דער „פרייהייט” זיך עפנטלעך אָפּגעזאָגט ווייטער
מיטצואַרבעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאָגראָם־צייטונג. זייער
אַרויסטריט איז האַרציק באַגריסט געוואָרן אין דער ייִדישער
וועלט. ס'איז געווען אין דעם אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג, וואָס האָט
באַוויזן, אַז גישט אַלץ איז נאָך הפקר.

אָבער איצט? קאָנען מיר איצט אויך האָבן אַזאַ מאָראַלישע
באַפרידיקונג? אַלע סימנים ווייזן אונז, אַז — נישט. בעת היט־
לער מאַרשירט איבער אייראָפּע; בעת אַביסיניע ליגט דערוואָרגן,
כינע פאַרבלוטיקט אונטער די טריט פון מיקאַדאָס האָרדעס און
שפּאַניע גוססט אין די לאַפּעס פון פראַנקאָ, מוסאָליני און היט־
לער; בעת סטאַלין פּראַוועט זיינע שענדלעכע און בלוטיקע אָר־

גיעס, ווי די וועלט וואָלט שוין אינגאַנצן געווען הפקר פאַר די דעספּאָטן און טיראַנען — אין דער אייגענער צייט איז אויך די ייִדישע גאַס הפקר געוואָרן. מיר זעען דאָ אַ מוראַדיקן אַראָפּפאַל פון מאָראַלישן ניווא, אַ הימל־שרייענדיקע דעגראַדאַציע און ירידה.

די מחיצה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1929 צווישן די ייִדישע קאָמוניסטן און דער איבעריקער — אָנשטענ־דיקער — ייִדישער וועלט, איז אומגעוואָרפן געוואָרן. און אומר געוואָרפן האָבן זי מענטשן פון אונזער אייגענעם קרייז, אַזעלכע, וואָס האָבן אַלעמאָל געשווידערט פון די מאָסקווער מעשים־תעתועים. גראָד אין דער צייט פון סטאַלינס ערגסטע פאַרברעכנס זענען זיי געוואָרן זיינע פאַרטיידיקער; גראָד אין דער צייט, וואָס די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן דורך פּראָקלאַמאַציעס אָפן גערופן די אַראַבער צו פּאָגראָמען אויף ייִדן אין ארץ־ישראל — אָפענער און אומפאַרשעמטער ווי אין 1929 — האָבן זיי מיט דער קאָמוניסטי־שער אונטערוועלט געשלאָסן אַ פאַרייניקטן פראָנט, כּלומרשט פאַר דער טובה פון דער ייִדישער קולטור. דאָס אַליין איז דאָך שוין דער ביטערסטער חוזק — אַ קולטור־פראָנט מיט די ערגסטע שונאים פון דער קולטור, איבערהויפּט פון דער ייִדישער; אַ קול־טור־שותּפות מיט די, וואָס זייער גאַנצע קולטור דריקט זיך אויס אין קנעכטיש־חניפהדיקע לויב־געזאַנגען צום קאַווקאַזער טיראַן, סטאַלין.

אַפילו לייוויק, וואָס איז נאָך די לעצטע מאָסקווער פּראָצעסן אַנטוישט געוואָרן אין זיינע פריִערדיקע געצן און אויסגעשריגן אַ פּראָטעסט — אַפילו ער טרייסלט זיך אַליין נישט אָפּ פון דעם פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן, פון זייער „איקוף” און פון אַנדערע קאָמוניסטישע קאַמופלאַזש־אָרגאַניזאַציעס; ער טרעט ווייטער אַרויס אויף איין טריבונע מיט די עוכרי־ישראל אָלגין, משה כ״ץ און די אַנדערע קאָמוניסטישע פּאָגראָם־העצערס און קברים־טענצער. פרעגט זיך: ווי אַזוי זאָל דער עולם גלויבן אין דער ערלעכקייט פון וואָרט? ווי אַזוי זאָל ער אַנטרינען פון דעם ציניזם און הפקרות, וואָס האָט זיך צעבושעוועט אין דער ייִדישער גאַס?

אָט איז נאָך אַ ביישפּיל פון אונזער מאָראַלישער ירידה:

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע שרייבער האָט אַ קאָלעגע פאָרגעשלאָגן, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן נעמען אַ שטעלונג צו ד״ר זשיטלאָווסקיס בלבול אויף דער יידישער פּרעסע, אַז זי גרייט־צו דעם באָדן פאַר היטלערן. דער פאָרשלאַג איז געווען פולשטענדיק אין אָרדנונג. דערביי איז דער טאָן פון דעם פאָרשלאַג־מאַכער געווען אַ רויִקער, אָן וועלכער־עס־איז באַליידיקונג אויפן חשבון פון ד״ר זשיטלאָווסקי. און אין דער מינוט האָט באמת דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון פון פרייד, וואָס יידישע שרייבער באַנוגענען זיך נישט מיט ריין־פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, נאָר זענען אויך גרייט צו רעאַגירן אויף אַרויסטריטן, וואָס רירן אָן דעם כבוד פון דער יידישער פּרעסע, ווי פון יידישן נאָמען בכלל.

אָבער וואָס איז געשען?

אָן אָנגעזעענער יידישער שריפטשטעלער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ ווילדער רציחה און גענומען האַגלען באַליידיקונגען אויף די פאַרזאַמלטע יידישע שרייבער, כאָטש אייניקע פון זיי זענען געווען קעגן דעם פאָרשלאַג און אַנדערע האָבן געוואָלט דעם ענין איבערגעבן צו אַ קאָמיסיע. „ווער זענט איר, — האָט דער אויפגעקאָכטער שריפטשטעלער געשריגן — צו משפּטן ד״ר זשיטלאָווסקין? דרך־ארץ פאַר אַ תּלמיד־חכם! אייער האַנדלונג איז היטלעריזם! יאָ, דאָס איז היטלעריזם!״ קיינמאָל פריִער האָב איך נאָך יענעם שרייבער נישט געזען אין אַזאַ רציחהדיקן אויפקאָך, ווי אין יענעם מאָמענט, בשעת ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זשיטלאָווסקין און — פאַר פ ר י י ע ר מ י י נ ו נ ג, וואָס די פאַרזאַמלטע שרייבער ווילן אונטערדריקן.

דער אויפגעקאָכטער שרייבער האָט לחלוטין נישט קיין טראַכט געטון, אַז פרייע מיינונג ווילן אונטערדריקן נישט די פאַרזאַמלטע, נאָר דווקא אַזעלכע, ווי ער, וואָס גלויבן, אַז קיינער האָט קיין רעכט נישט אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג וועגן זייער אַ קאָלעגעס— מיינונגען; ער האָט זיך אויך נישט קיין פראַג געטון, צי ס׳איז יושרדיק, אַז אַ שרייבער — זאָל ער אפילו זיין אַ תּלמיד־חכם — מעג אַ שפּיי טון דער גאַנצער יידישער פּרעסע און דעם גאַנצן

ייִדישן פֿאָלק אין פּנים אַריין, און אַנדערע שרייבער, וואָס זענען נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע תּלמידי־חכמים, טאָרן אַפֿילו קיין פּיפּס נישט טון קענען — אָדער אַפֿילו בלויז וועגן — דעם שפּיי... דער צעהיצטער רעדנער האָט מסתּמא אויך נישט געפֿילט, אַז נישט דער פֿאַרשלאָג, צו נעמען אַ שטעלונג לגבי זשיטלאָווסקים בלבול, איז היטלעריזם, נאָר זיין אַנפֿאַל אויף די פֿאַרזאַמלטע איז ריינער היטלעריזם.

וואָס איז דער סאַמע עיקר פֿון היטלעריזם, פֿון די פֿאַשיסטיש־קאָמוניסטישע דיקטאַטורן בכלל? — דאָס איז דער פֿירער־פּרינציפּ. דער פֿירער איז שטענדיק גערעכט. דער פֿירער איז איבער און אויסער און העכער פֿון יעדער קריטיק. מען טאָר אים נישט קריטיקירן. זיין וואָרט איז געזעץ. זיין יעדע נאַרישקייט איז חכמה. זיין יעדע רשעות איז צדק.

ס'האָט נאָך געפֿעלט, אַז דער היציקער רעדנער זאָל אויסשטרעקן די האַנט אין סאַלוט און אויסשרייען:

— הייל זשיטלאָווסקי!

פּלאַטאָ האָט געזאָגט: „צווישן סאָקראַטעסן און דעם אמת, קלייב איך אויס — דעם אמת". און פּלאַטאָ איז געווען סאָקראַטעסעס אַפּאָסטאָל. ווען נישט פּלאַטאָ, וואָלט מען פֿיל נישט געוווּסט פֿון סאָקראַטעסן. דאָך איז דער אמת ביי אים העכער געווען פֿון זיין רבין. אונזערע היינטיקע פּלאַטאָלעך זאָגן אָבער: „צווישן זשיטלאָווסקין און דעם אמת; צווישן זשיטלאָווסקין און לאָגיק; צווישן זשיטלאָווסקין און קאָנסעקווענץ, קלייבן מיר אויס — זשיטלאָווסקין". דאָס זאָגן אויך די סטאַליניסטן און היטלעריסטן וועגן זייערע „פֿירער". דאָס איז די מאָראַלישע ירידה פֿון אונזער דור.

אַן אַנדער שריפֿטשטעלער האָט אויף דער זעלבער פֿאַרזאַמלונג אַרויסגערוקט גדולי־התּורה פֿון פֿאַרצייטנס און אין אונזער צייט, וואָס האָבן, פּונקט ווי זשיטלאָווסקי, געשטראָפֿט ייִדן, אונז מוסר געזאָגט, באַנוצט זיך אַפֿילו מיט האַרבע רייד — און אויך זיי האָט מען, פֿאַר זייער קריטיק, ממש געוואָלט דורסן. דער אויס־

פיר דאַרף דעריבער זיין, אַז מען מעג מוסר זאָגן. דאָס הייסט: ד״ר זשיטלאָווסקי מעג מוסר זאָגן אַנדערע — דעם גאַנצן פאָלק ישראל — נאָר אַנדערע האָבן נישט קיין רעכט מוסר צו זאָגן — זשיטלאָווסקין.

איז שוין ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אַ רבי חיים, דער גרויסער בעל־מוסר!

ס'איז אָבער דאָ מוסר און — מוסר.

שטראָפן יידן, פאַרוואָס זיי פירן זיך נישט אויף לייטיש, פאַרוואָס זיי גייען נישט אין גאַטס וועגן, קריגן זיך אַרום, גיבן נישט גענוג צדקה און טוען נישט גענוג מעשים טובים — אַזאַ שטראָף איז איין זאַך. און די שטראָף, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי שטראָפט מיט איר דאָס פאָלק ישראל, איז ווידער אַן אַנדער זאַך. דאָס איז אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען, וואָס מיר זאָלן פון אַזעלכעס אויסגעהיט ווערן...

און וואָס באַשטייט ד״ר זשיטלאָווסקיס מוסר? ווען מ'זאָל זיינע אַרויסטריטן קלאַסיפיצירן און זיי רעדוצירן צו די סאַמע וויכטיקסטע מוסר־זאָגענישן זיינע, וועלן מיר באַקומען אַזאַ סך־הכּל:

1. ד״ר זשיטלאָווסקי שטראָפט דאָס יידישע פאָלק, פאַרוואָס עס וויל נישט אָנערקענען יעזוס קריסטוסן.

2. ד״ר זשיטלאָווסקי שטראָפט דאָס יידישע פאָלק, פאַרוואָס עס וויל נישט אָנערקענען סטאַלינען און שפּרינגט נישט קיין ,,קדוש'' פאַר אים, וואָס דער מאָסקווער דיקטאַטאָר טוט.

3. ד״ר זשיטלאָווסקי שטראָפט דאָס יידישע פאָלק, פאַרוואָס עס טאַנצט נישט אין די גאַסן פון שמחה צוליב היטלערס פאַרכאַפּן עסטרייך.

אָט דאָס זענען בלויז דריי פון אַ גרויסער צאָל אַזעלכע שיינע און קאָנסעקווענטע אַרויסטריטן מצד דעם תּלמיד־חכם און מוסר־זאָגער, הרב רב חיים זשיטלאָווסקי שליט״א.

און זיינע אָנהענגער זאָגן אונז, אַז מיר טאָרן אים אפילו נישט ענטפערן.

איצנד, אין דער צייט פון היטלעריזם און סטאַליניזם, האָט זיך אויך בײַ אונדז פאַרשטאַרקט דער פירער־קולט. פרעגט זיך: איז אַלץ באמת הפקר? װעלן מיר זײַן שװײַגנדיקע עדות פון דעם שדים־טאַנץ אויף דער ייִדישער גאַס — אַ שדים־טאַנץ, װאָס צעטרעט און צעטראָמפּלט אַלץ, װאָס איז אונדז הייליק און טײַער, אַלץ, װאָס איז נאָך שיין און עטיש אין אונדזער סביבה? װעלן מיר פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק צו אַזעלכע אַקטן אין אונדזער אייגן געצעלט?